נייע פערנרעסערטע אויסגאבע

# רפאל נעריצך

פון

## אב. קאַהאַן

פרייז 25 סענט

ארויסגעגעבען פון
„פאָרווערטס" אסאסיאיישאָן
1917

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

755

# רפאל נעריצך

אן ערצעהלונג וועגן א סטאָליער וואָס איז געקומען צום שכל.

6-טע אויסגאַבע — 1917

פון אב. קאהאַן

All rights reserved.

Copyright, 1907,
By ABRAHAM CAHAN.

# פאָררעדע צו דער אויסגאַבע

## פון יאָהר 1917

דאָס איז דיא זעקסטע אויסגאַבע פון „רפאל נעריצד“. צום ערשטען מאָל איז דאָס ווערק ערשיענען אין יאָהר 1894, אין דער וועכענטליכער „אַרבייטער צייטונג“. אַ יאָהר שפּעטער איז עס איבערגעדרוקט געוואָרען אין דער טעגליכער „אַבענד־בלאַט“, און אַ קורצע צייט נאָכדעם איז עס ארויסגעגעבען געוואָרען פון פעראייניגטע אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציאָנען אין צוויי טהייל. דיא אויסגאַבע איז געוועזן פערשפּרייט אין דיא פעראייניגטע שטאַאַטען און אין רוסלאַנד. זיא איז אין גאַנצען אויסגעגאַנגען, און עטליכע יאָהר איז דיא ערצעהלונג ניט געווען צו בעקומען; אָבער דיא נאָכפראַגע איז געווען אַ גרויסע. ענדליך, אין 1907, איז אָבגעדרוקט געוואָרען אַ נייע אויסגאַבע פון צעהן טויזענד עקזעמפּליאַרען. דאָס איז אַלזאָ געווען דיא פיערטע אויסגאַבע. אין איהר איז דאָס ווערק געווען פערגרעסערט. עס איז אריינגעבראַכט געוואָרען אַ נייע פּערזאָן; עס זיינען צוגעגעבען געוואָרען געוויסע געשפּרעכען, און עס איז צוגעלייגט געוואָרען א גאַנצער קאַפּיטעל.

דיא פיערטע אויסגאַבע און דיא פינפטע זיינען שוין אויך לאַנג אויספערקויפט. דיא פינפטע אויסגאַבע איז געווען דיא זעלבע וויא דיא פיערטע, נאָר אַ פערבעסערטע: עס זיינען פערריכט געוואָרען געוויסע דרוק־פעהלערען.

דאָס איז דיא זעקסטע אויסגאַבע.

א. ק.

# אינהאַלט-פערצייכניס:


1. אין קרוליץ.
2. אין אַ נייע וועלט.
3. רפאל לערנט דאָס איבער מיט שרה גיטלען.
4. אוים נעריצך.
5. שרה גיטלען אויף להכעים רעדט רפאל קאַפּויר און דעררעדט זיך צו אַ שכל.
6. שיר השירים.
7. דיא פאַבריקען שלינגען זיך, ווערגען זיך שלינגענדיג און ברעכען אוים אַרבייטער.
8. רפאל בעזיעגט אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס.
9. רפאל נעהמט איין אַ פעסטונג.
10. רפאל גיט אַ׳ן אַדוואָקאַט האַנד־געלד.
11. רפאל בעט דאָס וואָרט.
12. רפאל בעקומט דונערס פון אַפּלאָדיסמענטען.
13. דיא וועלף אַליין וועלען זיך דיא צייהן פון דיא מיילער ניט אַרויסרייסען.
14. צי מעג אַ קהל פון אַרבייטענדע מענשען אוועקנעהמען ביי דיא קאַפּיטאַליסטען זייער אייגענם?
15. וויא קען רפאל׳ם פלאַן מקוים ווערען?
16. קען מען דיא וועלט איבערמאַכען נאָך אַ׳ן אויסגער־קלערטען פלאַן נאָך?
17. אַ׳ן עלעקטרישער פונק טרייבט פון רפאל׳ן אַרוים זיין לעצטען פונק אידישקייט.
18. רפאל טהוט אוים זיין מאַסקע.
19. „ניט רייכער, ניט פרימער, אָבער מעהר מענש“.
20. שרה גיטלען פערווילט זיך צו געהן מיט רפאל׳ן אויף אַ „פאַרטי“.
21. וויקער׳ם געשיכטע.

1.

# אין קרוליץ.

„אז רפאל פֿאַלירט אָב א שטיקעל האַלץ, דאַרף מען קיין שפּיעגעל ניט"; „אז רפאל'קע נעריצך לאָזט ארויס א שטיקעל ארבייט, רעדט דאָס אזש" — דיעזע שבחים האָבען דערגרייכט עטליכע מייל ארום קרוליץ. און איהר האָט בעדאַרפֿט רפאל'ען זעהן ביי דער ארבייט: מיט אן ערנסטען פּנים, מיט א פערטיעפֿטען קוק, אזוי וויא דיא גאַנצע נשמה זיינע וואָלט ער דורך'ן זעג, דלאָט און הובעל אין דיא טויטע שטיק האָלץ אריינגעלאָזען, — גלייך וויא ער וואָלט איהר לעבעדיג געוואָלט מאַכען. און ווען עס איז פארטיג געוואָרען, האָט עס טאַקע ביי איהם געלעבט און טאַקע עפּעס אזוי וויא גערעדט. ער פלעגט שטיין און בעקוקען דעם טישעל אָדער דעם עלמעריל, און בויגען דעם קאָפּ אָן איין זייט, אָן דעם אנדער זייט, וויא א מאַמע וואָס באַקוקט אן אויסגעפּוצטע בת־יחידה; און דער טישעל פלעגט, דאַכט זיך, צוריק קוקען מיט חן, פאַרפּעסציעט וויא א בת־יחידה.

„רפאל! רפאל! דיא גרויפען ווערט דאָך קאַלט". אָבער רפאל הערט, רפאל מאָרגען! רפאל איז אריינגעטאָהן אין זעגען, האַקען, דלאָטעווען, קלייענען, הובלען, — אן אויסגעצויגענער מיט'ן גאַנצען גוף איבער'ן ווארשטאַט, מיט דיא ציפּקעלעך קוים אָנ־ריהרענדיג דיא פּאָדלאָגע, חובעלט ער און הובעלט און זינגט דער־ביי צו הויך און פריילעך מיט קונציגע חזן'ישע דריידלעך.

און וואָס מעהר הנאה ער האָט געהאַט פון דער ארבייט, אַלץ בעסער האָט זיך ביי איהם אין האלז געדריידעלט, אַלץ פרישער האָט זיין קול'כיל געקלונגען. און דער הובעל האָט איהם געציילט דעם טאַקט.

א מאָל איז דורכ'ן שטעדטעל דורכגעפאָהרען א בעריהמטער חזן און האָט שבת געדאַווענט מוסף. רפאל איז געשטאַנען מיט דיא מויל נאַסטעזש אָפען און האָט געשלונגען יעדען „ליי־דיי־טערידי". דעם בעריהמטען חזן'ס „נעריצך" איז לאַנג ביי אַלעמען אין

כאָגען געלעגען. אָבער קיינער האָט איהם ניט געקענט אזוי אויס־דרייען מיט אלע קליפּערלאַך וויא רפאל; און אפשר אַ האַלב יאָהר נאָך אנאנד האָט זיין הובעל קיין אנדער נגון פון איהם ניט געהערט. דערנאָך פלעגט ער זינגען אַנדערע נגונים אויך; אָבער, ווען נור ער פלעגט זיך פערטיעפען אין א שטיקעל ארבייט, וואו ער האָט געקענט בעווייזען ווער רפאל איז, פלעגט שוין דער „נעריצך“ זיך אליין נעהמען ארויסוויקלען פון האַלז און פארשרייען דיא שטוב מיט אַ שטיק וועג ארום.

פאר וואָס עפּעס גראָד דעם דאָזיגען „נעריצך“? וועט איהר פרעגען. רערט מיט רפאל׳ען, וועט ער אייך זאָגען, אז ער איז „אויסגעדריידעלט קונציגער“ וויא אַלע נגונים. אָבער דער דור־שטיגער, ביינקעדיגער שמייכעל, מיט וועלכען ער פלעגט דעם נעריצך זינגען, האָט געוויזען גאָר אויף אַן אַנדער זאַך. צו רפאל׳ס כאַמע הארץ האָט דער נגון גערעדט; ער האָט איהר געצופּט, געגלעט, גענגריזשעט, דיא הארץ. און דאָס האָט רפאל אָנגערופען „קונציג אויסגעדריידעלט“. איין מאָל ביי׳ן עסען, באַלד נאָך דעם וויא דער פערפאסער פון דעם נעריצך איז פארשוואונדען, האָט רפאל זיך פארקלעהרט, מיט א פולע מויל באַטשווינע מיט ברויט, און געזאָגט: דאכט זיך אזא גראָבער נאָז און אזא מיאוס׳ע באָרד, און האָט אזא „נעריצך“ אויסגעזונגען. וואו נעהמט זיך דאָס ביי איהם?

שרה גיטעל האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן וויא אויף אַ משוגענעם, און אַ קוועטש געטאָהן מיט דיא פּלייצעס, אזוי וויא זיא וואָלט זאָגען: „וואָס באַלבעט ער, דער משוגענער!? ער וויים זעהר וואָס זיין צונג טאַלעלאַיעט!“ וואָס רפאל האָט געמיינט צו זאָגען איז געווען, אז דער חזן האָט געהאַט אַ פּראָסטען פּנים אָהן אַ ברעקעל נייסטיגען לעבען אין זיין געשטאַלט, און ער, רפאל, האָט זיך דעריבער געוואונדערט פון וואַנען עס נעהמט זיך ביי איהם אזא טיעף־אומעטיגער, אזא הארצעדיגער, נשמה׳דיגער נגון.

ווען דער דורכגעפאָהרענער חזן איז שוין ניט געווען און מען האָט זיך דערוואוסט, אז רפאל דער סטאָלער קען איבערזינגען דעם „נעריצך“, פלעגט מען איהם פארמאַטערן. אַ לץ האָט איהם דאָן אַ נאָמען געגעבען „רפאל׳קע נעריצך“ און אזוי איז עס געבליעבען;

און פון דיא האלב טוץ צונעמענעסען, וואס ער האט פריהער גע־האט, איז געווארען זיעבען.

פאר קיין הכם האט מען רפאל׳קען אין שטעדטעל ניט גע־האלטען, און זיין ווייב האט אויך געהאט אזא מיינונג. אבער דיעזע מיינונג האט געשטאמט בלויז פון דעם, וואס ער האט ניט געוואוסט וויא צו ריידען מיט א קונד, וויא איינצוריידען מעלות, פאררייידען חסרונות, וויא פון געשעפט ווענען א מאל א ליגען צו זאגען. דיעזע אלע זיעבען זאכען פלעגט ער איבערלאזען זיין שרה גיטלען. און ער אליין איז געוועזן א מענש אהן המצאות, א פראסטער חי וקים, וואס אויף׳ן לונג דאס אויף׳ן צונג, וואס געערדט, דאס געמיינט; און אזעלכע מענשען האט מען אין קרוליץ געהאלטען פאר נאררעלאך.

אזוי אבער האט ער פערשטאנען א געשעפט. און, ווען מען פלעגט איהם זאגען א ליגען, פלעגט ער גלייך דערקענען נאכ׳ן נאז און פלעגט אויסשיכען: „אבער ברודער, ביזטו פערפאהרען מיט דיא האלאבלעס“!

צו ער איז אבער געוועזן א חכם צו ניט קיין חכם — דאס האבען אלע אין שטעדטעל צוגעגעבען, אז קיינער איז ניט אזא בריה אויף אזעלכע קונציגע „פאצעצעס“ (וויא ער פלעגט דאס אליין רופען) וויא רפאל דער סטאלער. ווער האט אין שול צוגע־ריכט א „פאצעצע“, אז דיא ליכט זאלען זיך אליין אנצינדען, — יעדע וואס געהט אויס זאל דורך א לאנגען צוגעבונדענעם קנויט אנצינדען אן אנדערע, און עס זאל אזוי זיין פייער פון פרייטאג ביז אויף „אשרי תמימי דרך“ צו זאגען, גאר אהן סטאסוק׳ען דעם שבת־גוי? — ווער? רפאל. ווער האט געמאכט א המן־קלעפעל מיט פייער און צוואנציג העמערלעך, מיט אזא „פאצעצע“, אז ווען מען דרעהט דיא הענטיל געהט אויבען ארויס המן און פיהרט מרדכי׳ס פערד פאר׳ן צאם? רפאל. ווען ביי טויבע דיא שיינקערקע פלעגט פארפאלען ווערען געלד פון טיש־קעסטעל, ווער האט צוגעריכט אזא „פאצעצע“, אז יעדעס מאל, ווען דער טיש־קעסטעל פלעגט זיך עפענען, פלעגט עס געבען א קלונג, — הגם דעם גלעקעל האט מען ניט געקענט געפינען? רפאל!

רפאל האט זעהר ליעב געהאט צו קלערען. א הוץ א פיינע שטיקעל ארבייט, א חוץ א גוטען חזן און א געראטענעם טשאלענט

פון בעבלאך, האט ער מעהר פון אלץ חשק געהאט צום קלערען. וועגען וואס? — וועגען וואס ניט? ! קלעהרענדיג פלעגט זיין מח אפט פערקריכען איך ווייס ניט וואו. אמאל פלעגט ער פון דאַרטען ברייננגען עפעס א נייע „פאצעצע" און אמאל גלאט אזעלכע רייד, פאר וועלכע מען פלעגט איהם אפט רופען „באלבעטון". אנ־שטאט „פארמאך דיא לאדען", למשל, פלעגט ער ליעב האבען א זאג צו טהאן: „פארלעש דיא פענסטער"; געלד האט ביי איהם געהייסען „מערען צימעס", און ווען דער פראצענטניק פלעגט געהן דאווגען, פלעגט רפאל זאגען, אז ער געהט פאררייידען דעם רבונו של עולם דיא צייהן.

איין מאל האט רפאל געקראגען ארבייט ביי א פריץ עפעס א סך לייסטען אזעלכע צו מאכען. עס איז געווען ארבייט אויף א היבשע צייט. רפאל האט געהאט צו זעגען און צו זעגען — מעהר פון אלץ צו זעגען. רק דיא זעלבע ארבייט איז איהם מיאוס געוואָרען. קיין קונצען האבען אין דעם ניט געשטעקט—א פראסטע גלאטע ארבייט, אלץ דאס זעלבע פון אין דער פריה ביז ביי נאכט, און אויף מארגען ווייעדער דאס זעלבע. ער האט שוין ניט געקענט אויס־האלטען און פלעגט שטעהן ביי דער זעג אדער ביי דעם הובעל וויא א נעכטיגער, און פון דעם „נעריצך" איז אזוי וויא קיין שריד ופליט ניט געבליעבען. איין מאל ביי נאכט האט ער ניט געקענט אנשלאפען ווערען: ער איז געלעגען און געטראכט און אפט גערעדט צו זיך. ער האט זיך אויפגעכאפט פאר טאג און האט זיך געשטעלט מייסטרעווען א „פאצעצע".

אין עטליכע טעג ארום, געהענדיג פון בית המדרש, האט ער אריינגערופען זבל דעם שוסטער, דעם לץ, אויף א טרונק בראנ־פען. זבל האט געזעהן אז רפאל איז פרעהליך.

— דוא קוקסט מיר עפעס אויס יום טוב'דיג, רפאל — עפעס א בעל שמחה? האסטו יאהרצייט, צי וואס?—האט דער לץ גע־פרעגט.

רפאל האט איהם אבער גאר דערצעהלט, אז ער האט אויסגע־סטראיעט א פאצעצע, וואס זעגט זעקס לייסטלאך מיט אמאל און וואס מען קען צוריכטען צו יעדע מאס וואס מען דארף. ער אר־בייט איצטער א סך וויינינער און עס איז איהם ניט אזוי נעפריאט־

נע און ער האט מעהר צייט צו קאָרמען דיא ציעג, געהן זעהן דיא תבואה אויף דיא פעלדער הינטערן שטאָדט, און ווען דיא ווייב צולאָזט זיך אויף איהר, „מענה לשון מיט צוואַנציג פרושים“, קען ער אוועקגעהן אין בית המדרש און זיך צולאָזען אויף אן אפעטיט־נעם קאפיטעל תהלים.

— ארבייטסטו ווינציגער?

— אלץ הייסט ווינציגער!

— און פערדיענען פערדיענסטו דעם טאָג אַזוי וויא פריהער?

— נאָך מעהר — ענטפערט רפאל.

— טאָ שטעל זשע נאָך אמאָל בראַנפען, זאָגט דער ליץ.

און רפאל שטעלט.

קיין געלד האט ער ניט געהאַט, זיינע גאַנצע פערדיענסטען פלעגען אוועקגעהן אויף חיונה, און אמאָל פלעגט מען נאָך שבת דארפען לאָזען דעם טלית אין שיינק אויף א משכן פאר א טרונק בראַנפען. אבער מען האט זיך „געקאָפּייעט וויא עס איז“, און א ציעג איז געווען אן אייגענע און בוריקעס פון אן אייגענעם גאָר־טען אויך; קיינעם איז ער ניט שולדיג געווען און קיינער איז איהם ניט שולדיג געווען; שבת און יום טוב פלעגט מען מאַכען מיט לייטען צו גלייך; ער איז זיך געווען „סאַם כאָזיאַאין“, פאר זיך בעל הבית, וויא ער פלעגט אליין זאָגען און אליין פערטייטשען, און קיינער האט אויף איהם קיין רעה ניט געזאָגט און קיין קרומען קוק ניט געטהאָן, א חוץ זיין שרה־גיטעל אפשר.

אָפט פלעגט ער זיך אָבשטעלען בעקוקען זיין ווארשטאַט מיט זיינע געצייג און דאַן פלעגט ער זיך גאר מחיה זיין. „עס איז אלץ מיינע, ברוך השם“ — פלעגט זאָגען זיין הארץ און דיא ליפען פלע־גען צושמייכלען דערביי מיט רחבה—„מ י י נ ע הובלען, מ י י נ ע זעגען, מ י י נ ע דלאָטען, מ י י נ ע עגבויערס, מ י י ן גרונט־וואגע, מ י י נ ע טישען, אלץ מיינע, קיינעם ב“ה א גראָשען ניט שולדיג אויף דעם. הלואי ווייטער, ניט צו פארזינדיגען!“

ער האט אפילו פיינט געהאַט דעם אססעסאָר, דעם פּיאַניצע, וואָס פלעגט איהם קיין מאָל ניט בעצאָהלען פאר דיא ארבייט. וואָס ער פלעגט פאר איהם מאַכען — און מאַכען האט מען געמוזט.

נור בכלל איז קיין סכנות ניט געווען, און אַזוי האט ער זיך געלעבט
און געזעגט און געהובעלט און צוגעזונגען, ניט צו פערזינדיגען, —
ביז עס איז איהם אנגעקומען א בריעף פון זיין איינגערן ברודער
פון אַמעריקא.

דער בריעף האט רפאל'ן מיט דיא ווייב גאר פאר'שכור'ט.
שרה־גיטעל האָט גע'טענה'ט: אַז אַזאַ שטיק בראָך וויא מאיר'קע
קען ביי סטאָלעריי פערדיענען 20 רובעל א וואָך (דאס הייסט, צעהן
דאלאר. און וועגען דיא פינף חדשים וואס ער איז אומגעגאַנגען
אָהן אַרבייט, האט מאיר'קע אין בריעף ניט דערמאָהנט). וועסטו
דאָך גאָלר שמידען! רפאל, וויעדער, האט קיין נעכט ניט געשלאָפען
קלערענדיג. ער האט געקלערט וועגען דיא ווייטע, ווייטע לאַנד
איבערן ים; וועגען דיא מאַשינען מיט דיא קונציגע „פאצעצעס“,
וואס דאָרטען זעהט מען, וויא זיין ברודער האט געשריעבען; ער
האט זיך פערקלערט וועגען דעם, וויא דאָרטען איז קיין קיסר ניטאָ,
און מסתמא איז דאָך קיין אססעסאָר און קיין קלוטשוואָיט אויך
ניטאָ. און דאס איז איהם אי געפעלען געווען אי ניט, וואָרום —
וויא קען מען פאָרט אויסקומען אָהן א קיסר און אָהן א קלוטשוואָיט?
אין פרק שטעהט דאָך... און זאָ ווייטער.

הכלל, אַמעריקא איז רפאל'ן ביסלאכווייז אויסגעקומען עפעס
וויא א מין כשוף־לאַנד און איז איהם פון זינען ניט ארויס. און
דיא אונטערשטע שורה איז געווען, אז מען האט פערקויפט דיא
געצייג מיט דיא בעט־געוואַנט, מיט דיא איבריגע ביסעלע ארימ־
קייט, מיט דיא ציעג — אלץ פאר א רובעל 90 — און מען איז
אַוועק נאָך אַמעריקא.

## 2.

## אין אַ נייע וועלט.

אויף מאָרגען נאָך זיין אנקומען נאָך ניו יאָרק האט ער זיך געטראָפען מיט א „לאַנדסמאַן". מען האט זיך צוגעכאַפּט איינער צו דעם אַנדערען מיט א „בנימין! דער זעלבער בנימין, וויא אין קרוליץ, וויא איך בין א איד"! און מיט א „רפאל! ווען ביסטו גע־קומען? — איך האב גאר ניט געהערט — מיט דיא ווייב מיט אַלע־מען"? מען האָט זיך אָנגעשמייכעלט, קוקענדיג איינער אויף דעם אַנדערען. מען האָט זיך צורעדט, און רפאל האָט געשאָטען פראגען טראָיקעס־ווייז. בנימין האט קוים פּאסּפּייעט צו ענטפערן אויף איין פראַגע פון דריי. אבער עס האט ניט אויסגעמאכט: רפאל האט סיי־וויא־סיי ניט גוט צוגעהערט. איהם האט זיך געוואָלט מעהר פרעגען וויא הערען, און אַלע זיינע שאלות בסך הכל האבען אין אמת'ן אליין געהאט דעם פּשט פון א תירוץ.

ווען איהר וואָלט אין יענער מינוט געקענט צוקומען צו זיין הארצען און ביי איהר פרעגען: וואס איז מיט דיר? וואס ביזטו עפּעס וויא אין א היץ־קריינק — עפּעס וויא א צושראָקענע? — וואָלט זיא אייך געענטפערט: „איך ווייס ניט אויף וואס'ער וועלט איך בין דאָ. עפּעס א גערודער, א געשריי, א געפּילדער. פון אויבען א פּייפעריי, א סאָפּעריי, פון אַלע זייטען — א געלאַף, א הוזשעריי... ס'אַרא מאָדנע מענשען! ס'אַרא הויכע מויערן! קראָמען! וועגען, טאַטשקעס, פּאצעצעס.... עס נעהמט מיר אָן אן אימה. עס איז מיר עלענד, עס קלעמט מיר. איך ווייס אליין ניט וואס מיט מיר איז..."

ביי רפאל'ס הארץ האט אבער קיינער גאר ניט געפרעגט, און זיא האט זיך געריסען אויסצורײדען עס זאָל איהר אביסעל גרינגער ווערען. בנימין איז ניט אזא וויא דיא, וואס לויפען דאָ

ארום און שפּאַרען זיך וויא דיא פאַר'סמ'טע. דאָס איז אַ קרוליצער בנימין, „בנים'קע דעם טעפּער'ס", אַ מענש וויא אַלע מענשען. אָט פאַר איהם קען מען זיך אויסריידען. רפאל'ס מויל שעהמט זיך אַבער עפּעס צו זאָגען אויף פראָסט וואָס זיין האַרץ הייסט, און זיא זעצט איבער זיין האַרץ'ס ווערטער אויף פראַגען, וועלכע רפאל'ס אויערן הערען אפשר אַליין ניט; פון דעסטוועגען איז איהם אַ מחיה.

מ'איז אריין אין אַ שיינק, און רפאל האָט דערהערט, אַז אַ שיינק רופט מען אין אַמעריקא „סאַלון", אַבער עס איז טאַקי גאַר אַן אַנדער מאַכעריי! עס בלישצעט, עס בלאַנקט, אַזוי פיין, אַזוי רייך, און עפּעס גאַר אַנדערש וויא אין דער היים אַ שיינק. אַבער אַ שיינק איז עפּעס היימישער, עפּעס מעהר מעשה שטוב... אַ קעלט האָט געטראָגען פון דיא רייכע בלישצענעס, פון דיא שפּיגלען, פון דיא פּאָלירטע העלץ, מעש און זילבער, פון דיא הונדערטע בלאַנקעדיגע גלעזלאַך אויף קלאָר־ווייסע אויסגעשפּרייטע טישטוכער, הינטער דעם שיינקער מיט זיין געגאָלטע באָרד מיט זיין שניי־קלאָהרען פאַרטוך. דער שיינק איז קיין שיינק ניט, זיין פּוץ איז קיין פּוץ ניט, — אַזוי וויא אַלץ אין אַמעריקא...

מען האָט אנגעגאָסען בראַנפּען... ווידער ניט וויא אין דער היים! דער שיינקער האָט ניט אַליין אַנגעגאָסען, נור ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ פלעשעל מיט צוויי קורצע, קליינע גלעזלאַך און בנימין האָט פון דיא פלעשעל אין דיא גלעזלאַך אריינגעגאָסען צו ביסלאַך — ווייניגער וויא האַלבע. אין דער היים, ווען דיא שיינקערקע פלעגט ניט דערגיסען ביז'ן סאַמע ברעג, פלעגט רפאל זיך דינגען, און דאָ... ס'אַרע מאָדעס!... היינט דיא בראַנפען גופא: רויטליכע! אַזוי וויא פסח'דיגע... אַלץ איז קאַפּויר...

דיא בראַנפען איז אָבער געווען גוטע, אמת'ער פייער..... עס האָט באַלד פערברענט רפאל'ס קלעמענעס, ער איז געוואָרען אַ רפאל מיט דעם קרוליצער רפאל צוגלייך.

— נו, טאָ זאָג־זשע, וויא געהט דאָס דיר, בנימין? — פרעגט רפאל אַ דריטען מאָל.

— וויא א צדיק אויף דער וועלט — ענטפּערט בנימין, — פריהער האט מען נאָך געקענט מאַכען א לעבען ביי דיא ציגאַרען. איצטער האָט מען אָבער אוועקגעשטעלט מאַשינען און כאַטש טהו אָן א שטריק אויפ'ן האלז.

רפאל פערשטעהט ניט.

— וואס איז דאָ ניט צו פערשטעהן? פריהער פלעגט מען צאָהלען 5 טאָלער א טויזענד. וועלל, קיין גרויסער בעל מלאכה בין איך נאָך אפילו ניט; אבער א זעבצעהן הונדערט א וואָך האב איך געמאַכט, פלעג איך מיר מאַכען מיינע 8 טאָלער, שור; און אמאָל נאָך מעהר. דיא מאַשין ראָללט אָבער פיער־פינף טויזענד א טאָג.

בנימ'קע דעם טעפּער'ס לשון קלינגט רפאל'ען עפּעס האלב וויא א גוי רעדט אידיש — עפּעס „מאַכען א לעבען", „איך מ א ך מ י י נ ע אכט טאָלער", „שור" — הכלל, עס איז עפּעס אי יע בנימ'קע אי ניט בנימ'קע. רפאל איז אבער צו טיעף פארקאָכט אין א קשיא, און קיין זאַך ליעגט איהם אין זינען ניט.

— הערסט! איז דאָך נאָך בעסער! דאַרפסטו זיך דאָך פרייען; ד ו א דאגה'סט נאָך?

— וו'הייכט איך דאַרף זיך פרייען?

— סטייטש. דוא זאָגסט אליין, אַז פריהער פלעגסטו מעהר ניט מאַכען וויא — וויא פיעל?

— זעבצעהן הונדערט.

— זעבצעהן הונדערט טשוגאַרען — כאַפּט רפאל אונטער אין איילעניש און מיט השק צו פּאַקען בנימ'קען ביי א תרתי דסתרי — און איצט מיט דיא מאַשין קענסטו מאַכען פינף טויזענד. — פינף טויזענד א טאָג, זעקס מאָל פינף בעטרעפט דרייסיג, — קענסטו דאָך איצטער מאַכען דרייסיג טויזענד; — דרייסיג מאָל פינף איז וויא פיעל?

— הונדערט און פופציג, זאָגט בנימין אונטער מיט א שמייכעל, און מיט אויגען וואס ווארטען וואס דאָ וועט זיין.

— וואס שמייכעלסטו? דא מוז עפּעס זיין. איך רייד וויא מיין כסטאָלאַרכקער שכל פארטראָגט מיר. איך ווייס מעהר ניט,

אז אין דער היים זייענדיג האב איך אמאָל אויסגעקלאַבאַטשעט א פאצעצע צום זעגען לייסטלאך, וואָס פלעגט זעגען זעקס מיט אמאָל; נו האב איך טאקי אין א שעה פערדיענט פונקט וויא פריהער אין זעקס. האסטו דאָך איצטער בעראַרפט פערדיענען טאקי הונדערט פופציג דאלאר א וואָך. עס איז, דאכצעך, א פראָסטער חשבון.

—טאַ־ראַ־ראַ־בום דיא איי !—האָט בנים'קע ארויסגעשאָסען מיט א געלעכטער.

און רפאל האט זיך צום ערשטען מאָל אויף זיין לעבען ערקונ־דיגט, אַז א הוץ וואס ער איז א סטאָלער איז ער אויך נאָך עפּעס, וואָס מען רופט אין אמעריקא א גרין־האָרן. און אין א מינוט ארום האט ער שוין פערשטאנען, אַז מיט דיא צוויי ווערטער מיינט מען דאס זעלבע, וואס זיין שרה גיטעל מיינט בשעת זיא זאָגט „א פלאַ־קען בלייבט א פלאָקען". ביי רפאל'ן איז אויף באָרד און פּאות'ן און אויף וואָנטשעס געווען אזא גערעטעניס, וויא ביי שרה גיטלען אויף קללות און אויף טרעהרען — האָט זבל דער שיפטער אַמאָל געזאָגט, — אבער דאָ, וואו אויף זיין פנים איז נאר געווען א ליידיגער אָרט, איז געוואָרען רויט וויא אַן אויפגעשניטענער בוריק. דאס איז געווען רפאל'ס האנד־געלד אויף שכר למוד פאר'ן פער־שטעהן וואָס „פאצעצעס" מאכען אָן. דיא שכר למוד גופא האָט ער געצאָהלט און געצאָהלט. מיר וועלען דאס שפּעטער זעהן.

בנים'קע האט זיך געקייקעלט לאכענדיג און דיא ווערטער „אוי א גרין־האָרן, אוי א גרין־האָרן"! האבען זיך געקייקעלט פון זיין מויל.

— וואס־זשע לאַכסטו דאָ? — פרעגט רפאל שטיל און אַזוי וויא אַן אבגעשמיסענער — אדרבא, גיעב מיר צו פערשטעהן: וואס קומט מיר, אַז איך וויים ניט?

בנים'קע איז אין קרוליץ געווען א ישיבה בחור, האט זיך געשניטען אויף א מלמד און האט שוין געהאט א שם פאר א שטי־קעל בעל פועל — ער פלעגט לייענען דעם שיעור מיט דיא בעל הבית'שע אינגלעך; האָט ער רפאל'ען אזוי געגעבען צו פערשטעהן:

— וועמעס מאשין — „פאצעצע", וויא רופסטו דאָס? — וועמעס איז דאס געווען?

— וו'הייכט וועמעס? וועמעס זאָל דאָס זיין? מיינע!

— אַט אזוי רייד: דיינע! טאָ געדיינק־זשע, רפאל! די „פּאצעצע“ איז געווען דיין אייגענע האָסטו פער.־יענט מעהרער וויא פריהער; ווארים מען פלעגט דיר צאָהלען וויא פאר געוועהנ־ליכע ארבייט.

וואס ווייטער איז בנימין אליין מעהר פערקאָכט געוואָרען אין זיין אמאָל בעליעבטע מלמד'שע קונסט, און זיין קול איז אלץ ווייטער פערקראָכען צו א גמרא נגון — פון אלטע געוואָהנהייט.

— די מאשינען אבער, וואס ראָללען ציגארען, זיינען ניט מיינע. זיי געהערען צו דעם בעל הבית פון דער פאבריק און זיי ארבייטען פאר איהם, ניט פאר מיר, פערשטעהסטו?

רפאל האט גענומען עפּעס פערשטעהן, ו ו א ס, האט ער נאָך אליין ניט געוואוסט.

— נו, ווייטער?

— ווייטער איז אָך און וועה! צו די מאשין דארף מען קיין ציגארען־מאַכער ניט. זיא איז אליין א קינצלערקע. א קליינע מיי־דעלע איז געגוג צו איהר. די מיידעלע לייגט דעם טאבאק און עס שניידט שוין. אן אנדער מיידעלע לייגט דעם באָנטש—די אינוויי־ניגסטע פון דעם סיגאַר — מיט די טאבאקענע העמדעל — מען רופט דאס „ראפּער“ — און דרעהט א הענטיל, און עס וויקעלט זיך אליין, און עס קלעפּט זיך אליין און עס קומט ארויס א גלאטער ציגאַר, און מען דארף בנימין'ען מיט טויזענדער אנדערע אזעלכע בנימין'ס אויף כפּרות! פערשטעהסט? ס'איז נאָך גוט וואָס די מאשין טויג ניט מעהר וויא אויף פּראָסטע ציגארען. בעסערע מוז מען לעת עתה מאכען מיט'ן האנד. אבער ראשית, וויא טהוט מען, אז מען איז נאָך ניט קיין גוטער בעל מלאכה און מען טויג ניט מעהר וויא צו די פּראָסטע? געהט מען איבער די הייזער! (דאס האט בנימין געזאָגט מיט דעם נגון פון „ושבועתנא לא שבועות“). שנית — האב צייט! מען וועט מאכען א מאשין וואס וועט די גוטע ארבייט אויך מאכען; אויף דערויף איז דאָך דאס אמעריקע גנב!

— הער אבער, בנימין: טאָ פאר וואס־זשע זאָלסטו ניט קויפען אן אייגענע מאַשין און אַרבייטען מיט איהר, וועסטו דאָך אליין פון איהר האבען דיא פּאָלזע? זאָגסט דאָך אליין, אז...

— ווייטער א גרין־האָרן! שלאָגט בנימין איבער דיא רייד. — א מאַשין קאָסט אזוי פיעל געלד, אז עס איז ניט פאר מיין קבצן׳ישע קעשענע געדאַכט. היינט ווען איך וואָלט שוין יע געהאַט א מאַשין, וואס וואָלט איך מיט איהר געטהאָן? צימבלען מיט איהר? מען דאַרף דאָך צו איהר האבען א גרויסען שאַפּ מיט א סך טאבאק מיט א סך געלד אויף רענט און אויף נאָך מאַשינען — אויף באַנטשעס און פאר מענשען א פריהער צו בעצאָהלען פאר זייער אַרבייט. איין מענש קען דאָך ביי אזא גרויסען געשעפט זיך אליין ניט צוריי־סען. און אָהן א גרויסען געשעפט וואָלט דיא מאַשין ניט לוינען. פערשטעהסט? היינט וואו נעהמט מען דאס דיא געלד אויף אלץ?

— און דיין בעל הבית? ער האט דאס אויף אלץ? אזא גביר איז ער?

— נאררעלע, ער האט אפשר זיין האלב מיליאָן.

— טצ! טצ! א האלב מיליאָן האט ער! — און איז נאָך א ציגאַרען־מאַכער? מיר דאַכט זיך איך וואָלט געוועזען אזוי רייך, וואָלט מיר גאר ניט אנגעשטאַנען צו זיין א בעל מלאכה.

— אַ שעהנער בעל מלאכה איז ער! אזעלכע בעל מלאכות זאָלען מיר ביידע שוין זיין! וואס פעהלט איהם, נאר? ער פאָהרט זיך גאַנצענע טעג ארום און לעבט א גוטען טאָג, נעווער מיין!

— און דיא מענשען מוזען ביי איהם אַרבייטען, ווייל זיי זיי־נען אליין ארימע לייט און קענען אליין ניט איינסטראָיענען אזעלכע גרויסע ווארשטאַטען מיט אזעלכע מאַשינען מיט אזוי פיעל סחורה?

— אבי דוא פערשטעהסט!

— אהא, דעריבער מוזען זיי אנקומען צו זיין לאסקע! איצט פערשטעה איך שוין — זאָגט רפאל מעהר צו זיך אלייז וויא צו בנימין׳ען.

רפאל פערקלערט זיך:

„אָט דאס שילט דאס דער טאַטע רק דעם באַהן! — הויבט ער אָן צו פערשטעהן אן עסק — איידער מען האט דעם באַהן אייפגעסטראָיעט פלעגט ער פערדיענען נישקשה׳דיג. דערנאָך האט

ער געמוזט ווערען אויס בעל העגלה. דער מאַשין פּיהרט וועלווע־לער און גיכער... אהא!... אליין קיין מאַשין קויפען אנשטאט זיין קליאַטשע און בויד האט ער דאָך ניט געהאַט מיט וואס צו קויפען, — א שעהנע מעשה כלעבען! וויא קומט ער איינצוסטראָיען אזא מאַכעריי מיט רעלצעס, מיט־מיט־מיט־מיט איך ווייס וואָס. אהא, דער מאַשין האָט איהם געקוילעט, אזוי וויא בנימין'ען!

איהר בעדאַרפט וויסען, אז אן אייזענבאהן לאָקאָמאָטיוו איז דיא איינציגע מאַשין, וואס רפאל האט ווען עס איז געזעהן ארום קרוליץ. דיא קרוליצער פלעגען זאָגען „באהן“ אין זייער יום־טוב שפּראַך — געוועהנליך הייסט דאס ביי זיי „מאַשין“, „וועט איהר פאָהרען קיין מינסק אויף'ן מאשין אדער מיט א פוהר“? אזוי פלעגט מען דאָרטען ריידען. עס איז דעריבער ניטאָ וואס צו לאַכען פון רפאל'ן, וואס ווען בנימין האט גענומען ריידען וועגען מאַשינען, איז אין זיין קאָפּ אויפגעמאָלט געוואָרען אן עכטער בילד פון א מאַשין, וואָס פייפט און רויכערט און סאָפּעט און פליהט און שלעפּט „וויא א שוואַרץ יאהר“.

דיא אויגען האבען זיך רפאל'ן גאר געעפענט, — גאר א נייע וועלט האט זיך פאר זיי אויפגעוויקעלט. ער איז פון בנימין'ען אוועק פערקלערט. און וואס ווייטער ער האט געקלערט, האט ער אלץ מעהר פערשטאַנען. דיא גאַנצע מעשה האט איהם אבער פאַר־לויפיג אינטערעסירט בלויז וויא יעדע שכל'דיגע זאַך, אויף וועל־כע ער פלעגט ליעב האָבען צו „שייערן דעם מח“; עס האָט איהם געגעבען דעם זעלבען פארגניגען, וויא אויסצוקלעהרען א „פּאַצע־צע“, אדער צו הערען א „פלינקע דריידעלע“ פון א חזן. נאָך בעסער האט ער פערשטאַנען וואס בנימין האט איהם ערקלערט, ווען מאיר־קע האט איהם מיט דעם פּאָרמען'ס ערלויבניס אריינגעפיהרט אין דעם שאַפּ, וואו ער האט געאַרבייט. דאָרטען איז רפאל גאר פון דיא כלים ארויס. אי! אי! אי! ס'אַרא קונציגע פּאַצעצעס! וואו נעהמט מען דאס אזא קאָפּ? דאַכט זיך, וויא פּראָכט! — פאר וואס־זשע איז ער, רפאל, אויף דעם פּלאַן ניט געפאַלען? אבער יע, ער האט גאר פערגעסען: טאָקי דיא רימענס דרייען זיך פון דעם

מאַשין וואָס איז אַזוי וויא א לאָקאָמאָטיוו — אבער וויא אַזוי? אויף דעם האט ער שוין קיין ענטפער ניט געקענט קריגען. מאיר'קע האט אויך ניט גוט פערשטאַנען. „פּארע" היינט, „פּאַרע" מאָרגען — וויא אַזוי דרייט זיך דאס אבער פון דיא פּאַרע? אז צוליעב דיא מאַשינען — א רוח אין זייער טאַטען אריין — מוז דער בעסטער בעל מלאכה זיין א מענש אין דער פרעמד — דאס האט ער אין שאַפּ שוין געזעהן גאנץ קלאָר.

3.

## רפאָל לערנט דאָס איבער מיט שרה־גיטלען.

— און מיין ווייבערשער שכל בענעהמט דאס פּאָרט ניט, זאָגט שרה גיטעל אין כעס׳לאך.

— וואס איז דער חדוש? רופט זיך אָפּ רפאל.

— וואס „וואס איז דער שמידוש"?

— עה! ביסטו דאָך טאַקי אין אמת׳ן אין כעס! וואָס איז דער חדוש, אַז דיין קאָפּ בענעהמט ניט? אז זיא וואָלט אבער ביי דיר ניט געווען אבגעלייגט אויסצוקלערען שפּאָגעל נייע קללות מיט רש"י, וואלכטו געווען א ווייבעל פון ווייבעל לאנד, וואלסטו פערשטאַנען, אַז אמעריקא איז ניט קרוליץ.

— און אָהן אַזאַ חכם וויא דוא וויים מען דאס גאר ניט! — ענטפערט שרה גיטעל מיט גיפט — אויף דערויף איז מען דאָך אהער געקומען, וואס דאָ איז ניט קרוליץ. מען האט דאָך עפּעס זיך געריכט אויף בעסערס. היינט נאַ דיר! צו קיין אייגענעם וואר־שטאט קען ער אפילו זיך ניט צושלאָגען! א מענטש וועט ער גאר איבער א נייעס ווערען! געהאָרעוועט און געהאָרעוועט — מזל טוב! ווייטער א מענטש, ווייטער ביי א פרעמדען! אָך און וועה מיינע פינסטערע יאהרען! וואס האט מיר געפעהלט אין דער היים! צו וואס האכטו מיר אַהער פארשלעפּט?!

— שאַ, זיא פערקריכט שוין מיט דיא האלאָבלעכ, וויא איך בין א איד! שוין גאר א י ך האב איהר פערשלעפּט! — מיינט רפאל, אבער זאָגען סמייעט ער ניט, און קומט אָפּ מיט א שמייכעל.

— אזא בעל הבית׳שקייט! אזא כאזשאיסטווע! איידער מ׳האָט דאס צונויפגעפּאַטאָלעוועט! הפנים א י ה ם האָט גע־דארט דער מח? אזא הויזראָט! קיין שעהנערע בעטגעוואנט איי־

ביי דעם קיסר ניטאָ... צום סוף—אַט האָסטע דיר! א מענטש וועט ער ווערען אויף דער עלטער! וואס איז געווען איז געווען— ווייטער זיך שטעלען דינען ביי א בעל הבית... אויסגעפיהרט וויא קורטע, כלעבען! פארקויפען אלדאָס גוטס בחצי הנם און פליהען... וואס איז? א וואָך־מענש ווערען אין אמעריקע... א בראָך איז מיר! בעסער וואָלט איך איינגעזונקען געוואָרען א לע־בעדיגע...

דיא לעצטע ווערטער האבען זיך שוין געלאָזען צו שרה־גיטעל'ס דיסקאנטיל צו, און שרה גיטעל'ס פנים האט אנגעהויבען זיך צו פארקאָרטשען אָן א זייט „צו מאכען ווארע פאר א שלאָגס־טרערען". ניט אומזיסט האט זבל דער שוכטער אמאָל זיך געוואונ־דערט וואס אויף שרה גיטעל דיא סטאָלערקע'ס באקען וואקסען ניט קיין אוגערקעס — אזא גערעטענעס איז ביי איהר אין דיא אויגען אויף רעגען.

— עה, שוין געקאָנטשעט דיא תוכחה? עס האלט שוין ביי דיא תהינה? — איז שוין ניט היימלאָך. אָט הער אויף, — זאָגט רפאל וויא א קאָטינקע און גיט דער ווייב א גלעט, — אָט זעץ זיך אניעדער און לייג צונויף דיא הענט וויא א בעל הבית'טע און הער וויא איך וועל דיר געבען צו פערשטעהן. דוא האכט דאָך עפּעס געהאט א שם פאר א קלוגע.

— און דוא ביסט געווען א פלאָקען און בלייבסט א פלאָקען... זעה אקאָרשט, אויב דיין מאיר'קע נאררט דיר ניט אָפּ, איז מיין נאמען ניט שרה גיטעל.

— נו, וועט זיין ראָשע טיגעל, בעמערקט רפאל אויף פער־קעהרט לשון.

איהרע אויגען קוקען מיט שפּיזען.

—ווייטער חוטא בעגל געווען? נו וועט דיין נאָמען זיין בריינע זלמן — אבי טשעפּע זיך אָפּ. א געלעכטער אָן א זייט. הער אקאָרשט צו. וויא פיעל קאָמאָדען האב איך געקענט מאכען אין דער היים א וואָך?

דאס האט שוין געשמעקט מיט „מסחר" און שרה־גיטעל האט גענומען פיהלען וויא א פיש וואס מען ווארפט פון דער יבשה פלוצ־

לונג צוריק אין וואסער אריין. איהר פנים איז וויעדער גלייך געוואָרען און זיא האט געהערט.

— אז איך האב געמאכט א קאמאָד א וואָך איז דאָך שוין דאס געווען א בריה׳שקייט. נו, און דאָ מאכט א סטאָלער צוואנציג קאמאָדען א וואָך, און אזוי וויא גיט איהם מיינט מען דאס!

— צוואנציג קאמאָדען א וואָך איין סטאָלער? צו ביסטו משוגע, צו חסר דעה? צוואנציג קאמאָדען?!

— און נאָך וואסערע!

— דו מיינסט טאקע קיין קאטאָוועס ניט, רפאל? — פרעגט זיא פעראינטערעסירט.

— זאָל יענער מיינען מיט׳ן פאטילניצע, דער וואָס מיינט קאטאָוועס! נארעלע, דו מיינסט אין אמת׳ן דאָ איז רפאל א רפאל? אָט דאריבער זאָגט מען דאָך, אז אמעריקא איז ניט קרוליץ. אין קרוליץ איז רפאל געווען א מאדים אויף פאצעצעס. האָסט אָבער בעדארפט דאָ זעהען פאצעצעס, וואלסטו שוין וויסען, אז מיט דיין רפאל איז א קנאפער יחוס.

און זיין טאָן ווערט ערנסטער און ער דערצעהלט:

— העכער וויא א שעה בין איך אָבגעשטאנען אויפ׳ן פעקטאָרי, וואו מאיר׳קע טהוט. איך האָב דיא אויגען פראָכט ניט געקענט אפרייסען. עס איז גאָר ניט דיזעלבע סטאָלעריי — ס׳איז גאָר אנאנדער וועלט. א הובעל נעהמט מען אפילו אין האנד ניט, יאקזשע מאָי הובעל! עס דרעהט זיך א לעדערנע פאס, און פון דעם דרייען זיך צוויי קיילעכדיגע אייזענס. מען נעהמט א ברעט און מען גיט איהר א רוק צווישען דיא אייזענס; עס הויבט אן צו גרילצען, אז איך האָב געמוזט דיא אויערען צומאכען און מיט דיא צייהן פארקריצען.

רפאל ווערט נתפעל דערמאָנענדיג זיך, און דיא אויגען הייבען ביי איהם אן צו פינקלען.

— נו?

— נו, און דיא ברעט קריכט דורך וויא א בלאט לאָקשען פון אונטער א וואלגער־האָלץ און שוין! — זיא איז שוין אין גאנצען אן אבגעהובעלטע און גלאט, אז שמואל דער שוחט וואָלט

א פגימה׳לע ניט דערטאפט. מיר דאכט זיך, איך וואלט אין א האלבע שעה דיא ברעט ניט אבגעהובעלט, און דארטען איז דאס געווארען אין א מינוט. אט דאס איז א פאצעצע, שרה גיטעל!

— אזעלכע מאשינען האבען זיי! — רופט זיא זיך אפ ערנסט.

— כאפ אקארשט ניט; מען וועט דיר אריינגיסען באזונדער. אויף זעגען האבען זיי אויך א מאשין. מי לאזט אריין א ברעט פון איין זייט, און זיא קומט אין א מינוט ארויס פון אנדערען זייט א צוזעגטע — גליך וויא א סטרונע, — אזוי וויא מען שפאלט א קינעלע, למשל, פארשטעהסט?

— נו?

— היינט האבען זיי א מאשין, וואס שניידט אויס צאפענס; און נאך א מאשין, וואס מאכט צורעכט צום קלייענען; און נאך א מאשין, וואס זעגט אויס אלערליי צאצקעס, און א מאשין וואס מאכט אלערליי פארדרייעניסען אויף געזימסען, און נאך און נאך. און אלץ געהט אויף „שטים“ — אויף פארע, מיט אזא מאשין, וויא א מאשין, אויף וואס מען פאהרט. פון דעם מאשין דרעהען זיך דיא רימענס און פון דיא רימענס דרעהען זיך דיא אלע מאשינען.

— פערדרייט זאל שוין ווערען גאנץ אמעריקא, כ׳לעבען! און וויא פיעל וואלט קאסטען צו קויפען דאס אלץ פאר זיך?

— איך וויים? — מאיר׳קע זאגט א טאלער צעהן, צוועלף טויזענד.

— גוט נו! נא דיר אן עסק! — אבער איך פערשטיי ניט: צי דען קענסט דוא ניט אויסקומען אהן דיא אלע פארקרוטשעניסען? האסט דאך עפעס אין דער היים אויך געמאכט ארבייט. ניט צו פארזינדיגען, מען האט דאך געהאט א שם ביי דיא גרעסטע פריצים. נו, האסטו דארטען זיך געקענט בעגעהן מיט דיינע געצייג, וועסטו דא אויך זיך באגיין. אט פאלג מיך, רפאל, זאל דיר מאיר׳קע קויפען א פאאר הובלען, זעגען, דלאטען, עקבויערס, פיהר איין א ווארשטאט און שטעל זיך טהאן, און זיי ווייטער פאר זיך א בעל הבית. גאט איז אומעטום דערזעלבער; ער

וועט צושיקען, נישקשה. באשר מאיר׳קע איז א קאליקע — מוז ער אנקומען צו א פרעמדען. דו האסט דאך אבער גילדערנע הענד, וועסט אויסקומען אהן דיא מאשינען מיט מאשמינען מיט דיא אלע כאנדריאלען זייערע — צו אכציג שווארץ יאהרען זאלען זיי געהן!

— קינד איינע — ענטפערט רפאל אביסעל מיט אונגעדולד און מיט אן אראפגעפאלענע הארץ — איך זאג דאך דיר: וויא דו זאגסט, וואלט איך געמאכט א קאמאד א וואך; מיט דיא „כאנדריאלען" אבער מאכט מען צוואנציג. עס מאכט זיך אליין. עס זענט זיך אליין, עס הובלט זיך אליין; עס האקט צאפענס אליין, פארשטייכט? דא איז דיין רפאל אויס יחסן. מע דארף זיינע גילדערנע הענט אויף כפרות. דיא מאשינען האבען גאר קיין הענט ניט, און פון דעסטוועגען מאכען זיי אפ א גלאטערע שטיקעל ארבייט און איידער מען גיט זיך א קעהר.

— טא וויא וועט זיין?

— וויא וועט זיין? וועט רפאל מוזען פארגעסען, אז ער איז אמאהל געווען א סאם כאזשאיען און וועט געהן זוכען ארבייט אויף א פרעמדען ווארשטאט.

— און וויא פיעל וועסטו פערדיענען?

— כ׳ווייס! ווייסט דאך, אז מאיר׳קע נעהמט איצט אכט דאלאר א וואך.

— הערסט, דארפסטו דאך וויניגסטענס נעהמען צוואנציג!

— וואס איז? דוא מיינסט אודאי ביי דער מאשין איז א גרויסע נפקא מינה צו די ברעט שפארט אין איהר א גוטער בעל־מלאכה, צי א פארטאטש? סיי וויא סיי דארף מען מיינע קונצען ניט. — אז אלץ כמעט מאכט דיא מאשין.

שרה גיטעל האט זיך פארקלעהרט און ביכלעך־ווייז האט זיא אראפגעלאזען דיא קאפ. אללע איהרע פלענער זיינען ביי איהר נעבעך צושלאגען געווארען. דער געדאנקען, אז זיא וועט ניט זיין קיין בעל־הבית׳טע איבער אן אייגענעם ווארשטאט מיט אייגענע קונדען, מיט אייגענעם „מסחר", וויא זיא האט עס ליעב געהאט צו רופען—

האָט איהר פאַרקוועטשט דאָס האַרץ. זיא האָט רחמנות געקראָגען אי אויף זיך אַליין אי אויף איהר רפאל'ען; אין איהר מוח האָט זיך אויפגעוויקעלט קרוליץ מיט איהר בעל־הבית'שקייט, מיט דעם וואר־שטאָט מיט דיא ציעג מיט דעם גאָרטען; פאַר איהרע אויגען איז אָבער אויף'ן וואָר געוועזן אַ חדר'ל מיט אַן אײַזערנעם אויוועלע, און דורכ'ן פענסטער האָט געסטאַרצעט אַ באַליע און אַ באַרג טראַנטעס אויף אַן אײַזערנעם גאַניקעל עפּעס. דער ערשטער בילד האָט וויא מיט צוואַנגען איהר געצויגען פאַר'ן האַרץ'ען; דער צווייטער איז איהר געוועזן ווילד פרעמד, קאַלט, שווער; און פון ביידע צוזאַמען איז איהר געוואָרען ביטער און אַ קלעמענעס האָט זיך צוגאָסען אין איהר האַרץ. זיא האָט זיך צורוויינט.

רפאל איז געזעסען און האָט געקוקט אויף עטליכע קעמעל־האָר פון אַ צוריסענעם אָרט אין דער קאַנאַפּע און געקלעהרט כמעט דאָס זעלבע וואָס שרה גיטעל, און עס האָט זיך איהם געביינקט וויא איהר. מעהר ניט וואָס ער האָט ניט געוויינט.

## 4.

## אוים נעריצך.

דיא לינקע האַנט אויפ'ן שויס; דיא רעכטע אָנגעשפּאַרט מיט'ן עלענבויגען אָן דיא לינקע, מיט צוויי פינגער אויפ'ן באַק: דער קערפּער וויגט זיך טרויעריג; דיא מויל איז צונויפגעקאָרטשעט. שרה גיטעל זיצט איינע אַליין אין אַ טענעמענט קעמעריל, און דאָס האַרץ קלעמט איהר און קלעמט. עס איז שוין פיער אַזייגער. רפאל איז אַוועק זעקס אין דער פריה, און זיא האָט איהם נאָך אַלץ ניט געזעהען. דאָס איז זיין ערשטער טאָג אויף דער פאַבריק. זיא איז גאָר ניט צוגעוואוהנט אַזוי לאַנג צו זיין אָהן איהם. ניטאָ וועמען צו רופען צו גרויפען, ניטאָ וועמען צו רייכען פון הובעל, ניטאָ ווער עס זאָל פאַרהילכען דיא שטוב מיט חזן'ישע קונצעלעך. און פון דרויסען קומט אַריין אַ פאַרשטיקטע הוזשעריי, און אַלץ איז פרעמד, ווילד. דער בעזים איז קיין בעזים ניט, דער אויווען איז קיין אויווען ניט, דיא שכנה איז קיין שכנה ניט... ווער ווייס וואָס מיט רפאל'ען איז דאָרטען אויפ'ן פעקטאָרי? און וואָס איז דאָס אַזוינס אַ „פעקטאָרי“? — מאַשינען ביי סטאָלעריי.... עפּעס אַ מויער וויא דער שוואַרץ יאָהר, מיט פאַרע, מיט מענשען וויא אין גאַנץ קרוליץ, מיט עפּעס אַ „פאָרמאַן“, זאָגט רפאל.... גאָט ווייס וואָס מיט רפאל'ען וועט דאָרטען זיין.... וויא קומען זיי דערצו? צו וואָס דאַרפען זיי דאָס? וואָס האָט זיי געפעהלט אין דער היים?....

צום צעהנטען מאָהל צוגיסען זיך טרעהרען ביי שרה גיטלען אין האַרצען.

ביי רפאל'ען אויפ'ן האַרצען איז אין דיעזער מינוט אויך יום־כפור. אָבער אין דער פריה איז ער נאָך געווען ששון ושמחה. לוסטיג, לעבעדיג איז ער געגאַנגען אין פאַבריק אַריין. ערשטענס,

איז איהם שוין ראס לעבען מיאוס געוואָרען זוכענדיג ארבייט. און איצט האָט ער שוין! ער וועט ברייגגען אייגענע פּאָלערס שרה גיטלען, ער וועט שוין ניט ליעגען מאיר'קען אויפ'ן קארק. צוויי־טענס, איז גלאַט א ציקאַוונע זאך צו ארבייטען אין א גרויסען „וואָרשטאַט" פון פינף גאָרען, מיט מאשינען, מיט קונציגע „פּאַ־צעצעס" — און אויף ציקאַוונע זאכען איז רפאל דאָך אזא בעלן.

ער איז געקומען פריהער פון אללעמען, ער האָט זיך קוים דערוואָרט אויפ'ן פייף; וויא אויף א חתונה צו דער וועטשערע איז ער געלאָפען מיט נאָך הוגדערטע ארבייטער איבער דיא טרעפּ צו דעם ווינקעל, וואָס דער פאָרמען האָט איהם נעכטען אָנגעוויזען. ער האָט זיך קוים צוגעכאַפּט צו דער ארבייט.

דיא ערשטע עטליכע מינוטען איז אַפילו ביי רפאל'ען אויפ'ן הארצען געווען א ביסעל פּארכמארעט, עפּעס אזוי וויא „אין „גוי'עשקע הענט" וואָלט ער אריינפאַלען — אזוי האָט ער געפיהלט קוקענדיג ארום זיך אויף דיא צעהנדליגע אונבעקאַנטע געגאָלטע קריסטען, אויף דעם גרויסען שאַפּ, אויף דיא מאשינען, אויף דעם פּאָרמען מיט דיא געדיכטע רויטלעכע וואָנצעס וויא א האלבע לבנה איבער'ן מויל.... אמאָהל, בחור־ווייז, איז רפאל אויף א פּאָאָר וואָכען אריינגעפאַלען אין א קאזארמע, ביז מען האָט אָבגעגעבען מעהר וויא מען האָט געדארפט און איהם, דעם לגאָטניק, האָט מען געלאָזען געהן. עס איז א מעשה פון א יאָהר צוואַנציג, און רפאל פלעגט גאָר קיין מאָהל ניט דערמאָהנען זיך וועגען דעם. אָבער דאָ אין פאבריק האָט איהם עפּעס זיין הארץ אין מיטען דערינען ער־אינערט אָן דעם. עפּעס האָט זיא זיך צוזאמענגעקוועטשט, זיין הארץ, עפּעס האָט זיא אויסגעוויזען ניט וויא אללע מאָהל, עפּעס וויא א'ן אלטע בעקאַנטע, וואָס מען האָט עפּעס יע אמאָהל געקענט און מען קען זיך ניט דערמאָהנען ווען און וואו. אָה! דערמאָהנט זיך רפאל, ראמאלס אין קאזארמע... דאָרטען האָט דיר, הארץ, אזוי געקוועטשט!....

פון דעסטוועגען נעהמט זיך רפאל צו דער ברעט מיט חשק.

גאָר ניט דיעזעלבע סטאָלעריי — אָבער דיא קאָפּ איז גוט, דיא פינגער קלעפּען. עס געהט וויא געשמירט. דער פּאָרמען גיט א קוק;

ער זאָגט „אָל רייט“! עס ווערט פריילעכער אויפ׳ן הארצען. דער לעדערנער פּאַס לויפט לוסטיג. דיא ראָד דרייט זיך מיט א ליעב־ליבע מינע צו איהם, זיא בליסצעט מיט א פריינדליכען קוק, מעשה גוטער ברודער. ארום, פון אללע זייטען — אמעריקאנער, טייטשען, גוים — בריות; און ער, רפאל, איז מיט זיי צוזאמען — א כוואט, א מענש מיט מענשען צוגלייך אין אן אמעריקא, ניט אין א קרוליץ א פערשלומפּערטע. ער קוועלט גאָר פון דיא מאשין. וויא שכל׳דיג! און וויא פּראַסט! היינט וויא קלוג דאָס איז אלץ איינגעפיהרט! יעדער האָט זיך זיין ארבייט, און אויף יעדען פלאַאַר א בעזונדערע מין ארבייט. וויא שפּארעוודיג אלץ איז! דער שטייט און האלט נאָר אין איין זעגען, דער הובעלט נאָר; אונטען, ווידער, מאכט מען נאָר געזימסען, אויף א נידעריגערען פלאָאָר טהוט מען ניט קיין אנדער זאך וויא פּאָלירען. יעדער ווערט אזא בריה אויף זיין חלק פון דיא ארבייט, אז ער קען בערג איבערקעהרען. ניט וויא אין דער היים, וואו ער, רפאל, האָט אליין געזעגט, אליין געהאקט, געהובעלט, געקלייעט, געפּאָלירט. ער האָט טאקי אלץ געקענט. אָבער וויא קומט! אז מען ליגט טאקי רק אויף איין סאָרט ארבייט, גייט גאָר אנאנדער מזל ברכה אריין. היינט וויפיעל צייט מען פערליערט דאָס פון קאָנטשען הובלען למשל און נעהמען זיך צו פּאָלירען! און דאָ איז א תענוג: שטיי און הובעל און הובעל, אי דאָס — מיט א מאשין, וואָס מאכט דאָס אלץ כהרף עין. ס׳איז גאָר אנאדער וועלט, כ׳לעבען!

רפאל פארטיעפט זיך אין דער ארבייט. אלץ איז איהם א נייעס, א מחיה. ער זעהט זיך ניט ארום, וויא דיא צייט גייט אוועק. ער פארטיעפט זיך נאָך מעהר, און ער הערט אליין ניט, וויא זיין קולכ׳עלע, דעם אמאָליגען רפאל׳ס קול׳כעלע, צולאָזט זיך:

„נע—ע—ע—ע—רי—אי—איאי—אי—צך!“

אזוי שטייט ער מיט׳ן גוף זיך ביינענדיג, דרייענדיג זיך; זיין נשמה איז אין דער ארבייט, און דער „נעריצך“, שוין צום צוויימען מאָל, דריידעלט זיך און דריידעלט זיך ארויף, ארויף, און

צוטאַנצט זיך איבער׳ן גאַנצען גרויסען סופיט און שרייט איבער דעם „דזש־דזש־דזש“ מיט דעם „טרר־טררר־טררר“ פון דיא מאַשינען.

ונ—א—א—אק—די—אי—אי—אי...

— שאַר אַפּ! — גיט דאָ איהם פּלוצלונג אַ צופּ אין אויער און נאָך אַ צופּ פיהלט זיין פּלייצע.

דער „ונקדישך“ אין זיין צווייטען מאָל איבערזינגען דעם בע־ריהמטען קרוליצער נגון איז איבערגעהאַקט אין מיטען.

רפאל קעהרט זיך אַפּ, און קוקענדיג וויא אַ האָהן, ווען מען שלאָגט איהם איבער דעם קרייען, דערזעהט ער דעם פאָרמען לעבען זיך. דער פאָרמען שרייט, און רפאל קען שוין אויף אזוי פיעל ענגליש, אַז ער פערשטייט, דאָס ווען מען שרייט מיט אַ בייזען קול, איז דער טייטש דערפון, אַז מען איז אין כעס. וואָס האָט ער, רפאל, געטהאָן? דאַכט זיך, ער טהוט דיא ארבייט וויא פריהער, נאָך בעסער. און פריהער איז דאָך געווען „אָללע רייט“? דיא בלוט גיט זיך אַ גאָס צו רפאל׳ס פּנים. ער שטייט און קוקט — אַלץ וויא אַ האָהן, אָבער איצט שוין וויא אין „בני אדם“.

דער פאָרמאַן הייסט אַ דייטש׳ען, וואָס שטעהט דערביי, איהם ערקלעהרען. דער דייטש פערטייטשט דעם פאָרמען׳ס ווערטער און רפאל ערקונדיגט זיך, אַז אין פעקטאָרי טאָר ער ניט זינגען, אַז דאָ איז ניט זיין אייגענער ווארשטאַט, אַז דאָ דארף ער זיך פרעהען וואָס מען לאָזט איהם אליין אריין, אַז זיינע „נעריצך׳ס“ סמייעט ער ניט מיטצונעהמען.

רפאל איז אָפּהענטיג געבליבען. אויף איהם זאָל מען אַזוי שרייען!... עפּעס אזוי וויא אויף אַ לעהרען־אינגעל, וואָס איז ערשט אָנגעקומען אויף זיין ערשטען טערמין.... און פאר וואָס?... דער־לעבט יאָהרען! אַ קול טאָר מען גאָר ניט ארויסלאָזען!... דעם פאָרמען׳ס בייזער פּנים טרעט ניט אָב פון זיין געדאַנקען. ער פאַלט ביי זיך אראָפּ. עלענט ווערט איהם, וויא אַ קליין קינד ווילט זיך איהם וויינען.

ער נעהמט זיך צוריק צו דער ארבייט. ער איז אָבער שוין ניט דאס וואָס פריהער. דער לעדערנער פּאַס פליהט איצט וויא

א חיה רעה; דיא ראָד בליסצעט אזוי וויא א גיפטיגער שמייכעל; דיא הוזשעריי, דיא קוויטשעריי ארום און ארום גרילצט איהם וויא א באַנדע ניט־גוטע. יעדער הוילער ציגעל אין וואַנט קוקט וויא א שונא.

ביטער איז רפאל׳ן אויפ׳ן הארצען. ער ארבייט, אָבער זיין קאָפּ איז ניט דערביי: ווידער אין קרוליץ איז זיא, זיין הארץ; ווידער שלעפּט זיא אהין זיין נשמה. אַך, אז ער וואָלט דאס איצט געקענט אלץ צוריק אומקעהרען און ווידער שטיין ביי זיין אייגענעם ווארשטאט, וויא געווען, מיט זיין שרה גיטלען דערביי, אָהן שום פּאָרמענס, אָהן דיא אלע קוויטשעדיגע, בייזע, ווילדע רעדער... ער וואָלט זיך געשטאַנען ביי זיך אין שטוב, געהובעלט מיט זיין אייגענעם הובעל זיין אייגענע ברעט: דער הובעל וואָלט איהם צוגעקלאַפּט צום נגון; קיינער וואָלט אויף איהם ניט גע־שריען. שרה גיטעל וואָלט אפשר א קללה געגעבען; אָבער וויא זיס איהרע קללות זיינען! — האָט זיך דאָ, אין דיא אמעריקאַנער פּעקטאָרי, רפאל׳ען געדאכט.

נאָך דיא מיטאג שטונדע איז דער בעל הבית פון פּעקטאָרי אריינגעקומען: א רויטער געפּוצטער גוי, מעשה פּריץ, גאָר ניט וויא א סטאָלער. ער האָט געזאָגט א פּאָר ווערטער צום פאָרמען, זיך דורכגעשפּאציערט איבער׳ן פלאָאָר, זיך אָבגעשטעלט, א קוק געטהאָן ביי דיא מאשין, ביי יענע. ער איז צוגעגאַנגען צו רפאל׳ען, און רפאל איז אָבגעשטאָרבען מיט דיא גליעדער. עכ איז אָבער געווען אומזיסט: דער בעל הבית האָט צו איהם קיין וואָרט ניט געזאָגט, אפילו קיין קוק אויף איהם ניט געטהאָן.אָט, דיא מאשין, זעהט איהר, ביי וועלכע רפאל איז געשטאַנען און געארבייט א צוציטערטער, האָט דער בעל הבית אפילו שלום עליכם געגעבען, א גלעט, א פריינדליכען קוק געטהאָן, געזעהען וואָס זיא מאכט.... און האָט זיך אָבגעטראָגען וויא דער רוח.

אין דער היים, אפילו ווען מען איז א מענש אין דער פרעמד, אפילו אויפ׳ן טערמין, איז אויך בעסער — קלעהרט רפאל. טאָקי מען ציטערט פאר׳ן בעל הבית׳ס דוך, טאָקי מען דארף גנב׳ענען שטיקלאַך ברויט פון דער בעל הבית׳טע, ווען זיא געהט אוועק אין יאַטקע. מ׳איז אָבער פאָרט פאררעכענט פאר א לעבעדיגען

מענשען. שבת עסט מען מיט׳ן בעל הבית ביי איין טיש. ווען דער בעל הבית מאכט חתונה א טאכטער, איז מען א מחותן; און אפט טרעפט, יאז מען איז גאר אליין דער חתן — עפעס א נאווינע, וואס! און דא — א שיינע מעשה, כ׳לעבען! חתונה האבען מיט אזא פריץ׳ס טאכטער! מע סמייעט אויפ׳ן שוועל ניט ארויפצוטרעטען. מע וויים אפילו ניט וואו ער וואוינט, — אויף דער פינפטער עוועניו מסתמא....

עפעס אזוי וויא בהמות איז מען דא צונויפגעטריבען, קלערט רפאל ווייטער. מען פייפט אפילו צום עסען און ווען אויפצוהערען עסען — טאקי, וויא צו בהמות אין פעלד. אבער אפילו דער פייף איז דא אויך א מאשינאווער, אויך אויף פארע, טראכט זיך רפאל א ביטערען וויץ, און גרייט איהם אן איבערצוזאגען זיין שרה גיטלען, ווען ער וועט קומען אהיים. אט דאס איז דער גאנצער אונגליק, וואס אהן א מאשין איז דא ניט פון ארט, זאגט רפאל ווייטער צו זיך אליין, אט דעריבער ליגט מען דא אזוי אין דר׳ערד. אליין אזעלכע מאשינען איז ניטא מיט וואס צו קויפען, אזוי שפארעווודיג איינסטראיען דיא ארבייט, אזוי גרויס פיהרען, אזוי וואלוועל אלץ קויפען, א סך מיט א מאל, אגולנע — אויף דעם האט דער פראסטער בעל מלאכה ניט. נו, ליגט מען אין דר׳ערד! שרייט אויף דיר א ליאדער פויער, וויא אויף א איננגעל!....

רפאל קלעהרט ווייטער. דיא ארבייט ווערט איהם שוין מיאוס, רק דיא זעלבע ארבייט, רק רוק ברעטער אין מאשין — דיא ארויס, דיא אריין. מע קען משוגע ווערען פון אזא ארבייט; אהן שום טעם, קיין שום שכל, שטעה און שפאר ברעטער וויא א גולם, קלעהרט שוין איצט רפאל; און דיא מאשין ווערט איהם אזוי נמאס, אזא בלוט שונא ווייזט זיא איהם אויס, אז ער וואלט איהר, דאכט זיך, צובראכען אויף פיצלאך מיט דיא אלע פערדרייעניסען מיט אלעמען.

אויפ׳ן הארצען איז רפאל׳ען א וועהטאג. דיא הענט הויבען זיך נישט. ער פארקוקט זיך א ווייל׳ע דורכ׳ן פענסטער....

ווידער אַ בליק אין פּלייצע; ווידער שטייט דער פּאַרמען לעבען איהם און שרייט — דיזען מאָל נאָך בייזער — און דער דייטש ניט איהם צו פערשטיין מיט ווערטער און מיט אוואיעס, אַז ווען ער וועט זיך נאָך אַ מאָל אזוי פערטראַכטען, וועט מען איהם הייסען גיין — אַז אַזוי זאָגט ער, דער פּאַרמען.

אזוי וויא מען וואָלט איהם צוקוועטשט וויא אַ פליג האָט זיך רפאל געפיהלט. פּונקט וויא מען וואָלט איהם אָבגעשמיסען וויא אַ חדר אינגעל, האָט ער ביי זיך אַליין אויסגעקוקט דיא גאַנצע צייט ביי דער ארבייט; ביז עס האָט גענומען ווידער פּייפען, און אַלע האָבען גענומען אויסטהאָן דיא פּאַרטיכער, און ער האָט געטהאָן וויא אַלע.

אהיים איז ער געלאָפען, ניט געגאַנגען, — געלאָפען אַ צו־נויפּגעקאָרטשעטער, אַ העלפּט פון דעם רפאל׳ען, וואָס איז אין דער פריה איבער דיא זעלבע נאסען געגאַנגען אין פּעקטאָרי. דער פּייף האָט איהם דיא גאַנצע צייט געהילכט אין דיא אויערן, און אין געדאַנקען איז איהם אויפגעמאָלט געוואָרען אַ בילד — דיא אידען אין גלות, אין מצרים. דער בילד איז אָבער געווען אַ פאָ־טאָגראַפיע פון דיא פּעקטאָרי וואָס ער האָט נור וואָס פערלאָזען, פּרעה האָט געהאַט דעם פּנים פון דעם בעל הבית — אפילו דעם זעלבען צעלענדער ־ הוט האָט ער געטראָגען — און דיא שוטרים מיט דיא לוחצים האָבען אויסגעקוקט פּונקט וויא דער פּאַרמאַן, בשעת ער האָט אויף איהם געשריען.

„מ׳איז אַלץ אין גלות" האָבען רפאל׳ס ליפּען געשעפּטשעט צו רפאל׳ען אַליין.

— מזל טוב דיר, שרה גיטעל, דיין מאַן איז שוין אויס רפאל נעריצך, שוין אַ הוילער רפאל — זיינען געווען זיינע ערשטע ווערטער, אריינקומענדיג אין שטוב מיט אַ געמאַכטען שמייכעל.

## .5

## שרה גיטלען אויף להכעים רעדט רפאל קאַפּויר און דעררעדט זיך צו אַ שכל.

דער „נעריצך“ איז אליין ניט אוועק: נאָך איהם זיינען ביסלעכווייז נאָכגעגאנגען רפאל'ס קיילעכדיגע באקען, ברייטער קארק, אויסגעשטעלטע ברוסט, דער היימליכער „פּראָסטער חי וקים“ קוק פון דיא אויגען, דער אָפּטער שמייכעל פון דיא ליפּען. דאס אלץ, פון וואָס שרה גיטעל פלעגט אַמאָל, אז עס איז געוועזן גוט אויפ'ן הארצען, קלייבען נחת, איז אוועק, אפשר אויפ'ן קרוליצער בית עלמן, אבי אין אמעריקא ניט געבליבען. דאָ איז ניט פּאר זיי דער אָרט, מסתמא. אין איין האַלב יאָהר איז דאס אוועק, און אין איין האַלב יאָהר איז אונזער רפאל עלטער געוואָרען אויף אַ יאָהר צעהן. און זיין מוח איז אויך ניט הינטער־שטעליג געבליעבען: ער האָט אויך אָפּגעלעבט אַ יאָהר צעהן אין דעם האַלב יאָהר — אָבגעלעבט אין דאגות און אין קלעהרען.

קיין שטענדיגע ארבייט איז ניט געוועזן, און, ווען עס האָט זיך יע געמאַכט אַ דזשאַב אויף אַ וואָך פינף, זעקס, האָט דיא פּעקטאָרי רפאל'ען געגריזשעט וויא ראָכט גריזשעט אייזען. דער פייף, דעם פּאָרמען'ס בליק, דער ווינקעל, אין וועלכען רפאל האָט זיך געפּיהלט וויא אַ סאָלדאט אויף דער אוטשעניע, דיא גאַנצע קוויטשעדיגע, הוזשעדיגע, שרייעדיגע, צוטומעלטע הויז, אין וועלכע ער איז עפּעס וויא אַ טראָפּען אין ים, — דאס אלץ האָט איהם ניט אויפגעהערט צו נעהמען דעם לעבען. היינט דיא ארבייט גופא — שטיי גאַנצענע טעג און ברעך זיך און שטעך זיך ביי דער מאשין, און סמייע כמעט ניט אויסצושפּייען, שטיי און רייס דיא הויט פון זיך אָהן שום טעם און ריח; דיא מאשין איז דער מייסטער און ער, רפאל, דערלאנגט איהם דאס נור צו דער האנד, וויא אַ

גולם א לעחרעןְ־אינגעל, — דיענסטאג וויא מאָנטאג, מיטוואָך וויא דיענסטאג, אָהן שום ענדערונג, קיין שום הנאה ניט פאר׳ן קאָפּ, ניט פאר דיא הענד.... עס נודעט איהם, עס ברעכען איהם דיא ביינער, און דיא מאשין טהוט איהר זאך און לאָזט זיך ניט אָפּדיכענען — ס׳אויך איהר דאגה !.....

רפאל איז מקנא א באַר אנדערע אידישע סטאָלערס. זיי זייַנען אָנגעקומען מיט איהם צוגלייך. זיי האָבען זיך שוין צוגעוואוינט, זיי קימערט דאס שוין וויא דיא קאץ — אבי עטליכע דאָלאר וויידזשעס ; און ער קען אלץ ניט אויסהאלטען.

ניט ווילענדיג ארבייטען דיא הענט, אָבער זיי דארפען קיין קאָפּ צו זיך ניט. דיא קאָפּ פארקלעהרט זיך אָפט און קלעהרט און קלעהרט און קלעהרט... פאר וואָס איז דאָ אנדערש וויא אין קרוליץ ? — קלעהרט זיא — פאר וואָס איז מען דאָ אזוי פערקויפט ? פאר וואָס איז אזוי שווער זיך צו־צו־שלאָגען צו אן איינגענעם שאפּ ? ווייל דאָ מאכט מען קאמאָדען מיט מאשינען, און א סך מיט א מאָל ; הונדערטע מענשען אין איינעם מאכען זיי — קומט אויס אזוי ביליג... מען דארף זיין א גרויסער גביר צו אזא פאבריק ; דער בעל מלאכה אליין, ווידער, קען מיט הגילע הענד אזוי ביליג דיא קאמאָדען ניט מאכען. דעריבער קען ער זיך ניט שטעלען געגען דעם פאבריקאנט, מוז ער צו איהם קומען זיך פארקויפען וויא פארצייטען פלעגט מען זיך פארקויפען פאר א סאָלדאט ; דעריבער ליגט מען דאָ אזוי אין גלות. מען זאָגט, אז אַמעריקא איז א פרייע מדינה. דער וואָס האָט דעם גראָשען איז טאקע פריי. אָט דער בעל הבית געהט זיך אום פריי און פראנק אן אויסגעפוצטער, וויא א פריץ, און לעבט א לעבען וויא א לעקאך. און דער היימישער בעל־הבית איז זיין קנעכט. פאר וואָס זאָגט מען דאס אז אין רוסלאנד איז מען ניט פריי און דאָ — יע ? דאכט זיך איך בין דאָרטען געוועזן פרייער וויא דאָ. איך בין מיר געוועזען פאר זיך א בעל הבית, דער ווארשטאט איז געוועזען מיינער, איך האָב מיר געארבייט, און קיינער האָט איבער מיר קיין דעה ניט געהאט צו זאָגען. אי דאָרטען איז דאָ א קיסר און דאָ איז דאָ א פרעזידענט ? וואָס איז דער חילוק ? דער קיסר האָט ליעב דעם רייכען, און דער פרעזידענט האלט דאָ

אויף מסתמא פאר דיא גבירים — ער איז דאָך מסתמא אליין אַ גביר. היינט האָט מען עפּעס פאר אַ פּאָר וואָכען דערצעהלט, אַז עס איז געווען אַ סטרייק אויף דיא באַהנען, האָבען דיא סאָל־דאטען געשאָסען דיא ארבייטער. איז דאָך אַ סמן אַז דיא גאנצע מלוכה האַלט דאָ פאר דיא בעלי־הבתים. ד׳ווייס, אפשר וואָלט דאָ טאַקע געווען בעסער, אפשר איז דאָס אַלץ, ווייל מען איז דאָ אַזוי ניט פרום: דאס רוב אידען גייען מיט געגאָלטע בערד, און רויכערען אום שבת און מען מוז דאָ ארבייטען אום שבת... אין קרוליץ וואָלט מען אַזעלכע מיט אַ פּויק פון שטעדטעל ארויסגעיאָגט....

וויא דיא מעשה איז, דאָ איז ניט קיין גאָלדענע לאַנד — אסור אַ לעק! — האָט זיך אַמאָל רפאל געטראכט; און דערביי האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט העסטער סטריט מיט דיא טראַנטע־וואטע טענעמענט הייזער, מיט דיא אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע מענער, פרויען, קינדער — אַ ים מיט דלות און מיט בלאָטע. און עפּעס האָט זיך גלייך נאָך העסטער סטריט אין דיא פּאַנאָראַמאַ פון זיין מוח אויפגעוויקעלט דיא פינפטע עוועניו, וואו ער פלעגט ליעבען צו פארגיין שפּאַצירענדיג, ווען ס׳איז קיין ארבייט ניט געווען. עס איז שוין מסתמא אַזוי פון גאָט — איינער זאָל פאר־פינסטערט ווערען אין דחקות און דער אַנדערער זאָל לעבען אין אַ פּאַלאַץ. אָבער פאר וואָס קומט דאס, אַז דער וואָס רייסט קריעה, ארבייטענדיג, יענער ליגט גראָד אין דער ערד, און דער, וואָס טהוט גאָר ניט — דער האָט דעם טעלעריל פון הימעל? אפשר איז דאס, ווייל אַ צדיק קומט אָפּ אויף דער וועלט, וויא מען זאָגט? זיינען דאָך דיא ארבייטער גאָר ניט אַזעלכע צדיקים? זיי ארבייטען אום שבת און דאווענען ניט. היינט זיינען זיי דאָך דאס רוב גאָר גוים, קריסטען.... און וויא קען מען גאָר זיין פרום, אַז מ׳איז אַן אָרימאַן?..... פאר וואָס זשע זיינען פּאָרט דאָ רייכע מיט אָרימע אויף דער וועלט? פאר וואָס זאָלען ניט זיין אַלע גלייך, קיינער זאָל ניט האָבען צופיעל און קיינער ניט צו ווייניג — נור יעדער אַ בכבוד׳ען רוהיגען לעבען — פאַלט רפאל׳ען אין זינען אריין אַ נייעס. נור ביי גאָט טאָר מען קיין קשיות ניט פרעגען, ענטפערט זיך רפאל און קלעהרט וועגען אנדערע זאַכען.

ווענען פערשידענע זאַכען האָט רפאל געקלעהרט. אָבער מעהר פון אַלץ — וועגען דיא ארבייט דאָ און אין דערהיים. דיא פעקטאָרי מיט דיא מאַשינען — אָט דאס מאַכט דאָ אָן אלע צרות, איז ביי איהם געבליעבען. אין קרוליץ מאַכט מען קאַמאָדען מיט הובלען, וועגען, דלאָטען, עקבויערס — אָהן מאַשינען, אָהן גרויסע פאַבריקען, אָהן אַ סך ארבייטער, — דעריבער קען מען גרינג ווערען פאר זיך אַ בעל הבית, און וואָס גאָט שיקט צו דאס האָט מען. דאָ גייט ניט אָהן דיא אַלע פערדרייעניסען; דעריבער איז מען אַ קנעכט ביי אַ פרעמדען, ביי דעם וואָס האָט אַ פעקטאָרי. פון וואַנען נעהמען זיך דיא טויזענדע ביי דעם פאַבריקאַנט? — ער טהוט דאָך גאָר ניט, — ער גייט דאָך אום פוסט און פאַס? פון וואַנען - זשע ? פון דעם ארבייטער'ס שוויס! דער ארבייטער בעקומט עטליכע דאָלאַר, און דעם בעל הבית פון דיא פעקטאָרי בלייבט פון איהם אפשר דריי מאָל אזוי פיעל.

וואָס ווייטער רפאל האָט זיך געמאַטערט, און וואָס ווייטער ער האָט געקלעהרט, האָבען דיא פעקטאָרים מיט דיא מאַשינען איהם אלץ מעהר אויסגעקוקט וויא דם שונאים. „מע וואָלט אייך ניט געקענט" — פלעגט ער אין געדאנקען צו זיי זאָגען — „וואָלט מען נאָך געקענט לעבען אויף דער וועלט. ווען אלע ארבייטער וואָלטען געווען הכמים, האָבען זיי בעדארפט צוברעכען און צו־מאָהלען אויף אַש אַלע פאַבריקעס מיט אלע מאַשינען".

מאיר'קען איז אויך געגאַנגען מיט דיא פוטער אַראָפּ. ער האָט זיך אָפּגעשניטען אַ פינגער ביי דער ארבייט, און אַלץ וואָס ער האָט געקענט אַרויסקריעגען פון באָס איז געווען 200 דאָללאַר; איז מעהר וויא העלפט געבליעבען ביי'ן אדוואָקאַט; און לײדיג איז ער אומגעגאנגען אַזוי לאַנג אַז דיא ווײדזשעס, וואָס ער האָט פארלאָרען, האָט בעטראָפען מעהר וויא דאָס וואָס איהם איז אָנגעקומען פון דער געשיכטע.

ווען מאיר'קע האָט ווידער געקענט ארבייטען און ער האָט געקראָגען אַ דזשאָב, איז ער געווען אזוי אָבגעוואוינט צו ארבייטען מיט זיין האַלב־פארהיילטען פינגער, און אַזוי נערוועז, אַז גלייך, דעם ערשטען טאָג, האָט ער שיער־שיער זיך ניט אָבגעהאַקט אַ

גאַנצע האנד. דאס האָט איהם אַזוי איבערגעשראָקען, אַז ער האָט פּשוט מורא געהאַט ווייטער צו געהן צו דער ארבייט. זיינע נערוועז זיינען געווען אַזוי צוטרייסעלט, אַז ווען ער איז פאָרט געקומען אין פעקטאָרי, האָט ער פראָסט געציטערט זיך צו צוריהרען צו דער מאַשין. דיא קאָפּ האָט ביי איהם געשווינדעלט און אַ שווייס האָט ארויסגעזעצט אויף זיין געזיכט. ער איז אוועק אַהיים און איז שוין מעהר צוריק ניט געקומען.

ווען זיין כלה'ס ברודער, וועלכער האָט געהאַלטען אַ סטאָר אין מיזורי, ניט ווייט פון סט. לואיס, האָט דערפון זיך דערוואוסט, האָט ער איהם געשריבען אַ בריעף, אַז ער זאָל קומען אהין. דאָרטען קען ער פּעדלען און מאַכען אַ לעבען. מאיר'קע האָט זיך דערפרייט, און איז אוועקגעפאָהרען; און רפאל'ען איז נאָך שווערער געוואָרען אויפ'ן הארצען: איצט אַז מאיר'קען האָט מען אויך פון איהם צוגענומען, האָט אַמעריקאַ איהם אויסגעוויזען נאָך פרעמ־ער, נאָך בייזער, נאָך שרעקליכער.

אַמאָל אין דיזע טעג האָט רפאל מיט שרה גיטלען געהאַט אַ ויכוח. זיי פלעגען איצט אָפט ויכוחים האָבען. שרה גיטעל פלעגט צייטען־וויז דעבאַטירען אויף איהר קרוליצער שטייגער; אָבער רפאל פלעגט שוין אויף איהרע קללות ניט ענטפערען מיט קיין שמייכעלע און גלייכוועדטלאך. עס איז גאָר ניט דער אַמאָליגער רפאל געווען. ווען זיא פלעגט נור איין פּיפּס ארויסלאָזען, פלעגט ער זיך פאַר־קרימען, אויסשטעלען דיא אויגען, אַ בראַזג טהאָן אָן דער ערד וואָס ער האָט אין האנד געהאַלטען, און אָפט נאָך אָפּצאָהלען איהר מענה לשון בכפל כפלים. היינט פלעגט ער אָפט נאָך אליין זיך פארצעפּען מיט איהר, וואָס אין קרוליץ האָט דאס קיין מאָל ניט געטראָפען. דערנאָך פלעגט איהם אָבער אימער פאַרדריסען, און ער פלעגט צו זיך אַליין זאָגען: „איך וויים אליין ניט פון וואנען ביי מיר נעהמט זיך אַזאַ כעס... נור וואָס איז דער חדוש? אַז דיא הארץ איז תמיד פארביטערט...“

דיעזען מאָל איז דער ויכוח געווען א געלאָסענער, אָהן קללות.

רפאל איז געקומען פון שאָפּ אין מיטען טאָג. עס איז מעהר קיין ארבייט ניט געווען. מען האָט איהם אָבגעשאַפט. אָן אָנגעבלאָזענער איז ער אריין אין שטוב מיט א פערקרימטע מינע. צווישען דיא ציין האָט ער אָנגעזאָגט שרה גיטלען דיא ביטערע בשורה, און האָט זיך אוועקגעזעצטביים פענסטער און גענומען קוקען אויפ'ן פייער - עסקייפּ מיט א פערוואָלקענטען פנים. אין אַזעלכע מינוטען פלעגט שרה גיטעל איהם דאָ, אין אמעריקאַ, ניט צעפּען. זיא פלעגט פּראָבט ציטערען פאר איהם. א ביסעל פלעגט זיא אויף איהם אויך רחמנות האָבען. א ביסעל פלעגט זיא שטילינקער־הייט צוּאווייגען אויף איהרע פינסטערע יאָהרען, וואָס זיי זיינען געקומען אין אמעריקאַ. א ביסעל פלעגט זיא א מאָל נעהמען חושד זיין, אַז רפאל האָט איהר שוין ניט אַזוי ליעב וויא א מאָל; וואָרים, וואו האָט מען דאס פריהער פון איהם געזעהען, ער זאָל אויף איהר אין כעס ווערען? איהר לייגסטע תוכחה פלעגט ער דאָך אָראָבשלינגען וויא א פלוים און פלעגט זיך נאָך פרייען, אַז זיא פלעגט איהם גלייך נאָך דעם צולאָזען צו זיך, פארבייסען מיט א קוש. —און דאָ.... וועה איז צו איהר, וואָס אַמעריקאַ האָט פון איהר רפאל'ען געמאַכט!...

רפאל איז ביים פענסטער אָבגעזעסען עטליכע מינוט. שרה גיטעל האָט איהם מיט א נעבאך־פנים'על גערופען עסען. ער האָט אויף איהר רחמנות געהאַט און איהר געענטפערט מיט א ליעבליכע מינע און איז געגאַנגען צום טיש.

ביי'ן עסען האָט מען זיך צורעדט. מען איז ביסלעכווייז אַרויף אויף זיין ארבייט. ניט ווילענדיג און ניט וויסענדיג פאר וואָס, איז רפאל באַלד ווייטער אין כעס געוואָרען. ביי יעדען וואָרט וואָס שרה גיטעל האָט געזאָגט, האָט זיך איהם געדוכט, אַז זיא מיינט ניט דאס וואָס זיא זאָגט, אַז זיא צעפּעט זיך, אַז זיא האָט פּרעטענזיעס צו איהם פאר וואָס ער פארדיענט ניט. פון דעסטוועגען האָט ער זיך איינגעהאַלטען און גערעדט געלאַסען.

— היינט וואָס קען מען מאַכען, אַז דאָ איז אַלץ מיט פעקקטאָרים — זאָגט רפאל.

— אַ ! זאָלען שוין די פּעקטאָרים, מיט די מאַשינען,
מיט די קאַלעשינען איינגעזונקען ווערען, רבונו של עולם ! —
רופט זיך אָפּ שרה גיטעל.

רפאל פארשטייט אַליין ניט פאר וואָס איהם ווילט זיך
נור ענטפערען קאַפּויר, מיט סטירדעס ; און ווייל זי זאָגט אַזוי,
זאָגט ער :

— בהמה דו, וואָס זיינען די פּעקטאָרים מיט די מאַ־
שינען שולדיג ?

— וויא הייסט, וואָס זיינען זיי שולדיג ? פרעגט זי,
נשתומם ווערענדיג. קנאַפּ ליגען מיר אין דער ערד צוליעב די
אַלע פארדרייעניסען, פארדרייט זאָל שוין אמעריקא ווערען,
כ'לעבען......

רפאל איז צוגעשפּאַרט צום וואַנט. שרה גיטעל האָט רעכט ;
ער זאָגט דאָך אַליין אימער דאס זעלבע. עס ציהט אָבער די הארץ
צו זאָגען פארקעהרט, איהר אויף להכעיס, און צו בלייבען גע־
רעכט. ער גיט אַ קלעהר ; די קאָפּ איז גוט ; ער גיט זיך
גלייך אַן עצה.

— די פּעקטאָרי מיט די מאַשינען זיינען שולדיג, כאַ־כאַ !
דאַכט זיך, הלואי וואָלט איך געהאַט אַ פּעקטאָרי מיט מאַשינען,
וואָלסטו דיין נדן, וואָס דו האָסט מיר געגעבען, ניט צוגעלייגט.
דו ביסט מעהר ניט אַ בריה צו שיטען קללות. קיין שכל איז
ניטאָ פון דאנען אהין. די מאַשינען זיינען אַן אונגליק !...

און וואָס ווייטער ער רעדט, דערערדט ער זיך אַלץ נעהנטער
צו אַ נייעם שכל.

— דער אונגליק איז וואָס דער בעל מלאכה האָט נ י ט
קיין מאַשינען. די נ י ט ־ מ אַ ש י נ ע ן איז די צרה. די
מאַשינען אָבער, — הלואי האָב איך זיי ! האָט מיר עפּעס גע־
פעהלט אין קרוליץ, אַז איך האָב אויסגעקלעהרט די „פּאַצעצע“
צו זעגען לייסטלאַך ? איך האָב וויניגער געהאָרעוועט און מעהר
פארדיענט. היינט מיט אַזעלכע מאַשינען וויא די היגע, וואָלט
דאָך גאָר געווען אַ תענוג. עס וואָלט אודאי זיין בעסער וויא אין
דער היים איז געווען צו ארבייטען מיט דעם הובעל און מיט
די זעג.....

די לעצטע ווערטער האָט ער שוין גערעדט גאַנץ רוהיג, וואָרים ער האָט זיי שוין גערעדט מעהר צו זיך אַליין, וויא צו שרה גיטלען. דיא רייד האָבען איהם אַליין פאַראינטערעסירט.

שרה גיטעל׳ס „לעצטער וואָרט" אין דער רעבאַטע איז געווען אַ זיפץ, אָבער רפאל דעבאַטירט שוין איצט מיט זיך אַליין. זיינע אייגענע ווערטער האָבען אויף איהם אַזאַ איינדרוק געמאַכט, אַז ער איז געבליבען זיצען און קלעהרען. אָה, ווען דער בעל מאכה וואָלט דאָ אַליין געהאַט דיא פעקטאָרי מיט דיא מאַשינען! — האָט ער געקלעהרט — אָבער וויא קומט אַ חוץ דעם: וואָס וואָלט שוין געווען, אַז יע? איינער אַליין אַרבייטען מיט דיא אַלע מאַשינען קען מען דאָך ניט: מען דאַרף דאָך האָבען אַ סך מענשען: דער זאָל שטיין ביי ד י א מאַשין, דער ביי י ע נ ע. מוז מען דאָך צודינגען מענשען, איז דאָך דאָס זעלבע וויא איצטער, — ווערען דאָך דיא צוגעדונגענע טאַקע אויסגעצאַפּט, און דער בעל הבית לעבט פון זיי אַ גוטען טאָג.

רפאל קלעהרט ווייטער, און עס פאַלט איהם אריין אין קאָפּ אַן עצה: אַז אַ סך אַרבייטער וואָלטען געקענט מאַכען בשותפות און קויפען אַ פעקטאָרי מיט מאַשינען, און וואָלטען אַליין געאַרבייט און וואָלטען אַליין געווען דיא בעל הבתים. אָט דאָס וואָלט געווען גוט! וואָלטען זיי אַלע געווען גליקליך! דאָס וואָס איצט פערדיענט דער בעל הבית אָן זיי, וואָלטען זיי אַליין געהאַט. אָבער וויא קומט! וואו נעהמט מען דאָס דיא געלד?

.6

## שיר השירים.

איין מאָל האָט רפאל'ען זיך געמאַכט ארבייט אויף אַ קליינע פּעקטאָרי. ניט מעהר וויא אַ מאָן 25 האָבען דאָרט געארבייט. מאַשינען איז דאָרט געווען ניט אַזוי פיעל וויא אין דיא גרויסע פאַבּריקען, וואו ער איז פריהער געווען. עס פלעגט איהם אָפּט אויסקומען צו טהאָן האַנד - ארבייט, און ווען דער בעל הבית האָט געזעהען, אַז ער איז אַ גוטער בעל מלאכה, האָט ער איהם געגעבען אַ „טשאַנס", וויא רפאל האָט זיך אין אמעריקאַ אויסגעלערענט צו זאָגען.

רפאל האָט מעהר פערדיענט. פון דער ארבייט האָט ער מעהר הנאה געהאַט. ער האָט זיך אין שאַפּ ביסלעכוויז גענומען פיהלען אַזוי וויא ביי זיך אין דער היים. עס איז איהם פרעהליכער געוואָרען אויפ'ן האַרצען.

ליידער אָבער ניט אויף לאַנג. רפאל האָט אַ מאָל גענומען בעמערקען, אַז דער באָס געהט אָפּט אום וויא אַ צומישטער און אַז יעדען „פּיי דיי" האָט ער גרויסע צרות איידער ער קריעגט דאָס געלד ארייצולייגען אין דיא קאָנווערטען אויף וויידזשעס.

אין אַ פּאָר וואָכען ארום איז דער שאַפּ גאָר צוגעמאַכט געוואָרען. רפאל האָט אראָבגעלאָזען דיא קאָפּ. עס איז איהם פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען. וואו נעהמט מען דאס נאָך אַזאַ פּלאַץ? ער האָט פאַרנאַנדערגעפרעגט וואָס דיא מעשה איז, און ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער בעל הבית האָט אָנגעזעצט און איז געבליבען אן אביון שבאביונים. עס איז זאָגאַר געווען אַ קלאַנג, אַז ער איז אוועקגעפאָהרען אין שיקאַגאָ און האָט זיך דאָרטען אליין געשטעלט ארבייטען פאר וויידזשעס אין אַ פרעמדע פאַבריק.

רפאל וויל אלץ וויסען. ער פרעגט זיך נאך: וויא אזוי? פאר וואס? און ער דערגייט: דער בעל הבית פלעגט זיינע מיע־בעל פערקויפען אין עטליכע פוירניטשור סטארס, וועלכע פלע־גען מיט איהם האנדלען פון וויא פיעל יאהר. צו דיא דאזיגע קראמען האבען גענומען קריכען אגענטען פון דיא גרויסע פאבריקען און אנבאטען דיא זעלבע סחורה צו פארקויפען פיעל ביליגער. רפאל'ס באס האט גערעכענט און גערעכענט און האט אויסגערעכענט, אז פאר דעם זעלבען פרייז, וויא דיא גרויסע פאבריקאנטען, קען ער ניט פערקויפען. פאר וואס? ווייל ער קויפט ניט אזוי פיעל מא־טעריאל מיט א מאל וויא זיי, און האט ניט אזעלכע מאשינען מיט אזעלכע צוריכטונגען וויא זיי. ער האט פון דעסטוועגען ניט גע־וואלט נאכגעבען און האט פערקויפט פאר דעם זעלבען פרייז און האט צוגעלייגט געלד. אזוי האט ער צוגעלייגט, צוגעלייגט; זיין קליינער קאפיטאל איז אויסגעשעפט געווארען; ער האט זיך פארשולדיגט ביז'ן האלז, פערמאטגערזשד דעם שאפ, דיא הויז וואס ער האט געהאט, ביז דיא סטרונע האט געפלאצט און א סוף, אראפ פון מארק! אויס בעל הבית! און וואו זיינען אהינגע־קומען זיינע קאסטימער? ביי דיא גרויסע פאבריקאנטען!

— אזוי!... — זאגט רפאל פארטראכטערהייט, — דיא גרוי־סע פיש שלינגט איין דיא קליינע.....

א מאל, שטעהענדיג מיט א בעקאנטען לעבען רידלי'ס סטאר*) אויף גרענד סטריט, און קוקענדיג אויף דיא גרויסע, ווייסע געביידע מיט פענסטער אויסגעפוצט מיט סחורה, מיט עטליכע טירען, דורך וועלכע הונדערטע ווייבער און גוי'עס געהען אריין און ארויס, האט רפאל זיך מיט דעם בעקאנטען צורעדט וועגען דיא עשירות וואס דא שטעקט.

---

*) בשעת דיעזער ביכעל איז געדרוקט געווען צום ערשטען מאל, איז דאס געווען א גרויסע קלויט אין רעכטען מיטען פון דעם אידי־שען קווארטאל. פריהער א ביסעל איז דאס געווען איינע פון דיא בע־ריהמטע קלויטען אין גאנץ ניו יארק און פרויען פלעגען אהין קומען קויפען פון גאנץ שטאדט, פון ברוקלין און פון אנדערע ארומיגע גע־גענדען.

— און איך גערדיינק נאָך, אז רידלי׳ס סטאָר איז געווען א כך קלענער — זאָגט רפאל׳ס בעקאַנטער, א מאַן פון א יאָהר פער־ציג, און קיין גרינער ניט שוין א יאָהר צעהן: — דאס איז געווען דריי סטאָרען אָבגערוקט איינע פון דיא אַנדערע, און אין מיטען זיינען געווען אַנדערע סטאָרקעס פון אַנדערע ביזנעס־לייט.

— האָט רידלי ביי זיי דיא סטאָרס אָבגעקויפט? פרעגט רפאל.

— א ברירה האָבען זיי געהאט! זיי האָבען דען געקענט זיך האַלטען לעבען איהם?

— אהאַ! — פאַרטראַכט זיך רפאל — אויך אַ גרויסע פיש האָט איינגעשלונגען עטליכע קליינע פישלעך.....(**

וואָס ווייטער האָט אַלץ רפאל מעהר געטראַכט וועגען אזעל־כע זאַכען, און ער פלעגט אַלץ אָפטער קשיות פרעגען, און ביי יעדען ענטפער פלעגט ער אַלץ זאָגען „אהאַ!“ פאַרטראַכטערהייט.

אַ מאָל האָט מען איהם אויפ׳ן גאס דערלאַנגט אַ פיינינקען שרייב־ביכעלע — גאָר אומזיסט. ער האָט שוין פון לאַנג אָן גע־וואוסט, אז דאס איז אַן אדווערטייזמענט. אָבער קיין מאָל האָט ער זיך ניט פארקלעהרט וועגען דעם. איצט אָבער, האַלטענדיג דעם ביכעלע אין האַנד, האָט ער זיך פאַרטראַכט און פאַראינטערעסירט צו וויסען וואָס אויף דיא טאָוועלאַך איז אויפגעשריבען מיט אזעלכע פיינע, גילדערנע אותיות. ער האָט אימיצען געבעטען איבערלייענען, און מען האָט איהם פאַרטייטשט: „מעקאָרמיק׳ס קראַגענס און מאַנזשעטען זיינען דיא בעסטע, דיא שעהנסטע און דיא ביליגסטע. מיר גאַראַנטירען, אז אונזער סחורה איז שטאַר־קער פון אירגענד וועלכע אין דער גאַנצער וועלט“. רפאל האָט

---

**) רידלי׳ס קלייט איז שוין לאַנג ניטאָ. זיא איז איינגעשלונ־גען געוואָרען פון נאָך גרעסערע פיש, וועלכע געפינען זיך אויף וואַש־נערע גאַסען. אַ ביסעל דורך דעם, און אַ ביסעל אויך דורך דעם, וואָס עס איז שטאַרק אויסגעוואקסען דער אידישער קוואַרטאַל מיט זיינע אייגענע אידישע געשעפטען, איז פון דיא ריעזיגע קלייט צוריק געוואָרען עטליכע קלענערע, אָבגעזונדערטע — אלע אידישע.

זיך דערמאנט, אז אויף דיא שטיקעל ענגלישע צייטונג, אין וועל־כע בייא איהם איז עפּעס דאן גראָד געווען איינגעוויקעלט, איז גע־ווען אויסגעמאָהלט א פּאָר מאנזשעטען מיט א קראגען. דערביי איז עפּעס געווען אויפגעשריבען אויך. ער איז געווען א בעלן צו בעטען איבערלייענען, און מען האָט איהם געזאָגט, אז עס שטייט אזוי: „פּרופּט בראון׳ס קראגענס און מאנזשעטען — דיא בעסטע, דיא שטאַרקסטע, דיא שעהנסטע און דיא ביליגסטע אין דער וועלט“.

—ביידע זיינען דיא בעסטע אין דער וועלט, אי מעקאָרמיק׳ס אי בראון׳ס — זאָגט רפאל צו זיך אליין מיט א שמייכעל. — עפּעס וויא דיא היישעריקען זיינען דיא ביזנעס לייט, וויא דיא הינט רייסען זיי זיך ארום......

און דאָ איז איהם ארי ן אין זינען זיין בעל הבית, וואָס האָט אָנגעזעצט, און ער האָט ווייטער זיך פארטראכט, און האָט אזוי געטראכט און געטראכט ביז ער האָט צו זיך געזאָגט:

— דער גרעסטער הונט איז גובר דעם קלענערען, און אזוי רייסט מען זיך און מען בייסט זיך רק.... און נאָך זאָגט מען דאס, אַז עס איז אַ געבילדעטע לאַנד, אַן איידעלע לאַנד!.... וויא דיא ווילדע חיות פאלט מען אָן איינער אויף דעם אַנדערען.... דער פאבריקאַנט אויף דיא ארבייטער. איין פאבריקאַנט אויף דעם אַנ־דערען פאבריקאַנט.... נור אמת, דיא ארבייטער גופא רייסען זיך אויך און בייסען זיך צווישען זיך. יעדער וויל אַוועקנעהמען דעם דזשאָב ביי דעם אַנדערען. אויף איין דזשאָב פאַלען אָן הונדערטער, און ווער לעקט אַ ביינדעל? דער בעל הבית!... און דעם בעל הבית איז אויך ניטאָ וואָס מקנא צו זיין. ער ציטערט פאר דעם רייכערען בעל הבית; ער שלאָפט אויך קיין נעכט ניט.... גוואלד, פאר וואָס זאָלען מענשען ניט קענען לעבען וויא ברידער — בשלום, פריינדליך, און ניט רייסען זיך פאר דיא נעזער, און ניט כאַפּען איינער פון דעם אַנדערען, און ניט שטיקען און טרעטען אונטער דיא פיס דעם אָרים־מאַן?....

א מאָל, פערקלערענדיג זיך וועגען אַ טעלעפאָן, דורך וועל־כען דער סופּעראינטענדענט האָט גערעדט מיט דעם בעל הבית,

וועלכער איז געוועזן ביי זיך אין דער היים, האָט רפאל זיך דער־טראכט צו אזעלכע מחשבות:

היינט וואָס קומט שוין ארויס פון דיא אלע חכמות? א גליק האָט מיר געטראָפפען! טעלעפאָנען, טעלעגראפען, מאַשינען! אז וואָס מעהר מאַשינען איז אלץ מעהר צרות..... .

אָט מען וואָלט קענען אויסקלעהרען אזא מאַשין, אז אלע־מען זאָל זיין גוט אויף דער וועלט.... אָט דאס, זעהסטו, וואָלט געווען א מאַשין!..... .

דאָ דערמאָנט זיך רפאל אָן דעם פּלאַן, וואָס איהם איז א מאָל אין קאָפּ אריינגעפאלען: א סך בעלי מלאכות זאָלען מאַכען בשותפות, און קויפען אן אייגענע פאבריק מיט אייגענע מאַשינען; זיי זאָלען אליין זיין דיא בעל הבתים, בשותפות, און אליין זיין דיא ארבייטער. — אָט דאס וואָלט געווען גוט: זיי וואָלטען צו קיינעם'ס לאַסקע ניט אָנקומען, און וואָלטען אליין געהאַט דאס וואָס דער פאבריקאַנט פארדיענט אָן זיי.....

בלייבט דאָך דיא אלטע קשיה: וואו זאָלען זיי נעהמען אזוי פיעל געלד? ..... נאָר אמת, וואָס וואָלט שוין זיין, אז זיי וואָלטען שוין אפילו יע האָבען געלד? וואָס איז געווען מיט זיין פריהערדיגען בעל הבית, דעם פאבריקאַנט, אַז ער האָט שוין גע־האַט זיין אייגענע פאבריק מיט זיינע אייגענע מאַשינען? איז ער אויך געגעזעלט געוואָרען. דיא גרעסערע פיש האָבען איהם איינגעשלונגען. קען דען דער זעלבער אונגליק ניט געשעהן מיט א בשותפות'ען שאָפּ פון ארבייטער? א גרעסערער שאָפּ וועט פארקויפען וועלוועלער און זיי וועלען בלייבען מיט'ן בייטש, וויא חיים טעווקע דער בעל העגלה, און וויעדער מוזען ווערען פערקויפטע ביי א פרעמדען......

דיא זעלבע מחשבות זיינען רפאל'ען דערנאָך אריינגעפאלען אין קאָפּ גאַנץ אָפט.

א מאָל האָט ער זיך צורעדט מיט א לאַנדסמאַן וואָס האָט געהאַלטען א גראָסערי סטאָר. מען האָט זיך צושמועסט וועגען ביזנעס, וועגען דיא פערשידענע סוחרים פון אמעריקא. רפאל'ן האָבען דיעזע זאכען איצט שטאַרק אינטערעסירט, און ער האָט ווע־

געגן דעם געשטעלט פראגען ביי וועמען ער האָט נאָר געקענט. דער גראָסערי מאַן איז געווען אַ פּיפּיקער אידעל און האָט געוואוסט וואָס עס טהוט זיך אין דיא אמעריקאַנער ביזנעסען. רייענדיג וועגען צוקער, האָט ער פאַר רפאל׳ען זיך בעקלאָגט, אַז דער גראָסערי קרעמער פאַרדיענט אָן צוקער קיין סענט ניט, און אַז ער מוז עס האלטען צוליעב דיא קאָסטימער.

— היינט וואָס קענען דיא סטאָרס זיך העלפען? האָט ער ווייטער גע׳טענה׳עט אַז אלע צוקער־פאבריקאַנטען האָבען געמאַכט אהדות און האָבען איצט איין געשעפט אויף גאַנץ אמעריקאַ? נו האָבען זיי אונז אין דיא הענד און קענען טהאָן וואָס זיי ווילען. מיט דיא קעראָסין איז אויך אַזוי. דאָס איז אויך ביי איין קאָמפּאַני אין דיא הענד......

דאָס איז רפאל׳ען אריין טיעף אין מוח אריין. אהדות! אויף גאַנץ אמעריקאַ איין געשעפט, אָהן רייסעריי. אָהן בייסעריי... ניטאָ קיין גרויסע פיש און קיין קלענערע; מען שלינגט זיך שוין ניט.....

רפאל טראַכט. בשותפות׳ע שעפּער פון ארבייטער וואָלטען אויך ניט געטויגט. האָט ער עטליכע מאָל זיך געקלעהרט, ווייל איין שאָפּ וואָלט דעם אנדערען שאָפּ איינגעשלונגען.... סטייטש, אָט איז דאָך אָן אויסגעצייכענטער פּלאַן, כ׳לעבען!.... אלע סטאָלאַרעס וואָלטען געמאַכט בשותפות, אלע צוזאַמען, און אלע וואָלטען זיי געהאַט דעם גאַנצען מעבעל געשעפט פון אמעריקאַ אין איינעם, וויא דער צוקער־געשעפט, למשל... אָט דאָס וואָלט געווען אַ פּלאַן! אליין וואָלטען זיי געווען דיא בעל הבתים און אליין דיא ארבייטער, אלץ וואָלטען זיי אליין פאַרדיענט. און קיינער וואָלט ניט מורא געהאַט טאָמער לאָזט אַן אַנדערער וועלווועלער....

אָט דאָס וואָלט געווען אַ „מאַשין“, וואָס וואָלט דעם ארבייטער גליקליך געמאַכט! צו אַזאַ מאַשין וואָלטען שוין אלע מאַשינען גוט געווען. דער ווערטעל „מאַשין“ געפעלט דאָ רפאל׳ן; אליין, און ער גייט ווייטער מיט איהם און טראַכט זיך מיט אַ

שמייכעל אין געדאנקען: א מאשין אויף צו־רעכט צו מאכען אלע מאשינען וואלט דאס געווען — א מאשין איבער אלע מאשינען, א מין שיר השירים, א געזאנג פון געזאנגען, וויא דער קרוליצער רב פלעגט יעדען פסח טייטשען, נעהמענדיג זיך אלע יאהר צו דעם זעלבען פשט'על. וועלכען רפאל האט שוין געוואוסט מיט אלע קליפערלאך.... און עס וואלט זיך טאקע געזונגען, פריילאך אויפ'ן הארצען וואלט דעם ארבייטער אלע מאל געווען מיט אזא מאשין, קלערט רפאל; איצט זיינען דיא מאשינען פאר איהם מלאך־המות'ען; און מיט אזא מאשין, מיט אזא „שיר השירים פאצעצע", וואלט יעדע מאשין געווען א ברכה. דיא ארבייטער וואלטען טאקע געארבייט גרינגער — אזוי וויא ער אין קרוליץ מיט זיין „פאצעצע". היינט וואלטען זיי געווען גוט אפ, און וואלטען אליין געווען בעל הבתים איבער זיך. קיין ווילד־פרעמדער וואלט פון זייער פראצע פוסט־און־פאס ניט אומגעגאנגען וויא דער פריץ. דענסטמאל וואלט טאקע געווען בעסער וויא אין קרוליץ.

און דער נייער פלאן זיינער קריעגט ביי רפאל'ען א נאמען „שיר השירים"; און ער בלייבט ביי דיא אלטע שאלה: וואו זאלען דיא ארבייטער אבער נעהמען אזוי פיעל געלד אזא מין געשעפט איינצופיהרען?

.7

## דיא פאַבריקען שלינגען זיך, ווערגען זיך שלינגענדיג און ברעכען אויס אַרבייטער.

רפאל האָט וויעדער געקראָגען אַ נייעם פּלאַץ, און וויעדער אַ גוטען. זאַלבע פופציג האָבען זיי דאָרט געארבייט, און רפאל איז גיך קענטיג געוואָרען פאר אַן אויסגעצייכענטען בעל מלאכה.

שרה גיטעל האָט ביסלעכווייז זיך גענומען פארגעסען אָן קרוליץ, האָט זיך שוין לאנג אויסגעלערענט צו זאָגען „סילינג“ אנשטאָט „באַלקען“, „ווינדע“ אַנשטאָט פענסטער, און נאָך אַ פּאָר טוץ ווערטער אזעלכע; האָט צוגענומען אַ פּאָר באָרדערס, און אַזוי איז דיא צייט ביי איהר אַוועק, קאָכענדיג פאר דיא באָרדערס, קריגענדיג זיך מיט דיא באָרדערס, קריגענדיג זיך מיט דיא שכנות, וואָס האָבען געוואָלט אָברייבען דיא באָרדערס, פארברייגענדיג אַ פּאָר שעה יעדען טאָג אין איבערטאַפּען דיא קאָשיקעס אויף העסטער סטריט. אבי רפאל האָט געבראַכט דיא פּאָר דאָלאַר אלע וואָך, האָט זיא איהם געלאָזט צו־רוה. ווען רפאל פלעגט פארלירען אַ פּלאַץ, פלעגט אפילו זיין צרות; עס איז אָבער געווען צו דערהאַלטען. עפּעס דאָ אין אמעריקא האָט שרה גיטעל׳ס מענה לשון קיין שליטה ניט געהאַט צו איהם.

ווען עס איז קיין ארבייט ניט געווען, פלעגט רפאל גיין איבער דיא פעקטאָרים, און דאַן פלעגט ער ליעבען צו פארגיין אין סענטראל פּארק אָדער אין דיא רייכע געגענדען, וואו עס איז ריין און גראַם און שטיל. דאָרטען פלעגט ער גיין און טראַכטען און טראַכטען. קיין מאָל פלעגט זיך איהם ניט אַזוי טראַכטען וויא אויף דיא שפּאַציר־גאַנגען זיינע, ווען ער פלעגט זוכען ארבייט. דיא ווייב האָט פון דיא באָרדערס געצאָהלט רענט און נאָך גע־

האָט אויף אַ טהייל חיונה אויך. פאר רפאל׳ען איז דער וואַרמעס אימער פארטיג געווען — צו ער האָט געארבייט צו ניט. קיין עלענט, קיין ציטערנים פאר דעם מאָרגענדיגען טאָג האָט זיין ברוסט ניט געשטיקט; אָבער עפּעס אַ פּוסטקייט האָט ער גע־פיהלט, עפּעס הונגעריג זאַטער־הייה, דורשטיג אָהן דורשט. עס האָט זיך איהם געביינקט, אָבער שוין ניט נאָך קרוליץ; ער וואָלט דאכט זיך געפלויגען; אָבער וואוהין — ווייס ער אליין ניט.

און וואָס שטארקער עס האָט זיך איהם אַזוי געביינקט, אַלץ מעהר פלעגט זיך איהם טראַכטען. וואָס זיין אויג פלעגט נאָר דערזעהען, פלעגט דאס אוועקלאָזען אלע רעדעלאך פון זיין מוח.

לעבען דיא פאבריק, אין וועלכע רפאל האָט איצט געאר־בייט, איז געשטאַנען נאָך אַ מעבעל פאבריק — אויך מיט אַ מאַן פופציג ארבייטער. איין פריהמאָרגען האָט רפאל דערהערט אַ נייעס: דער בעל הבית פון דיא אַנדערע פאבריק האָט זיין געשעפט פארקויפט צו רפאל׳ס בעל הבית, פשוט ווייל ער איז געווען ביז׳ן האַלז אין חובות. רפאל׳ס בעל הבית, ווידער, איז אַ פיפיקער ביזנעס מאַן, האָט אַ גלאַטען צינגעל, האַלט בעסערע אַגענטען, אַ שטריינגערען פאָרמען; דיא אונטערשטע שורה — ביי איהם איז גאָר אַן אנדער מזל ברכה אין ביזנעס, און ער האָט ביי זיין שכן ניט איין קאָסטימער שוין צוגענומען. דער שכן האָט זיך געצאַפּעלט וויא אַ לעבעדיגע פיש אויף אַ סקאָוואָרעדע, ביז סוף כל סוף איז ער געקומען צו מיסטער ארנאָלד׳ען (אַזוי האָט געהייסען רפאל׳ס בעל הבית) און האָט איהם פאָרגעלייגט צו קויפען זיין פאבריק. מיסטער ארנאָלד׳ען האָט אפילו אויסגעפעהלט געלד; אָבער ער האָט געקענט אַ וואַנט מיט אַ וואַנט צונויפ־ברייגען; האָט ער צוזאמענגעראבעלט דיא נויטיגע סומע, האָט אָבגעשווינדעלט זיין שכן פון קאָפּ ביז דיא פיס, איז געוואָרען אַ בעל הבית פון ביידע פאבריקען און האָט זיך נאָך אונטערגעשמיי־כעלט אין בערדעל אריין וואָס פאר אַ גאָרנישט יענער איז אין ביזנעס.

עס האָט זיך גענומען הערען, אַז מיסטער ארנאָלד קלייבט זיך דורכצוברעכען דיא וואַנד און פון ביידע פאבריקען צו מאַכען איינע.

רפאל׳ען האָט דאס ניט געקימערט. דיא איבעריגע ארבייטער אויך ניט: וואָס ארט דאס זיי? פריהער האָבען זיי געארבייט זאלבע פופציג אין איין קליינע פעקטאָרי און זאלבע פופציג אין דיא אַנדערע; און היינט וועלען זיי זיין זאלבע הונדערט אין איין גרויסע פעקטאָרי.

זיי האָבען אָבער אלע נעבאַך אַ טעות געהאַט.

ווען פון דיא צוויי פעקטאָריס איז געוואָרען איינע, האט מען רפאל׳ען מיט נאָך זיבצעהן ארבייטער אָבגעזאָגט. פאר וואָס? זיינען דיא געשעפטען ביי מיסטער אַרנאָלד׳ן עפּעס קלענער געוואָרען? אַ האָר אויך ניט! ער האָט אי אלע זיינע אייגענע קאָסטימער אי אלע קאָסטימער פון זיין שכן. פאר וואָס זשע? מיט׳טער אַרנאָלד האָט אויסגערעכענט, אַז ווען 72 ארבייטער וועלען ארבייטען אין איינעם, וועלען זיי קענען אויפטאָהן פונקט אַזוי פיעל, וויא פיעל דיא הונדערט האָבען אויפגעטהאָן ארבייטענדיג בעזונדער, צו פופציג אויף אַ פעקטאָרי. ערשטענס, קען מען אויף אַזאַ פאַבריק שוין געברויכען אַזעלכע מאַשינען, וואָס פריהער האָט זיך ניט געלוינט; צווייטענס, וואָס מעהר מענשען, קען מען דיא ארבייט אלץ מעהר צוטיילען אויף פראָסטערע חלקים און יעדער וועט טהאָן גיכער, און עס וועט זיין שפּאָרעוודיגער. און דאס איז נאָך אויך ניט גאָר. דאָ, וואו מען האָט פריהער געפאָדערט אַ גוטען בעל מלאכה, וועט איצט טויגען אַ קאַליקע. און דער סוף איז געווען, אַז רפאל׳ען האָט מען געהייסען גיין, ווייל ער פלעגט אונטער צעהן צוועלף דאָלאַר ניט אַרבייטען, און אויף זיין פלאַטץ האָט מען איצט געקענט אַוועקשטעלען אַ פינף־דאָלארדיגען אינגעל. מען האָט אויך אָבגעזאָגט איין בוכהאַלטער מיט איין פאָרמיען. איין בוכהאַלטער איז גענוג פאר דיא גרויסע פאבריק אויך, און אַנשטאָט פיער פאָרלייט, צו צוויי אויף אַ פאַבריק, איז איצט אַזוי וויא ביידע פאבריקען זיינען איינס, גענוג דריי.

רפאל גייט זוכען ארבייט. ער גייט אום איבער׳ן גאַס און טראַכט: איין פיש שלינגט אין ביזנעס איין דיא אַנדערע. פון אַ פּאָר קליינע ווערט איין גרויסע און אַ מאָל נאָך שלינגט איין

גרויסער לויתן איין אַ סך קליינע פישלאַך מיט אַ מאָל.... רידלי'ס סטאָר, למשל; דער קעראָסין ביזנעס, דער צוקער ביזנעס.... דאָ זיינען אויך אַ מאָל געווען אַ סך ביזנעס־לייטעלעך.... זיי זיי־נען אָבער שוין איינגעשלונגען.....

אָבער וואָס וועט דאס ווערען דערפון? טאקע עס איז שפּאָ־רעוודיגער, אָבער וואָס קומט ארוים דעם אָרימאַן דערפון? וואָס גרעסער דער געשעפט ווערט, אלץ מעהר ארבייטער פערלירען זייערע פּלעצער. פריהער האָבען ביי מיסטער ארנאָלד'ען געארבייט פופציג מענשען און ביי דעם אנדערען אויך פופציג. ווען מיסטער ארנאָלד האָט איהם איינגעשלונגען, האָבען 18 ארבייטער פערלאָרען אר־בייט. היינט וואו איז דער בוכהאלטער און דער פאָרמען? זיי, דיא פעקטאָרים, ווערגען זיך מסתמא, ווען זיי שלינגען איין איינע דיא אַנדערע; זיי ווערגען זיך און ברעכען אוים עטליכע ארבייטער דערביי...... .

גראדע אין דיעזער מינוט האָט רפאל בעמערקט, וויא עס בויט זיך אַ 15־עטאַזשיגע געשעפטס־הויז אויף אַ גאַנצען בלאָק. נאָך מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק, געדיינקט ער, זיינען אויף דעם בלאָק געשטאַנען עטליכע סטאָרס..

וואָס וועט דאָ ווערען? קלערט ער. אָט אזוי וועט מען זיך אלץ שלינגען און ארבייטער וועלען אלץ בלייבען אָהן ארבייט און שטאַרבען פון הונגער..... עס קומט אוים פונקט וויא מיט דיא מאַשינען, כ'לעבען, פאלט רפאל'ען אריין אין געדאנקען; און זיי־נע אויגען הויבען אָן צו בליסצען פון דעם שכל. דיא מאַשין פאר־שפּאָרט דאָך אַרבייט, דארף זיא דאָך גרינגער מאַכען דעם לע־בען — וויא איהם זיין קרוליצער פאַצעצע. צום סוף מאַכט זיא נאָך שווערער דעם ארבייטער'ס געמיטה. אזוי איז אויך מיט דיא איינשלינגענעס. וואָס מעהר פאבריקען מען שלינגט איין, ווערט פון קליינע פאבריקען אלץ וויינינגער, אָבער אלץ גרעסערע; דיא גרעסערע זיינען שפּאָרעוודיגער און פיהרען דיא ארבייט קליגער, מיט וויינינגער פראצע; אָבער וואָס קומט ארוים דעם ארבייטער פון דעם? ער בלייבט אָהן ברויט! פיעלע בלייבען גאָר אָהן ארבייט, און אַנדערע מוזען ארבייטען פאר קלענערע וויידזשעס — מען דארף זייערע קונצען ניט.....

יע, דער גאַנצער אונגליק איז אַלץ, וואָס דער אַרבייטער איז עפּעס וויא אַן איינגעבעטענער — וואָס ער האָט ניט, ניט דיא מאַשינען ניט דיא גרויסע פאַבריקען.....

אַ שיר השירים פּאַצעצע צו אַלע פּאַצעצעס — אי צו דיא מאַשינען, אי צו דיא איינשלינגענעכען — אָט דאס וואָלט געווען אַ טראַסט!.... אַז אַנשטאַט דיא קליינע געשעפטען וואָלטען געווען גרויסע, — יעדער געשעפט אויף גאַנץ אַמעריקאַ — מיט דיא בעסטע מאַשינען, און דיא אַרבייטער וואָלטען געווען דיא שותפים איבער דעם און אַליין געאַרבייט — אָט דאס וואָלט געווען אַ שיר השירים!.....

נאַרישקייטען אָבער... וואָס אין אַ סטאָליאַרסקע קאָפּ קען אַריינפאַלען! — קלעהרט זיך רפאל — דאס וואָלט דאָך הייסען, אַז קיין אָרימע לייט זאָלען ניט זיין אויף דער וועלט, און דאס קען דאָך ניט זיין. דיא וועלט קען מען דאָך ניט איבערמאַכען..... גאָט וויל מסתמא אַזוי, אַז דער בעל מלאכה זאָל אויסגעריסען ווערען... און ער פערקלעהרט זיך וועגען אַ בריעף, וואָס ער האָט בעקומען פון קרוליז, פון אַ שוועסטער, און אַז ער האָט נאָך אַלץ דעם בריעף ניט אָוועקגעשיקט צו מאיער'קען אין מיזורי.

אין אַ פּאָר מינוטען אַרום שטעלט ער זיך אָפּ לעבען אַ קוזנע און פאַרקוקט זיך, וויא דער שמיעד מאַטערט זיך אָנצוטהאָן אַ שינע אויף אַ ראָד פון אַ קאַרעטע, און וויא דער שווייס קאַפּעט ביי איהם און קאַפּעט. רפאל גייט זיך באַלד זיין וועג און אין עטליכע מינוטען אַרום בעגעגענט ער אויף בראָדוויי אַ רייכע בליסצענדיגע קאַרעטע. דיא קאַרעטע שטעלט זיך אָפּ לעבען אַ גרויסע סטאָר. אַ לאַקיי עפענט אויף דיא טירעלע, פון איהר קומען אַרויס אַ געפּוצטער שיינענדיגער העררר מיט אַ דאַמע און זיי גייען אַריין אין סטאָר. רפאל פערקוקט זיך אויף דיא קאַרעטע, און ער דערמאָנט זיך אָן דעם שמיעד מיט דיא שווייס, וואָס האָט געקאַפּעט און געקאַפּעט פון זיין פנים, און עס פאַלט איהם אַריין אין זינען: דער שמיעד גייט צו פוס און אין זיינע קאַרעטען, וואָס ער מאַכט ברעכענדיג זיך און גיסענדיג שווייס, פאָהרען אַרום ווילד־פרעמדע, אָט דיא וואָס ברעכען זיך ניט און גיסען

קיין שוויים ניט... וויין גיסען זיי, ניט קיין שוויים..... און דיא וויין גופא איז אויך פרעמדע שוויים, רויטע בלוט איז דאס, ניט קיין רויטע וויין.

רפאל גייט ווייטער.

דער געדאנקען מיט דיא קארעטע פּלאָנטערט איהם זיך אליץ אין קאָפּ. זיין אויג שטעלט זיך אָב אויף א שעהנע וואָהנונג אין א זייטיגע סטריט. — „דיא וואָס האָבען געבויט דיא הויז, וואוינען אין אַ צרה׳דיגע טענעמענט“, זאָגט זיין מוח. ער דערזעהט רייכע זייד־וואַרג אין אַ פענסטער „דער וואָס האָט דאס געוועבט האָט מסתמא קוים פּערקיל פאר דיא ווייב אויף אַ קלייד“ — זיפצט זיין געדאנקען. און רפאל ווערט אין כעס אויף דער גאנצער וועלט, וואָס זיא איז אזוי אָהן יושר, אַזוי נאַריש. גוואַלד, פאר וואָס זאָל מען טאַקע ניט איינפיהרען זיין שיר השירים? אָט דאן וואָלט געוועזן יושר אויף דער וועלט, וואָלט קיינער ניט מוזען האָרעווען פאר קיין פּוסט און פאסניקעס.

נאָר אויף גאָט פרעגט מען קיין קשיות ניט. ניט מיר האָבען דיא וועלט געמאַכט, ניט מיר ווען איהר איבערמאַכען....

8.

## רפאל בעזיעגט אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס.

אַ געפאנגענער אין אַ טורמע דארט דעם מוח, זוכענדיג מיטלען זיך ארויסצוכאַפּען אויף דער ווייסער וועלט. ער גיט זיך אַן עצה, קריעגט געצייג, גראָבט אַ טונעל אונטער די פּאָדלאָגע און פּויזעט ארויס. אָה! שוין אונטערן פרייען הימעל! פייגעלעך זינגען, דער בלויער הימעל איז פריינדליך. צווייגען מיט גרינע בלעטלאך.... אַט, אָט איז ער פריי! ער גייט ווייטער, אַ צומישטער פון פרייד. די האַריץ קלאַפּט פון אונגעדולד. אָט, אַט.... ער גייט, ער גייט. אָט באַלד.... פּלוצלונג — אַ הויכע שטיינערנע וואַנט שטייט שטרענג און קאַלט און ריהרט זיך ניט פון אָרט. און פון אַ זייט — אַ סאָלדאט מיט אַ ביקס אויפ׳ן פּלייצע.... פארפאלען! דער געפאנגענער בלייבט אָפּהענטיג. ער קוקט זיך ארום: קיין אַפענער ווינקעלע, קיין האָפנונג.... און דער סאָלדאַט טרעט ניט אָפּ. אַ קאַלטער שווייס גיט אַ גאָס איבער דעם געפאנגענעם׳ס פּנים. די בלוט שטעלט זיך אין איהם אָפּ, די פיס קענען קוים שטיין. פערפאלען! מיט די לעצטע כוחות קריעכט ער צוריק אריין אין זיין קעמעריל און פאלט אַנידער אויף זיין צוגעשמידטען באַנק אין אונמאַכט. אויף מאָרגען קריכט ער וויעדער ארויס. דער סאָלדאט און די וואַנט זיינען אלץ דאָ. אויף איבערמאָרגען וויעדער — און וויעדער דאס זעלבע. ענדליך הערט ער אויף צו קריכען און בלייבט אין זיין שמאָלינקען חדר׳ל. יעדער שטראַהל האָפנונג איז אויסגעלאָשען.

דעם געפאנגענעם׳ס נאָמען איז רפאל. וואָס מעהרער ער האָט געטראַכט, איז איהם די וועלט אַלץ מעהר געוואָרען ווי אַ טורמע. ער האָט געזוכט מיטלען ווי אזוי מען קען פון די געפענגנים ארויסגיין אויף אַ פרייע ווייסע וועלט. ער האָט גע־

פונען א וועג: „א שיר השירים פאצעצע“ — א פלאן, אז אלע ארבייטער זאלען מאכען בשותפות, אליין האבען דיא פאבריקען מיט דיא מאשינען; אלץ פיהרען אויפ'ן גרויסען שטייגער; יעדער געשעפט זאל זיין צוזאמען פאר דיא גאנצע לאנד; קיין שלינגענעס; קיין קריעה־רייסענעס פאר אן אויסגעפוצטען בעל הבית; קיינע בעל הבתים — ניין, אלע אי בעל הבתים, אי ארבייטער! דענסטמאל וואלט ניט געגאנגען צו פוס דער וואס מאכט א קארעטע; און דער וואס מאכט גאר ניט וואלט אין קיין קארעטע ניט אומגעפאהרען. קיינער וואלט ניט מהויב געווען צו גיסען שוויס פאר איהם. דער וואס גיסט שוויס וואלט אליין געווען א שותף אין דעם געשעפט. אלע וואלטען געארבייט און אלע וואלטען געלעבט א פיינעם רוהיגען לעבען. אבער וויא קומט מען דערצו? ערשטענס, וואו נעהמען דיא ארבייטער אזוי פיעל מיליאנען, אזעלכע גרויסע פאבריקען מיט אזעלכע מאשינען פאר זיך בשותפות איינצוריכטען?... וויא א שטיינערנער מויער שטייט דיא קשיה פאר רפאל'ען און פארשטעלט איהם דיא וועג צו דיא אמת'ע ווייסע וועלט. צווייטענס, וויא קען מען דאס גאר קלעהרען פון אזא פלאן! דאס וואלט דאך הייסען דיא גאנצע וועלט איבערמאכען. ניט דער מענש האט איהר געמאכט, ניט ער קען איהר איבערמאכען. זינט זיא שטייט זיינען געווען ארימע און רייכע. איז דאך א סמן אז גאט וויל אזוי — היינט וואס העלפען דיא דבורים מיט דיא פלענער? — און רפאל'ס אמונה שטייט מיט א ביקס און פארצאמט רפאל'ס מוח דיא וועג.

צוואנציג מאל, אין פערשידענע צייטען, קעהרט זיך רפאל אום צו זיין פלאן, און יעדעס מאל בלייבט ער אפהענטיג פאר דיא וואנט מיט דעם סאלדאט און קעהרט זיך אום צוריק. סוף כל סוף גיט ער איין מאל פאר אלע מאל א מאך מיט'ן האנד און הערט שוין אויף צו קלעהרען. אויף ד י א וועלט איז שוין ביי רפאל'ען קיין האפנונג ניטא — א טורמע, אן אמת'ע טורמע. אבער אנדערש קען שוין ניט זיין....

א פאר מאנאטען זיינען אוועק, און רפאל האט דעם סאל־דאט מיט'ן ביקס אוועקגעטריבען — גאר אומגעריכטער־הייט. עס איז אזוי געווען:

בנים׳קע איז געקומען צו גאכט. „ווי גייט דאס? אר־בייטסטו?" — „און דוא"? — „האסט עפּעס בריעף פון קראליץ"?...

הקיצור המעשה, רפאל פרעגט ביי בנים׳קען: „וואס הערט זיך עפּעס גלאט נייעס? — דוא לייענסט דאך פּייפּער־ס". און בנים׳קע דער־צעהלט, אז ער האט אקארשט געלייענט, אז מען דארט דעם מוח אויף אזא מאשין, מיט וועלכע מען זאל זיך קענען זעהן פון גאנץ וועלט — „למשל, ווען דוא זאלסט זיין דא, און איך אין לאנדאן, וועלען מיר זיך קענען זעהן אויפ׳ן טעלעגראף, פערשטעהסט"?

— ניט א י ך פערשטעה, ניט ד ו א פערשטעהסט, ניט מען קען פערשטעהן — ענטפערט רפאל — סיידען מענשען זאלען ווערען מלאכים... וויא הייסט דאס איך זאל דא זעהן אזש אין לאנדאן? ! מילא הערען דורך א טעלעפאן — נא, דאס קען מען נאך אזוי צוריכטען, אז דורכ׳ן דראט זאל זיך הערען דער קול. דאס איז א קנאפּער קונץ. אין קראליץ פלעג איך נאך אינגעל־ווייז ריידען מיט דיא אינגלעך איבער א לאנגען פאדים. אבער זעהן... וויא קען מען דאס זעהן, ווען עס איז פערשטעלט מיט שטעדט און מיט בערג און מיט מאלע וואס? ...

בנים׳קע קוקט, קוקט און צולאכט זיך.

— אזוי? איך האב גאר ניט געוואוסט, רפאל, אז דוא ביסט אזא בריה. א נו, מאך אקארשט א טעלעפאן. קענסטו? אבער ניט, אז מען זאל זיך קענען צונויפריידען פון דיא קראליצער שול ביז יוזיק דעם שוסטער׳ס שטוב. פרוף מאכען, אז מען זאל קענען הערען פון דאנען אין באסטאן.

— א, כ׳ארא חכם דוא ביסט! איך זאג דאך מעהר ניט, אז עס לייגט זיך מיר אויפ׳ן שכל, וויא אזוי מען קען הערען דורך א א דראט. דער ווארט, וואס קומט ארויס פון מויל, געהט איבערן פאדים צו דעם אנדערן ברעג. היינט, אז אהן א מאשינקע קען מען הערען אויף עטליכע איילען, קען מען דאך שוין וויא עס איז זיך געבען אן עצה מיט אזא מאשינקע דעם ווארט צו שטופּען ווייטער.

רפאל פערשטעהט ניט, אז זיין אייגען־געבאקענע ערקלעה־רונג פון דעם טעלעפאן טויג נעבאך אויף כפרות. אבער בנים׳קע פערשטעהט אויך ניט. און הגם ער רעדט דאס ניט ארויס, וואונ־

דערט ער זיך אין זיך, וויא קומט׳ א סטאָלאַרסקע קאָפּ צו אזא שכל. און פערוואונדערטערהייט און א ביסעל פערשעהמטערהייט זאָגט ער נור: „נו?“

— וואס נו? — רופט זיך אָפּ רפאל — וויא קען מען אבער זעהן א מענשען פאר טויזענד מייל? סיידען ער זאָל קומען צו פליהען איבער׳ן דראָט, וויא דער וואָרט פליהט, — ווייס איך וואס!

בנים׳קע איז אבער אויך קיין גראָבע קאָפּ ניט, און ער ענטפערט:

— באשר מיר פערשטעהען ניט, מיינען מיר, אז מען קען דאס ניט מאכען. אז מיר וואָלטען פערשטעהן, וואָלטען מיר דאָך אליין דאס געמאכט. אויף דערויף נעהמט מען דאָך א פּעטענט. דער וואס האט דיא גוטע קאָפּ אויסצוקלערען דיא מאשין, יענעם גיט מען א פּעטענט, און ער מאכט דיא געלד דאבייי. און דער וואס ווייס ניט וויא דאס אויסצוקלערען, יענעם דוכט זיך, אז עס קען גאר ניט זיין, — ביז ער זעהט מיט זיינע אויגען אז עס איז פּאָרט אזוי.

— דאס איז אלץ גערעדט וועגען אלע אנדערע מאשינען — טענה׳עט רפאל — אבער מאכען אז מען זאָל זיך קענען זעהן פון דאנען ביז לאָנדאָן, דאס איז ניט געווען און וועט ניט זיין, סיידען מען זאָל איבערמאכען דיא גאנצע טבע פון דעם אויבערשטען׳ס וועלט.

— אזוי זאָגסטו? שמייכעלט בנים׳קע. אבער אזעלכע חכמים זיינען אלע געווען איידער מען האט אויסגעקלערט דעם באַהן מיט דעם טעלעגראַף, מיט־מיט־מיט... דיא אלע אנדערע מאשינען. אז דוא וואָלסט געקענט לייענען, רפאל, וואָלסטו געוואוסט, אז דער וואס האט אויסגעקלערט דעם טעלעגראַף, האט געהאט געהאַקטע צרות איידער מען האָט איהם געוואָלט אויסהערען. מען האָט זיך פון איהם אויך פון אָנהויב אויס־געלאכט. מען האָט איהם גערופען משוגענער, און מען האט אויך געזאָגט, אז דיא טבע קען מען ניט איבערמאכען, און אז דורך א דראָט צו שרייבען פאר עטליכע מייל וויים וועט מען ניט קענען אזוי לאנ: וויא דיא וועלט וועט זיין א וועלט. און וואס

איז געווען מיט קאָלאָמבוס׳ען? איהם האט מען אויך פריהער געהאַלטען פאר א משוגענעם און קיינער האט פון זיין פּלאַן אפילו ניט געוואָלט הערען.

בנים׳קע לאָזט זיך אריין אין אביסעל אפּיקורסות און ער זאָגט ווייטער:

— אַז מען זאָגט א אידען, אַז מען האלט ביי׳ן אויסקלערען אַזאַ און אַזאַ מאַשין, לאַכט ער זיך אויס, און האט נאר איין טענה, אַז דיא וועלט קען מען ניט איבערמאַכען, אַז קיין נסים זיינען זינט דער חורבן בית ניטאָ. וויא אָבער מען ווייזט אַזאַ אידען אַזאַ מאַשין און מען טיקעט איהם אין נאָז אריין, גיט ער זיך גלייך אַן עצה און זאָגט: „פּטור נו, אין כל הדש תחת השמש“ — פערשטעהסט דאָך דעם טייטש דערפון, רפאל?

רפאל האט פערשטאַנען, און איז אנשוויגען געוואָרען. בנים׳קע האט געזעהן, אַז ער האט דאָ געוואונען דיא דעבאַטע, און זיינע אויגען האבען געשמייכעלט און אַזוי וויא געזאָגט: „א סטאָלער איז פּאָרט א סטאָלער און אַן איידעלער מענש איז פּאָרט אַן איידעלער מענש“.

רפאל איז בעזיעגט געווען. אָבער צו דיעזע מפּלה זיינע האָט ער זיין באָבעס ירושה ניט צוגעלייגט. מיט איהר האט ער בעזיעגט דעם סאָלדאַט מיט׳ן ביקס.

בנים׳קעס ווערטער זיינען איהם „אין מאָגען אריין“, און, ווען אין א פּאָר טעג ארום האט ער געהערט, אַז מען האט אויסגעקלערט א מאַשין, וואס זאָל זעצען אותיות צום דרוקען, אַזוי וויא א לעבעדיגער שריפטזעצער, האט ער זיך פערקלערט. בנים׳קע איז דאָך טאַקע גערעכט, אַז עס דוכט זיך מעהר ניט, אַז דיא וועלט קען מען ניט איבערמאַכען! אין אמת׳ן מאַכט מען דאָך איהר רק איבער, מען האַלט איהר אין איין איבערמאַכען. דער טאַטע פלעגט דערצעהלען, אַז ווען מען האָט צום ערשטען מאָל גענומען ריידען נאָכ׳ן דעם אייזענבאַהן — אַז א וואָגען וועט גערן אָהן פערד, האט מען זיך אין שטעדטעל אויסגעלאַכט. דערנאָך איז ביי דיא בעלי־העגלות פון דיא געלעכטערס געוואָרען טרעהרען. אַט האבען מיר וועגען, וואס פליהען — ניט נור זיי געהען — אָהן פערד; איז

רעדט מען זיך דורך א דראָט צונויף פון דאַנען ביז יוראָפּ; שטומע מאַשינען זעגען און האַקען, און הובלען, און פּיילען און קלעפּען און מאַלע וואס זיי טהוען!

א נייער געדאַנקען גיט א בליטץ אין רפאל׳ס מוח: וויא באַלד מען קען דיא וועלט אַזוי איבערמאַכען, אַז וועגען זאָלען פליהען אהן פערד, אַז מען זאָל קענען ריידען פון דאַנען אין יוראָפּ, אַז מען זאָל קענען איך וויים ניט וואָס טהאָן, היינט פאר וואָס זשע זאָל מען ניט קענען דיא וועלט אַזוי איבערמאַכען, אַז עס זאָל ניט זיין קיין אָרימע לייט, אַז אַלעמען זאָל זיך לעבען גליקליך?

וואס קומט ארויס פון דיא אַלע מאַשינען? ניט מעהר וויא צרות! וואס מעהר מאַשינען, אַלץ מעהר צרות — אַלץ מעהר אַר־בייטער אָהן ארבייט, און אַלץ וויינינגער פערדיענסט פאר דיא וואָס האָבען שוין אַ שטיקעל דזשאַב. פאַרוואָס זאָל מען ניט קענען צו דיא אַלע מאַשינען צומאַכען קיין „שיר השירים“ געצייג? מיט דעם וואָלט יעדע מאַשין דאָך טאַקי געווען א ברכה! דאַכט זיך אַזאַ „שיר השירים“ איינצוריכטען דאַרף מען האבען וויינינגער קאָפּ וויא אויף א טעלעגראַף מיט א טעלעפאָן, מיט דיא אַלע זיבען זאַכען...

קען דאס געמאָלט זיין, אַז מענשען, וואס האבען אַזעלכע טהייערע קעפּ, אַז זיי קענען אויסקלערען א טעלעגראַף אדער א פאָנאָגראַף, זאָלען ניט טויגען צו אַזאַ פּראָסטע זאַך, דאַכט זיך, ווי זיין „שיר השירים“? אַז ער, רפאל דער סטאָלער, האָט דאס גיקענט פערשטעהן, דאַרפען דאָך דיא גרויסע לייט געווים דאס פערשטעהן און וויסען וויא דאס איינצופיהרען! א גליק האט איהם געטראָפען — זיי האבען אויסגעטראַכט מאַשינען! — נסים ונפלאות! אַז פון דיא נסים קומט אבער ארויס ניט מעהר וויא גרויסע יסורים...

קען דאס זיין, אַז אַזעלכע גוטע קעפּ זאָלען ניט קענען אַזוי פיקסען אַלע מאַשינען זייערע מיט אמאָל, אַז פון זיי זאָל טאַקע דער לעבען גרינגער ווערען ביי אַלעמען — מיט אַזאַ מין פאַטשינקע, למשל, וויא זיין „שיר השירים פאַצעצע“? קען דאס זיין, אַז דער וואס קען מאַכען א נעה־מאַשין, למשל, זאָל ניט קענען צו איהר

צומאַכען א שרייפעלע, וואס איהר פעהלט? דיא היינטיגע וועלט מיט איהרע מאַשינען איז אויסגעצייכענט. עס איז אין גאַנצען אַן אַנטיק א מאַשין. דיא מאַשין געהט אבער שלעכט, זיא קריצט און גרילט און רייסט און מאַכט אַן א חורבן. אַלץ וואס מען דאַרף זיא זאָל אַרבייטען גוט, איז א „שיר השירים" שרייפעל אין איהר אריינצושטעלען. היינט פארוואס זאָלען מענשען ניט קענען אויפ־טהאָן אַזאַ קלייניגקייט, ווען זיי האבען געקענט איינסטראָיען דיא גאַנצע קונציגע מאַשין?

יע, איבערמאַכען דיא וועלט וואָלט מען שוין קענען. פאר דעם סאָלדאַט מיט'ן ביקס האָט רפאל קיין מורא נים. אָבער וואו נעהמט מען אזוי פיעל געלד דערצו? דיא וואַנט ארום זיין טורמע שטייט נאָך אַלץ, הויך, דיק, שטאַרק וויא אַן אייזען.

9.

## רפאל נעהמט איין אַ פּעסטונג.

וואס ביי מיין רפאל'ן האט געדויערט חדשים פערנעהמט ביי מיר א קאַפּיטעל. צו וואס זיין מוח איז צוגעקומען נאָך פיעלע וואָכען קלערען און טראַכטען — קלערען און טראַכטען צו ביסלאַך־ווייז: אַ שטיקעלע געדאנקען היינט, אַ ברעקעלע אפשר אין עטליכע וואָכען ארום — דאס נעהמט מיין פעדער צונויף אין איינעם, וויא א גראַבלע גראַבעלט צונויף צוזייטע, צושפּרייטע קערענדלאַך, און גרייט דאס פאר'ן לעזער צום טיש פיקס און פאַרטיג איינגעראַרט, איינגעוויאנזעלט אין אַ פּאָאר טוץ שורות.

צום ביישפּיעל: איין מאָל איז איהם ארויפגעקומען אויפ'ן געדאנק, אַז אפילו אַמעריקא איז אויך ניט אַלע מאָל געווען א רעפּובליק. ער האָט שוין געוואוסט, אַז דעם 4טען דזשולאי, ווען דיא אַמעריקאַנער אינגלאַך שיכען מיט פּיסטאָנעס און פייער־ווערק און צינדען אָן בערג מיט אַלערליי זאַכען אין דיא גאַסען, איז אַן אנדיינקען אַן דעם טאָג, ווען דיא אַמעריקאַנער האבען זיך ער־קלערט פריי פון דעם ענגלישען טראָהן. דאס איז געווען העכער וויא הונדערט יאהר צוריק. און וויא איז געווען נאָך פריהער? ווען מען וואָלט דאמאלס געזאָגט, אַז מען וועט אמאָל אויסקומען אָהן דעם קעניג, אַז מען וועט מאַכען א רעפּובליק — וואָלט מען מסתמא אויך געזאָגט, אַז דיא וועלט קען מען ניט איבערמאַכען! וויא קען מען דאס אויסקומען אָהן א קיסר? וואָלט מען געזאָגט.

רפאל האט ווייטער געקלערט און געטראַכט. און מיט דיא גאַנצע אַמעריקאַנער ביזנעס וויא איז? איז הפּנים דאס אַלץ פריהער געווען? פּארצייטען איז דאָ מסתמא געווען וויא אין א קליין שטעדטעל אין רוסלאַנד: קליינע ווארשטאטלאַך אָהן מאַשינען,

און קליינע בעל הבתים׳לאך, אָהן געלד, — אַט אזוי וויא ער, רפאל, איז געווען אין קרוליץ. און דאס אַלץ האט מען איבערגעמאַכט; אוי האט מען איבערגעמאַכט! אוי האט מען איבערגעמאַכט!

וויא דיא מעשה איז, וואס מעהר רפאל האט געטראַכט, איז איהם געוואָרען אַלץ דייטליכער, אז דיא וועלט האַלט זיך אין איבער־מאַכען, און אַז איהר אזוי איבערצומאַכען, אַז עס זאָלען ניט זיין קיין אָרימע, אַז אַלעמען זאָל זיך לעבען וויא אין אַ גן־עדן התחתון, איז גאר ניט אונמעגליך. וואס מעהר ער האט געטראַכט, זיינען דיא מאַכערס פון דיא מאַשינען, דיא גוטע קעפּ, דיא קינצלער, אַלץ מעהר אויסגעקומען וויא משוגעים. זיי בויען אויף אזאַ פיינעם רייכען פּאַלאַץ, האט ער זיך געקלערט, און ווייסען ניט אזאַ נאַרריש־קייט וויא דיא טהירען צוצושלאָגען. דיא מאַשינען מיט דיא אַלע זיבען זאַכען קענען מאַכען אַ פּאַלאַץ פון דער וועלט. עס פעהלט מעהר ניט, אַז דיא טהירען זאָל מען צושלאָגען — אַז אַלץ זאָל זיין בשותפות. דאן וואָלט געווען אַ מחיה צו לעבען אין פּאַלאַץ; אזוי אָבער ווערט מען פערפראָרען, דיא צימערן זיינען פול מיט וואַסער, מען פוילט און מען קריינקט אין רעכטען מיטען פון אזאַ שעהנע הויז. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז דער גרעסטער הכם איז אַמאָל אַ גרויסער נאַר. גוואַלט, ווען ער, רפאל, וואָלט דאס געקענט צו־קומען צו דיא גרויסע לייט און וואָלט זיי געקענט אנווייזען אויף זיין „שיר השירים“!...

נור אמת, עס איז נאָך אַ קשיא צו זיי ווען דאס וועלען. צו וואס דאַרפען זיי, אַז דער אַרבייטער זאָל זיין דער בעל הבית? וואס פעהלט זיי, אַז זיי געהען אום מיט דיא הענט אין דיא באַ־קעס?!...

ער וואָלט כאָטש געקענט ריידען צו אַלע אַרבייטער מיט אַמאָל — וואָלטען זיי גלייך זיך אנגעכאַפּט...

אבער וואס וועט דאס זיי העלפען? וואו וועלען זיי נעהמען אזוי פיעל געלד — אַלץ דיא אַלטע קשיא, אַלץ דער זעלבער פעס־טער מויער שטעהט און פאַרצאַמט דיא וועג פון טורמע.

אַמאָל, שפּאַציערענדיג, איז רפאל אוועקגעגאַנגען צו דיא מאַשינעריי וואס פּאָמפּעט אָן וואסער פאר גאַנץ שטאָדט ניו יאָרק.

די גרויסע דאַמפּף־מאַשינען וויא עוג מלך הבשן מיט דיא הונ־דערטע שרייפלאָך, מיט דיא גאַנצע צוריכטונג האט איהם גאר פון דיא כלים ארויסגעבראַכט.

אבער וואס איז דיא פּעולה? — האט ער צו זיך געזאָגט שפּעטער א ווײלע, קומענדיג אהיים — נאָך א פּוסט און פּאַסניק ווערט רייך פון פרעמדע שווייס. און דערביי האט ער זיך דער־מאָנט אָן דיא פיגורען פון דיא אַרבייטער, וואס ער האט ביי דיא דאַמפּף־מאַשינען געזעהן, וויא זיי זיינען איינגעריכט וויא דיא שוואַרץ־יאהרען און וויא זיי האַלטען אין איין ווישען דעם שווייס. און פאַרוואס קענען דאס דיא בעלי הבתים פון דיא וואַסער־פּעק־טאָרי (אזוי האט רפאל אנגערופען דעם אָרט פון וואַנען עס געהט דיא וואַסער פאר גאַנץ שטאָדט) אומגעהן מיט דיא הענד אין דיא קעשענעס און סייוועןן געלד פון פרעמדע שווייס? (דאָ האט זיך זיין מוח פּאָרגעשטעלט, וויא דיא טראָפּענס שווייס, וואס דיא ארבייטער ווישען פון זיך, ווערען פערגליווערט און וויא עס ווערט פון דעם זילבערנע טאַלערס) פאַרוואס? אַלץ ווייל דיא ארבייטער האבען ניט דיא מאַשינען! דיא בעלי הבתים זייערע האבען יע, און אָט אַזוי קענען זיי מיט זיי טהאָן וואס זייערע טריפה'נע הער־צער געלוסטען.

דיא „וואַסער פּעקטאָרי" איז רפאל'ען געווען אַזאַ ציקאַווע'ס, אַז ווען ער האט בעגעגענט, האט ער גענומען דערציעהלען וועגען דעם. אַזוי האָט ער אַ מאָל אָנגעטראָפען אַ בעקאַנטען, וועלכער האט איהם געגעבען צו פערשטעהן, אַז דיא „וואַסער פּעקטאָרי" בעלאַנגט ניט צו קיין קאַפּיטאַליסט, נאר צו דער שטאָדט, צו קהל.

אַזוי? אבי איך האב געמיינט, אַז דאס איז א קאָמפּאַניע. און אַז דיא יענגלאָרדס קויפען דאס דיא וואַסער ביי איהר!

דער נייעס איז רפאל'ן אריין טיעף אין זינען. עס האט זיך איהם פּשוט דער מוח געעפענט. ער האט גראַד אין דער פריה גע־זיפצעט, וואס דיא אַרבייטער האבען ניט קיין געלד איינצופיהר־רען אַלע פאַבריקעס פאר זיך, בשותפות, און דער ענטפער, אַז צו קהל געהערט דיא „וואַסער פּעקטאָרי" האט איהם אַ שיין גע־טהאָן אין זיין מוח מיט א תירוץ אויף דיא דאָזיגע קשיא.

פון אנפאנג האט ער נאָך דייטליך אליין ניט געזעהן וואס פיר א שייכות דאס האט איינס מיט דאס אנדערע. ער האט בלויז געפיהלט, אז אין דעם קהל ליעגט דער שליסעל צו זיין שווערע רעטעניס, און פון יענכמאלט אָן האט ער ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען דעם.

נאך אין א פּאָאר וואָכען ארום איז איהם אויסגעקומען צו געהן פון ברוקלין נאָך ניו יאָרק אפטאון. ער האט אין קעשענע געהאַט בלויז דריי סענט. דעם ברוקלינער בריק איז ער אריבער צו פוס און האט א סענט ניט בעצאָהלט. קומענדיג נאָך ניו יאָרק האט זיך איהם געוואָלט נעהמען דעם עלעוויטער: עס איז נאָך וויט צו געהן און דיא פיס הלש'ען. ער גיט א טאַפּ אין קעשענע, אפשר וועט זיך אויסטאַפּען נאך א פּאָאר סענט — עס איז אבער אן עבירה דיא ארבייט.

ער געהט צו פוס. ער געהט און טראַכט: דער בריק איז קהל'ס — דאס וויים ער; דער עלעוויטער בעלאנגט צו א מיליאָנערסקע פּריוואט־קאָמפּאַניע — דאס ווייס ער אויך. קהל לאָזט איהם געהן איבערן בריק אומזיסט, דיא קאָמפּאַניע נעהמט 5 סענט. אמאָל פלעגט קהל פאר'ן אריבערגעהן איבער'ן בריק אויך נעהמען געלד, אָבער דיא געלד האָט קהל געדארפט בלויז צו דעקען דיא קאָסטען פון בויען דעם בריק. וויא דיא קאָסטען זיינען שוין געדעקט געוואָרען אזוי האט קהל גענומען לאָזען געהן איבערן בריק פראַנק און פריי. דאס האט רפאל שוין אויך געהערט. און דיא קאָמפּאַניע? — זיא האט גענומען פינף־סענטיגע און נעהמט פינף־סענטיגע. דיא פיס הליש'ן ביי רפאל'ן און ער וואָלט, דאַכט זיך, דיא קאָמפּאַניע צוריי־כען וויא א הערינג.

פארוואס זאָל קהל שוין אויך ניט בויען קיין עלעוויטער? פרעגט ער זיך אליין. ער דערמאָנט זיך אָן דיא „וואַסער פעקטאָרי“. יוייבאלד אז קהל קען צושטעלען וואסער פאר א גאַנצע שטאָדט פון איין גרויסע פאַבריק, אז קהל קען בויען א בריק, טאָ פארוואס־ זשע זאָל קהל ניט בויען קיין באַהנען? ער גיט ווייטער א קלעהר. און פארוואס שוין טאַקי ניט מאַכען פּעקארניעס פאר דער גאַנצער שטאָדט צוצושטעלען ברויט, קליידער־פּעקטאָרים צו בעזאָרגען דעם עולם מיט קליידער? מיט וואס איז דאס ברויט און קליידער ערגער

פאר וואסער? א מענש דארף דאס אזוי וויא דאס. אזוי צאפט דיא קאמפּאניע אוים דיא בלוט... ניין, זיי צאפּען צוויי מאָל; דעם אר־בייטער צאפּען זיי אין פאבריק און דעם זעלבען ארבייטער צאפּען זיי ווידער, ווען ער קומט קויפען דיא סחורה. אָט זעהט מען דאָך; דער עלעווייטעד צאָהלט אַזעלכע צרה׳דיגע ווירזשעס דיא קאָנ־דוקטאָרען. און אַז א קאָנדוקטאָר וויל פאָהרען איבער דעם עלעוויי־טער, ניט ווען ער אַרבייט, מוז ער אויך צאָהלען 5 סענט. איבערן בריק אבער לאָזט מען אַלעמען אומזיסט, און דיא וועכטער פון בריק, האט רפאל געהערט, נעהמען העכער וויא צוואַנציג טאלער א וואָך.

דאָ זיינען רפאל׳ס געדאַנקען איבערגעשלאָגען געוואָרען.

אין א פּאָאר טעג ארום האט זיין מוח זיך פארטראַכט וויא קונציג דיא פּאָסטען זיינען צוגעריכט. אזוי פיעל מיליאָנען בריעף געהען אין טויזענדער טויזענדער פערשיעדענע ערטער — דער אַהער, דער אַהין, און יעדער בריעף קומט אָן אויפ׳ן ריכטיגען פּלאַץ און אַזוי גיך. היינט וויא וואָלוועל! פאר 2 סענט געהט א בריעף אוים גאַנץ אַמעריקא און, אויב ער טרעפט ניט דעם מענשען, קומט ער צוריק אין האַנד אריין. דאס איז געשעפט!.... יע, אָבער קהל איז דער בעל הבית איבער דעם דאָזיגען גרויסען געשעפט....

עס איז נאָך א נס בלעבען! אז ניט, וואָלט א סטעמפּ געקאָסט אפשר פינף סענט. דיא קאָמפּאַניע וואָלט דאָך ניט מיינען קיין מצות. א קאָמפּאַני מיינט ניט מעהר וויא פּראָפיט. קהל אָבער דארף ניט פערדיענען אָן דעם קאָסטימער... א שעהנע מעשה! ווער איז קהל? אַלע קאסטימער אין איינעם — אָט דאס איז קהל! קהל איז דער בעל הבית איבער דיא פּאָסט, און קהל שיקט דיא בריעף; היינט וויא קען דאס פערדיענען קהל אָן קהל — אָן זיך אליין? יע, היינט נעהמען דיא בריעף־טרעגער פיינע ווירזשעס — ביי צוואַנציג דאלאר פאר 8 שטונדען אַרבייט! עס וואָלט געווען אין דיא הענד פון א קאָמפּאַניע, וואָלטען דיא טרעגער בעקומען אפשר פיער אדער פינף דאלאר א וואָך... נור אמת, ווער זיינען דיא טרע־גער — ניט קהל, וואָס? אָט דאס איז א געשעפט! דער בעל הבית איז קהל, דיא אַרבייטער קהל און דיא קאסטימער אויך קהל — אַלץ

קהל און דער געשעפט איינער אויף גאנץ אמעריקא — ניט קיין רייסעריי, ניט קיין איינשלינגענעס. אַט אַזוי האָט מען בעדארפט איינסטראָיען אַלע געשעפטען. אַלע פאַבריקען, אַלע קראָמען, אַלע באַהנען, אַלע טעלעגראַפען, אַלץ זאָל זיין פאר גאנץ אמעריקא און זאָל געהערען צו קהל, און קהל זאָל אליין ארבייטען דערביי און אליין זיין דיא קאסטיכיער. בלייבט דאָך אבער דיא קשיא — וואו נעהמט קהל אזוי פיעל געלד?

איין מאָל האט זיך רפאל פארטראַכט וועגען דיא גרויסע, ריעזיגע קעבלען פון דיא גאַז־קאָמפּאַניעס. וויא אזוי מאַכט מען גאַז־בעלייכטונג? וויא אַזוי קומט דאס אריין אין דעם קעבעל און דערנאָך פון דעם קעבעל דורך רורעס און רורקעס אונטער דער ערד איבערן גאַנצען שטאָדט אין דיא טויזענדער הייזער אריין?

ער האט אבער באַלד זיך פערגעסען אָן דער פראַגע וויא אַזוי דאס אַלץ איז צוגעריכט און האָט זיך פארטיעפט אין א פראגע, וועלכע האט איהם אינטערעסירט פיעל מעהר וויא דאס. דיא גאז געהט פון גרויסע קעסלען דורך רורעס און רורקעס דורך דער ערד אין דיא אַלע הייזער פון שטאָדט. דאס איז דאָך פונקט וויא דיא וואַסער, כלעבען! נו, איז דאס אויך א קהל'שער ביזנעס, וויא דיא וואַסער?

ניין! ער וויים גאַנץ גוט, אַז דיא געז (גאַז) בעלאַנגט צו א פּריוואַט קאָמפּאַניע, וועלכע שינדט דיא הויט ביי יעדען קאסטי־כיער...

דעם אטהעם פערכאַפּט אַזש ביי רפאל'ן פון א קשיא, וועלכע פאַלט איהם אריין אין קאָפּ: סטייטש, עס איז דאָך כמעט דיא זעלבע זאַך! דאס געהט איבערן גאַנצען שטאָדט דורך רורעס אונ־טער דער ערד, און דאס געהט איבער'ן גאַנצען שטאָדט דורך רורעס אונטער דער ערד; אָהן דעם קען קיינער ניט אויסקומען און אָהן דעם קען קיינער ניט אויסקומען, — מעהר ניט וואס דאס איז צום טרינקען און דאס — צו בעלייכטען; וואס איז דיא נפקא מינא? אבי מען דאַרף דאס נויטיג האבען. הייגט פאַרוואס האַלט דיא וואַסער קהל, און דיא געז ליעגט אין דיא הענט פון פריוואַט־מענ־

שען, פון בלוט־צאַפּערס? וואו איז דער יושר? וואו איז דער שכל? גוואַלט, וואו איז דער יושר?...

רפאל האט פּראָסט געציטערט פון א געמישטען צאָרן און שפּאָט, פון א צופּענדען, ברענענדען געפיהל פון אונרעכט און דומהייט.

און ווידער שרייען זיין מח און זיין הארץ אויס: די גאַז־פּעקטאָרים האבען בעדאַרפט זיין קהל'שע; די קליידער־פאַבריקען קהל'שע, די באַהנען קהל'שע, די אייזען־פאַבריקען די צוקער־פאַבריקען — אַלץ, אַלץ, אַלץ האט בעדארפט זיין קהל'שע!...

און ווידער שטעלט זיך איהם אין וועג די פראַגע: וואו וואָלט דאס קהל נעהמען אַזוי פיעל געלד אויף אַלץ?

אבער עפּעס פיהלט ער, אַז דיזע פראַגע איז שוין ניט אזא „הארבע קשיא“ ווי א בשעת ער פלעגט זיך פרעגען: „וואו וואָלטען די ארבייטער גענומען געלד — אויף אַלץ אליין איינצוסטראָיען? פון אנפאַנג האט ער נאך אליין ניט פערשטאַנען פאר וואס עס איז א גרויסע נפקה מינא צווישען „אַלע אַרבייטער“ און „קהל“. אבער ביסלעכווייז איז דאס איהם קלאָהר געוואָרען.

אויף דערויף איז דאָך דאס קהל! — זאָגט ער צו זיך אליין— ניט אומזיסט זאָגט מען א ווערטעל, אַז „קיין ארים קהל איז ניטאָ“. אָט האט דאָך קהל די וואסער־פעקטאָרים, און די פּאָסט־אָפּיסעס און די סקוהלס, און מאַלע וואס! אה, ביי קהל איז קיין „ניטאָ“ ניטאָ. אָט אַרבייטער זיינען קבצנים...

נור אמת, ווען אַלץ וואָלט בעלאַנגט צו קהל וואָלט דאָך יעדער מענש געווען אַן אַרבייטער. יע, אבער א בעל הבית אויך!... אי אַן אַרבייטער אי א בעל הבית...

און רפאל שפּרינגט אַזש פאר בעגייסטערונג פון דעם זיעג וואָס ער האָט געהאַט: אַ פעסטונג איינגענומען, אַ וואַנט דורכגעבראָכען, — די וואַנט, וואס האט איהם פארצאַמט די וועג פון דער טורמע...

10.

## רפאל גיט אַן אַדוואָקאַט האַנד־געלד.

רפאל האט ניט גערוהט. וויא א הוהן וואס דארף לייגען אן איי האט ער זיך ארומגעטראָגען מיט זיין פּלאַן. שטונדען־ווייז פלעגט ער ביינאַכט אפליגען אין בעט מיט אָפענע אויגען, אלץ קלערענדיג, טראַכטענדיג. ביי'ן עסען פלעגט ער אָפט זיך אבשטעלען מיט א ביסען אין מויל און זיצען און קוקען אויפ'ן וואַנט; געהענדיג אהיים, פלעגט ער אמאָל פערקריכען עטליכע איבעריגע גאַסען; אין פעקטאָרי האט ער שוין אמאָל צעהן שיער א פּאָאר פינגער זיך ניט אָבגעשניטען ביי דעם מאַשין, וויא מאיר'קע, — אלץ צוליעב דעם פּלאַן, וואָס איז איהם פון זינען ניט ארויס, און וואָס ווייטער ער האָט גע־טראכט, האָט ער אלץ ווייניגער געדולד געהאַט צו דער וועלט. וואָס פאר א נאַראָנים!—פלעגט ער אין זיין הארצען אָפט אויסשרייען — א וועלט מיט נאַראָנים! מען האט דאָך געקענט אַזוי גליקליך זיין, עס וואָלט דאָך געקענט זיין א וועלט פון לויטער גבירים....

אַזאַ קליינינגקייט פערשטעהט מען ניט... און אַזעלכע חכמים, אַזעלכע קונציגע זאַכען, אַזאַ בריה'שקייט בעווייזט מען! טעלעגראַפען איבער דעם גרויסען ים, אייזענבאַהנען איבער דער גאַנצער וועלט, און אַזאַ גרינגע זאַך, דאַכט זיך — א קינד האט דאַך געקענט פערשטעהן — און דאָך פערשטעהט קיינער **ניט**, און דיא נאַראָנים ארבייטען פאר פרעמדע און ווערען אויסגעריסען, און מען רייסט זיך און מען בייסט זיך, און אפילו דער גביר האט אויך קיין הנאה ניט פון לעבען: קנאה, שנאה, אין א לעפעל וואַסער וואָלט איינער דעם אנדערן דערטרונקען...

ווען רפאל פלעגט זיך טרעפען מיט א בילד פון אונגעוועהנ־ליכע עלענד — אן ארבייטער פאמיליע אויפ׳ן גאס, ארויסגעווארפען פון דער דירה, אדער אן אלטען קראנקען בעטלער, — פלעגט איהם צוערשט פערקוועטשען דאס הארץ און גלייך נאך דעם פלעגט ער ווערען אין כעס אויף דיא גאנצע וועלט. און אפט פלעגט ער דערביי פשוט צוזאמענדריקען דיא פויסט און פערקריצען דיא ציין — גוואלט, ס׳ארא פלעקער! ס׳ארא וועלט מיט גולמים!...

וויא קומט מען אבער צו מיט זיין פלאן צו דער גאנצער וועלט? אן קהל ווענדעט זיך אלץ. אז קהל וואלט איהם אויסגעהערט, וואלט מען אלץ איינגעפיהרט אין איינע עטליכע חדשים... וויא קומט מען אבער צו צו קהל?

וויא אזוי קהל וואלט איינגעפיהרט דיא פאבריקען מיט אלע געשעפטען נאך זיין פלאן נאך — וואו קהל וואלט פארט נעהמען אזוי פיעל געלד, דאס איז רפאל׳ן אפילו אין זינען ניט אריינגעפאלען זיך צו פרעגען. קהל קען אלץ טהאן, פאר קהל איז קיין זאך ניט אונמעגליך — און א סוף!... וויא ליעב רפאל האט ניט געהאט אלץ איבערצוקלעהרען, וואס פאר א גרויסער בעלן ער איז ניט גע־ווען אויף אלץ צו פרעגען קשיות — דער ווארט „קהל" האט עפעס אזוי וויא פער׳כשוף׳ט זיין מוח און קיינע קשיות האבען שוין קיין שליטה ניט געהאט צו איהם.

הקצור — ווען קהל זאל נאר דערהערען זיין פלאן, וועט קהל שוין גלייך כאפען און טהאן אלץ וואס מען דארף.

וויא קומט מען צו צו קהל?

רפאל האט געהערט, אז דער פארמען פון זיין שאפ האט אויסגעקלערט עפעס א נייעם מין צוזאמענגעלייגטע בעט, און האט אויף דעם ארויסגענומען א פעטענט אין וואשינגטאן. רפאל האט שוין לאנג געוואוסט פון פעטענטס. עס איז איהם אבער קיין מאל אין זינען ניט געלעגען. דיזען מאל אבער איז דאס איהם ארייין אין מוח. סטייטש, א פעטענט! א פעטענט נעהמט מען ארויס אין וואשינגטאן — ביי קהל. יעדער, וואס קלערט עפעס אויס א נייעס, ווענדעט זיך מיט דעם צו קהל. היינט א פשיטה שוין ער מיט זיין

נייעס!... ווען מען וועט קהל נאָך אזוי אויפכאַפּען וויא איהם מיט זיין נייעס — דאס איז דאָך פאַר קהל א גליק, טאַקי אַן אמת'ער גליק!

וויא קומט מען אבער צו צו קהל נאָך א פּעטענט? דורך א לאָיער! און דער פּרעזידענט פון רפאל'ס לאָדזש נאַראַיעט איהם א לאָיער.

דער לאָיער איז געווען פון דעם מין, וואס איהר קענט בלויז געפינען אויפ'ן גאַס לעבען א פּאָליציי־געריכט. דאָרטען איז דאס רוב זייער קאָנטאָר אויך. ווארים אַלע זייערע קליענטען שאַרען זיי צו דיא פּאָליסלייט גופא. ווען א פּאָליסמאַן, למשל, טשעפּעט זיך צו צו א פּעדלער און שלעפּט איהם אין געריכט, רעקאָמענדירט דער פּאָליסמאַן אליין זיין ארעסטאַנט צו זיין לאָיער; און דער פּאָליסמאַן ווערט פון א מקטרג גאר א מלאך מליץ און דער לאָיער איז אַזאַ בריה, אַז ער געווינט אימער דעם „פּראָצעס“, ביידע מאַכען אַ פּאָר דאָלאר פון דעם עסק, און דער ארעסטאַנט איז פריי, און אַלע דריי זיינען צופרידען. אַזוי ווי אויף אַזאַ מין קונציגע יוריספּרודענץ איז קיין פּראָפעסאָר ניט קיין בריה, שטאַמען דיא לאָיערס פון דעם דאָזיגען מין ניט פון קיין אוניווערסיטעט. זייער שטודיום מאַכען זיי דורך ביי דיא „באַר“*) פון א פּאָליטישען'ס שיינק און און ווערן דאן צוגעלאָזען צו די „באַר“ פון פּאָליציי־געריכט. די ביי־דע־ערליי באַרס געפינען זיך דאס רוב איינע גענגען דיא אנדערע—עס זאָל לייכטער זיין פאר דיא סטודענטען צו פארבינדען טהעאָריע מיט פּראַקטיקע — אַזוי וויא צו אַ מעדיצין - שוהלע איז צוגע־מאַכט אַ האָספּיטאַל, למשל.

הקצור, רפאל האָט בשתיקה פון דער ווייב אָבגעריסען פון זיינע פארדיענסטען, געשפּאָרט פון זיינע הוצאות, האָט זיך ניט פארגונען צו געהן אין באָד, צו קויפען אן עליה, צו נעהמען א

---

*) „באַר“ הייסט אויף ענגליש אַן אָבצאַהמונג; עס גייט אי אויף דיא שטאַיקע פון אַ שיינק אי אויף דעם אָרט וואו אַדוואָקאַטען שטעהען און טענה'ען פאר'ן געריכט. „צוגעלאָזען ווערען צו דער באַר“ הייסט אַנערקענט ווערען אלס אדוואָקאַט.

„הער קאַט", האָט וויא עס איז צונויפגעקליבען צעהן דאָלאַר און איז מיט דעם פּרעזידענט פון זיין לאָדזש, אוועק צום לאָיער פון עסעקס סטריט, לעבען פּאָליציי געריכט.

דעם פּרעזידענט האָט ער געזאָגט א ליגען, אז ער דאַרף דעם לאָיער אָנפרעגען וועגען א גוטען פריינד וואָס א מיידעל וויל „אויפנעהמען" פאַר „בריטש אָוו פּראָמיס".

הקיצור מען איז אריין אין שיינק, געמאַכט א שנאַפּס אויף רפאל'ס חשבון; דער לאָיער האָט דעם פּרעזידענט מיט א וואונק משלח געווען און האָט מיט רפאל'ען זיך געזעצט אין א ווינקעלע ביי א טישעל.

דער לאָיער האָט גערעדט ניויאָרקער „קאַלוואַריער דייטש" מיט יענקישע „ר"ען. רפאל האָט זיך דעריבער פאַר איהם וויינינג געשעהמט און האָט אָנגעפאַנגען.

— איך וויל קיינער זאָל ניט וויסען, מיסטער לאָיער.

— דהאַט'ס אָלל־רייט! — האָט דער מיסטער לאָיער א קריי געטאָן פארבייסענדיג מיט א כזית טשואינג טאַבעקאָ.

איך האָב מיסטער ליוויי'ן געזאָגט, אז איך האָב צו ריידען מיט אייך וועגען א לאַנדסמאַן, וואָס א מיידעל וויל אויפנעהמען.

דער לאָיער האָט אָנגעשטעלט א פּאָר קיילעכדיגע אויגען, און האָט אַזאַ פילאָזאָפישען קיי געגעבען זיין טאַבאַק, אז זיין מויל איז אויך געוואָרען קיילעכדיג — וויא א 10־סענטיגער, און צוזאמען איז פון זיינע אויגען און מויל בעת מעשה געוואָרען וויא דיא דריי קוילען וואָס היינגען איבער אן אמעריקאַנער לאָמבאַרד.

— אין אמת'ען וויל איך גאָר ארויסנעהמען א פּעטענט.

דער מיסטער לאָיער האָט א קלעהר געטהאָן, וויא ביי רפאל'ען אוועקצוגנב'ענען דעם פּעטענט.

— וואָס פאַר א פּעטענט? — האָט ער געפרעגט, אויסשפּייענדיג דעם פראגע צייכען אויפ'ן פּלאָר מיט טשואינג טאַבעקאָ זאַפט.

דאָ האָט רפאל זיך אוועקגעלאָזען אין דיא וױיטע דרכים און האָט גענומען איהם בעװײזען וויא שלעכט און וויא נאַריש דיא וועלט פיהרט זיך. ער האָט גע׳טענה׳ט, אז דיא ארבײטער זײנען געצוואונגען צו רײסען קריעה פאר פוסט־און־פּאכגיקעס, בלויז וויל זיי האָבען ניט קיין פאבריקען מיט מאשינען מיט מאטעריא־לען; אז אלעמען לעבט זיך שלעכט — אפילו דעם רייכען אויך — וויל מען רייסט זיך נור און מען בייסט זיך; אז ער, רפאל, האָט א פּלאַן דיא וועלט גליקליך צו מאכען: עס זאָלען ניט זיין ניט קיין אָרימע, ניט קיין לײדיגגײער, וואָס באָדען זיך אין וואוילטאָג אויף דעם ארבייטער׳ס חשבון.

— זאָל קהל אלע פאבריקען אליין האלטען, — אלע פאבריקען מיט אלע קראָמען, מיט, מיט אלע געשעפטען! האָט זיך רפאל צוקאָכט.

דער לאָיער האָט ביי זיך אין מוח שוין לאנג רפאל׳ען מכבד געוועזען מיט א „רעם פול“, און האָט זיך שוין לאנג פארקלעהרט וועגען וויכטיגערע זאכען, און ביי דיא דאָזיגע ווערטער רפאל׳ס האָט ער שוין אין געדאנקען געהאלטען ביי דעם וועט, וואָס ער האָט נעכטען פארלאָרען ביי דיא רייסעס, און האָט דיא צרות פערביכען מיט א נייעם כזית טאבאק.

על כל פּנים, רפאל האָט גע׳טענה׳ט; דער לאָיער האָט מיט׳ן מוח געוועט און געוועט, און מיט׳ן מויל געקייט און געקייט. פון רפאל׳ס טענות האָט ער בלויז געהערט עטליכע הונ־דערט ווערטער פון אָנהויב. עס איז אָבער גענוג געוועזען. ניט אומ־זיסט איז ער דאָך א געשטודירטער.

ווען רפאל האָט געענדיגט און האָט אויסגעשטעלט א פּאָר בליסצעדיגע אויגען, ערוואַרטענדיג אז דער לאָיער וועט גאָר ארויס פון דיא כלים פון זיין פּלאַן, האָט יענער א שפּיי געטהאָן מיט גע־לע, גרויס וויא א גילדערנער צעהן־דאָלאר שטיק, און האָט גע־זאָגט:

— אָלל־רייט, אין דריי טעג האָט איהר אַ פּעטענט פון וואַשינגטאָן. צוליעב מיסטער ליוויי וועל איך אייך טשאַרדזשען ניט מעהר וויא פינף און צוואַנציג דאָלאַר.

רפאל האָט אָבגעלעבט, און איז גלייך וויא אַ טויטער געבליבען, וואָס ער האָט בלויז צעהן דאָלאַר. עס האָט אָבער ניט אויסגעמאַכט. אויף דערויף איז דאָך דער לאָיער געוועזן פון דיא רחמנים בני רחמנים. ער האָט „דערוויילע“ צוגענומען דיא צעהן און האָט רפאל'ען געזאָגט אַז עס וועט שוין זיין „אָלל־רייט“, — ער דאַרף בלויז דיא איבעריגע פופצעהן ברענגען וואָס גיכער, ווייל צוואַנציג דאָלאַר דאַרף איהם אליין קאָסטען.

.11

## רפאל בעט דאָס וואָרט.

רפאל האָט פון זיך געשפּאָרט, דיא הויט געריסען, זיך פאר־פּלאָנטערט אין א נעץ פון ליגענס פאר דיא ווייב, זיך געקריעגט און געשאָלטען מיט איהר, בשתיקה אוועקגעשלעפּט אין פּאָן שאָפּ א פּאָר זאכען פון שטוב און — געטראָגען צום לאָיער. פון דיא דריי טעג איז געוואָרען דריי מאָנאטען, פון דיא פינף און צוואנ־ציג דאָלאר — העכער וויא אכציג, און פון פּעטענט נאָך קיין סמן ניט. עס איז אָבער געקומען דער סוף, רפאל האָט פארלאָרען זיין פּלאַן; עס איז ניט געווען פון וואָס צו שפּאָרען, — וואָס צו־טראָגען דעם לאָיער. דעם לאָיער האָט געפעהלט נאָך איינע צעהן דאָלאר אין סיטי האָלל צו בעצאָהלען, אזוי האָט דער לאָיער גע־זאָגט. — וואָס פאר א סמיכת הפּרשה א פּעטענט האָט מיט'ן סיטי האָלל*) איז אַן אנדער קשיה — אבי אָהן דיא צעהן דאָלאר קען רפאל ניט האָבען זיין פּעטענט, כאָטש צורייס זיך. און רפאל האָט זיך טאַקע שיער צוריסען, און קיין פּעטענט איז אלץ ניט געווען. דער לאָיער האָט אָבער געהאט געדולד צו ווארטען, — און אזוי איז רפאל צו איהם געגאנגען און געגאנגען. אלץ האָט דאָך אָבער א שיעור; האָט דעם לאָיער'ס געדולד אויך זיך מישב גע־ווען און גענומען א שיעור; און דער לאָיער האָט איין פריהמאָרגען גענומען רפאל'ען און איהם ארויסגעשטופּט פון שיינק אנטקעגען דיא קאָורט הויז.

---

*) פּעטענטס ווערען ארויסגענומען ביי דער רעגיערונג פון'ם גאנצען לאַנד, אין וואשינגטאָן.

רפאל האָט זיך צואווײנט וויא א קלײן קינד, דערנאָך איז ער געוואָרען אזוי מלא רציחה, אז ער האָט שוין געוואָלט לויפען צו אַן אנדער לאָיער זיך משפּט'ען מיט דעם ערשטען. ווען ער וואָלט געהאַט אַ פינף־דאָלארדיגע, וואָלט ער אפשר דאס אזוי ארײנגע־בראָקט. אָבער אזוי וויא גאָט שמייסט ניט מיט צווײ בײטשען, האָט רפאל אפילו קײן פינף סענט אויך ניט געהאַט.

און אזוי איז דאס געבליבען.

אין שטוב איז געוואָרען אַ גיהנם. רפאל פלעגט אָפּט מוזען אַנטלויפען פון שרה גיטעל'ס קללות. וואוהין דיא עטליכע דאָלאַר זײנען בײ איהם אוועק, האָט זיא קלאָהר ניט געוואוסט. ער האָט איהר שוין אפילו יע אויסגעזאָגט, אז ער האָט אויסגעקלעהרט אַ מאַשין און אַז זיי וועלען רײך ווערען; אָבער אזוי וויא רײך זײנען זיי אַלץ ניט געוואָרען און קײן ארבײט איז אויך ניט געווען, איז געהַען גרויסע צרות.

— גאָט ווײס וואו ער האָט פארהולטעוועט מײנע שווער פאַרהאָרעוועטע פּאָר דאָלאַר — פלעגט זי זיך אָפּט צו מענה־לשון'ען — דער שווארץ יאָהר ווייס וואָס פאר אַ ליובאָוואניצע דוא האָסט ערגעץ־וואו. אַ בראַנד, אַ פינסטערע היץ־קרײנק, אַ אַ אַ געשוואָלענע הלי רע וואָלט נעהמען דיר מיט דײן געשטופּעלטע פּערזעהענים אין אײנעם, וואָלט איך אזוי ניט פערשווארצט געוואָרען אויף דער וועלט.

פון וואַנען שרה גיטעל האָט געוואוסט, אַז רפאל'ס ליובאָווני־צע איז געווען אַ געשטופּעלטע, איז קײן קשיה ניט. ווען זיא פלעגט זיך צולאָזען מיט איהר צונג, פלעגט אויף איהר ארויף אַ מין רוח נבואה, און זיא האָט טאַקע אזוי וויא פאר איהרע אויגען געזעהען אַ געשטופּעלטע ליובאָווניצע.

— ער שווייגט נאָר! שווײגען זאָלסטו שוין אויפ'ן טהרה ברעט, כ'לעבען.....

און דאָ פלעגט דער שטורעם, נאָך דיא פּאָר מינוטען שטי־לעם וועטער, זיך צובושעווען מיט דאָפּעלטע האסט און עס פלעגט זײן אַן עק וועלט, ביז רפאל פלעגט זיך ראטעווען פון דעם שרעק־

ליכען געוויטער מיט דעם וואָס ער פלעגט ארויסלויפען פון שטוב מיט דיא הענד פארמאַכענדיג דיא אויערען.

ווען ער איז איין מאָל אזוי ארויסגעלאָפען און האָט זיך שוין ביי א האלבע שעה ארומגעשלעפּט איבער דיא גאסען, האָט מען איהם ביי א קאָרנער דערלאנגט א אידישען הענד־ביל. רפאל האָט צוגענומען און האָט געלייענט.

ארבייטער! ארבייטער!

ווילט איהר וויסען

פאר וואָס איך איז אזוי שלעכט,

וויא אייער לאגע צו פערבעסערען און וויא

דיא וועלט צו מאַכען פאר א גן עדן התחתון?

קומט.......

ווייטער איז געשטאַנען וואו און ווען מען זאָל קומען, און דער נאָמען פון דעם רעדנער.

איהר קענט שוין אליין זיך פאָרשטעלען, וואָס רפאל האָט געפיהלט איבערלעזענדיג דעם הענד־ביל. מיט א פלאמענדען פּנים, מיט א האסטיג שלאָגענדע האַרץ, האָט ער איהם איבערגעלייענט א מאָל צעהן, ער האָט פארגעסען אָן שרה גיטל׳ען מיט איהרע קללות מיט דעם אָנבייסען, וואָס ער האָט געלאָזט ניט אָנגעהויבען. זיין גאנצע נשמה און זיין גאנצער גוף, דאכט זיך, זיינען אריין אין דיא גרויסע ווערטער פון דעם הענד־ביל.

דער מיטינג וועט אָבער זיין ערשט שבת־צו־נאכט און דאָ איז נאָך ערשט דאָנערשטאג. רפאל וואָלט, דאכט זיך, צעהן יאָהר פון זיין לעבען געשאָנקען מען זאָל דיא פאָר טעג פון דער וועלט צונעהמען. אזוי וויא א גרויסער שטיין, וואָס פארצאַמט א דורשטי־גען זיא וועג צו א ברונען מיט פרישע וואסער, האָבען איהם דיא פאָר טעג אויסגעוויזען. ער וואָלט איך ווייס ניט וואָס געטהאָן דעם שטיין אוועקצוקייקלען.

ער האָט געציילט דיא שטונדען. שבת איז ער אויפגעשטאַנען פריהער וויא געוועהנליך, און ווען ער האָט אויפגעפענט דיא אויגען, איז זיין ערשטער געדאנק געווען: שוין שבת.... היינט ביי נאכט.... א גאַנצען טאָג האָט ער געהאלטען אין איין קוקען

אויפ׳ן זייגער, איז עפּעס געוואָרען זעהר גוט צו זיין שרה גיטל׳ען און האָט איהר געהאָלפען אין שטוב נאָך איידער זיא האָט געבעטען.

און זיין מוח האָט געארבייט אָהן א שיעור. ווער זיינען דאָס דיא וואָס מאַכען דעם מיטינג? וואָס פאַר אן עצה האָבען זיי צו מאַכען דיא וועלט פאַר א גן עדן? האָבען זיי אויך אַזאַ פּלאַן וויא ער? אָדער, א קשיה אויף א מעשה, טאָמער מיינט מען דאָ גאָר געלד אויסצונארען?.... (דער לאָיער האָט איהם אזוי אָנגע־לערענט, אז ביי יעדע זאַך פלעגט איהם ארויפקומען אויפ׳ן זינען אָט דיא דאָזיגע קשיה); נאָר ניט איהם, רפאל׳ען, וועט מען שוין איצט בעשווינדלען... און טאָמער איז דאָס טאַקע ראיעל, — וועט ער זיך אויסריידען זיין הארץ, וועלען אלע צו איהם צו־שטיין, און מען וועט איהם העלפען צוקומען אין וואַשינגטאָן נאָך א פּעטענט......*)

דער מיטינג איז געווען אנאָנסירט אויף אכט אוהר. אָבער זיעבען אוהר איז שוין רפאל אומגעגאנגען איבער׳ן סייד וואָק הין און צוריק לעבען דעם האָלל.

הקצור, ער איז שוין אינעווייניג. אין דעם זאַל איז געווען א פּלאַטפאָרמע, בעצויגען מיט קארפּעט. אין א ווינקעל איז גע־שטאַנען אַן ארון קודש, וואָרים אויף שבת אין דער פריה איז דער זעלבער צימער געווען פארדונגען צו דיא עמיגראַנטען פון א גע־וויסע ליטווישע שטאָדט אויף א שוהל. אויף דיא ווענט זיינען געהאַנגען שעהן אויסגעשריבענע קאָפּיעס פון דיא טשאַרטערס פון

---

*) ווען היינטיגע צייטען וואָלט רפאל געקומען פון רוסלאנד, וואָלט ער, נאַטירליך, שוין געוואוסט נאָך פון דער היים, וואָס אזעלכע מיטינגען בעדייטען; א חוץ דעם זיינען אזעלכע פערזאמלונגען איצט אין אמעריקאַ גופא צווישען דיא אידישע עמיגראַנטען שוין אַזוי גוט בעקאַנט, אז אַ קינד ווייס וואָס דאָס איז. אָבער ווען רפאל איז געקומען אין אמעריקאַ, איז נאָך קיין „בונד“ אויף דער וועלט ניט געווען, און אין אמעריקאַ איז דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג ביי אונזערע אידען נאָך געווען אַ נייע זאַך, הגם זיא איז שוין געווען גאנץ שטאַרק.

עטליכע פערשידענע לאָדזשען, וועלכע האָבען אין דעם זעלבען צימער אָבגעהאַלטען זייערע מיטינגען — יעדע לאָדזש אין אַן אַנדער אבענד.

רפאל איז געקומען, ווען דער זאַל, אין וועלכען עס איז געוועזען פּלאַץ פאַר עטליכע הונדערט פּערזאָן, איז נאָך געוועזען פּוסט. בלויז זעקס מענשען זיינען דאָרט געוועזען. צוויי יונגע לייט זיינען געזעסען אויף דיא סאַמע ערשטע באַנק; דיעזע זיינען שוין געוועזען אַ ביסעל גענייט אויף דיא מיטינגס, און זיי זיינען געקומען פריה אום צו פאַרכאַפּען דיא בעסטע ערטער. אַנדערע צוויי — אַ יונגער מאַן און אַ מיידעל, האָבען זיך געזעצט אין אַ ווינקעל, אום צו קענען אי גוט הערען, אי אונגעשטערט ריידען צווישען זיך, איי־דער דער רעדנער וועט אָנפאַנגען זיין רעדע. דיא דריטע פּאָר וויע־דער — צוויי יונגע לייט — זיינען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט לעבען טיר און גערעדט און געלאַכט אין דער הויך מיט פרייע מינעס. דאס זיינען געוועזען שוין גאָר געניטע מענשען אויף דיעזע מיטינ־גען; זיי האָבען זיך געפיהלט וויא ביי זיך אין דער היים. און ווען עס זיינען אריינגעקומען נאָך און נאָך מענשען, האָבען אייניגע פון זיי זיך בעגריסט מיט דיעזע צוויי, אָדער זאָגאַר צוגעשטאַנען צו זיי, ביז עס איז געוואָרען אַ גאַנצע קופּקעלע. באַלד איז אין אַן אַנדער טהייל פון דעם זאַאַל געוואָרען אַן אַנדער קופּקעלע אַזעל־כע, — אַ דריטע קופּקעלע און אַ פערטע.

רפאל האָט זיך דאָ געפיהלט אַזוי פרעמד און שעמעוודיג, אז ער האָט אפילו ניט געסמייעט צו זעצען זיך נעהנטער צו דער פּלאַטפאָרמע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבען טיהר אויף אַ באַנק, וועלכע איז נאָך געוועזען אין גאַנצען ליידיג. אייניגע פון דיא, וואָס זיינען געקומען צום מיטינג, האָבען אויסגעזעהען וויא געשטודירטע בעל־הבית׳ישע קינדער פון דער היים; אַנדערע האָבען אויף איהם געמאַכט אַן איינדרוק אַלס בעל־מלאכות, אָבער דאָך ניט קיין פּראָסטע מענשען, ניט פון זיין סאָרט. און אַלע האָבען זיי אויף איהם ארויפגעוואָרפען אַן אונגעוועהנליכע בושה. ער איז געזעסען און געקוקט און דיא קלענסטע זאַך האָט איהם אויסגעוויזען זאָנדערבאַר אינטערעסאַנט, און זאָנדערבאַר וויכטיג.

א פּאָר פון דיא וואָס זיינען געשטאַנען און געלאכט, האָבען א קוק געריהאָן אויפ'ן זייגער און האָבען גענומען ארומפּאַדען: צוזאמענ־רוקען אייניגע ביינק, כדי עס זאָל זיין מעהר פּלאַץ, אריינברייננגען א פלאַש וואסער מיט א גלאָז, וועלכע מען האָט אוועקגעשטעלט אויף א שמאָלען מין שטענדער מיט א מירמעל־שטיינערנע ברעטעל, אויף דער פּלאַטפּאָרמע. רפאל קוקט מיט אַן אָפענע מויל, אַזוי וויא ער וואָלט דאס אלץ נאָך קיין מאָל ניט געזעהען, הגם זיין אייגענע „שוהל“ איז אויך אין אַזא זאאל און זיין לאָדוש אין אַן אנדערען אַזעלכען.

דער מיטינג האָט זיך אָנגעפאנגען מעהר וויא אָנדערהאלב שעה שפּעטער וויא עס איז געוועזן אנאָנסירט. דער זאאל איז געווען נישקשה'ריג געפאקט.

עס ווערט שטיל און ביי רפאל'ען קלאַפּט דאס הארץ. מען שטעלט פאָר דעם פּאָרזיצענדען און דער עולם אַפּלאָדירט, און רפאל'ס הארץ זעצט נאָך האַסטיגער; עס ווערט טויט שטיל. עס הערט זיך בלויז וויא דער רעדנער גיסט אָן א גלאָז וואסער פון פלאַש.

אלע אויגען זיינען אָנגעשטעלט אויף דעם רעדנער. רפאל'ס הארץ קלאַפּט האַסטיגער, האַסטיגער. דער רעדנער פאנגט אָן, רפאל טרינקט זיין יעדען וואָרט.

דיא רעדע איז געווען אַן ערקלעהרונג וויא אַזוי דער קאפּי־טאַליסט פּארדיענט אָן דעם ארבייטער. זיא איז אייגענטליך גע־ווען ניט גאָר פאר אָנפאנגער און, וויא עס טרעפט אָפט, האָט זיא ניט אין גאנצען געשטימט מיט דעם הענד־בילל. דיא צוהערער זיינען אָבער, וויא רפאל האָט געקענט זעהען, דאס רוב שוין גע־ווען בעקאַנט מיט דעם ענין, און פיעלע האָבען אלע ווײַלע צוגע־שאָקעלט מיט דיא קעפּ, און א מאָל אויך מיט התלהבות אפּלאָדירט, הגם אין אייניגע ערטער זיינען פּאָרעלעך זיך געזעסען און זיך רוהיג געשושקעט, אַזוי וויא ניט זיי מיינט מען דאס.

רפאל האָט ניט אלץ פערשטאַנען. פיעלע ווערטער זיינען איהם אויסגעקומען וויא טערקיש. אָפט פלעגט זיך דער עולם שטארק צולאכען פון א וויץ, און ניט אלע מאָל פלעגט דעם וויץ

רפאל פערשטיין, הגם ער האָט ניט ווילענדיג מיטגעלאכט; און אנדערש מאָל פלעגען פיעלע זיך צולאכען און דער רעדנער אליין האָט משמעות געקוואָלען פון זיין אייגענעם וויץ, הגם רפאל האָט דאָ גוט פערשטאַנען און זיך געקלעהרט, אז עס איז גאָר ניט אזא געראָטענער וויץ; — און דער גאַנצער גאַנג פון דער רעדע האָט איהם געקלונגען זאָנדערבאַר פרעמד. אין אלעמען האָט ער אָבער פערשטאַנען גאַנץ גוט, אז דער רעדנער ווייזט אויף מיט א טיעפען שכל, וויא אזוי דיא קפּיטאַליסטען בע׳גנב׳ענען דיא ארבייטער און דיא אַרבייטער פאַרשטייען דאָס ניט. אָפט פלעגט דער רעדנער זיך אָבשטעלען צו שילדערען דעם עלענד פון דיא ארביטער, און דאָס האָט רפאל׳ען אזוי גענומען פאר׳ן הארצען, אז א פּאָר מאָל איז איהם דערביי א קעלט אריבער איבערן לייב און איין מאָל האָבען אפילו טרערען אָנגעקוואָלען אין זיינע אויגען. ער וואָלט קענען וואָלט ער דעם רעדנער בשעת מעשה געפאַלען אויף׳ן האַלז און וויינענדיג געקושט. ווען דער רעדנער פלעגט עפּעס זאָגען, וואָס ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין און וואָס אלע אנדערע האָבען יא פערשטאַנען, וויא ער האָט געזעהן פון זייערע אפּלאָדיסמענטען, פלעגט ער קוקען אויף דיא איבריגע מיט קנאה און בעדויערען וואָס ער איז אזא „גראָבער יונג" וויא ער פלעגט זיך אליין אין געדאַנקען רופען.

— איך האָב אייגענטליך נאָך א פּאָר פּונקטען צו בעריהרען, — האָט דער רעדנער צום שלוס געזאָגט, נאָך דעם וויא ער האָט ביי דעם פאָרזיצענדען געפרעגט דעם זייגער — איך האָב אָבער אזוי אויך שוין צו לאַנג גערעדט, איך וועל דעריבער שליכען. פון אל׳ז וואָס איך האָב געזאָגט איז דייטליך, אז דיא ארבייטער קענען בלויז דאַן געניסען דיא פולע פרוכט פון זייער אַרבייט, בלויז דאַן ווען זיי פאַרשפּאָרען צו געבען דעם קאַפּיטאַליסט מעהר־ווערט, ווען זיי וועלען אוועקנעהמען דיא פּראָדוקציאָנס־מיטלען און זיי מאַכען פאַר זייער געמיינשאַפטליכע איינענטהום, מיט אנדע־רע ווערטער: ווען פּריוואַט אייגענטום אין דיזע פּראָדוקציאָנס־מיט־לען וועט אָבגעשאַפט ווערען, ווען עס וועט פערניכטעט ווערען

דיא לאָהן סיסטעם און דיא קאָנקורענץ און עס וועט געגרינדעט ווערען דיא סאָציאַליסטישע סיסטעם פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט!

כמעט אַלע אַפּלאָדירען, און וויא רפאל האָט בעמערקט, אפילו איין פּאָרעלע, וואָס האָט זיך נאָר געשושקעט דיא גאַנצע צייט. רפאל זיצט און קוקט מיט דיא אויגען עפּעס אזוי וויא איינער ווען מען רייסט ביי איהם ארויס אַ גלאָז וואַסער נאָך איידער ער האָט זיך אָנגעטרונקען.

דיא גאַנצע צייט האָט ער מיט אונגעדולד געוואַרט אויף דיא ערקלעהרונג וויא אזוי מען קען מאַכען אַ גן עדן התחתון אויף דער וועלט: און ווען דער רעדנער האָט אָנגעהויבען: „דיא אַרבייטער קענען בלויז דאַן געניסען דיא פולע פרוכט פון זייער אַרבייט", האָט ער געמיינט אָט־אָט וועט שוין קומען דאס אויף וואָס ער וואַרט. צום סוף נאַדיר! עטליכע ווערטער. אי דאָס קען ער זיי ניט פאַרשטיין. עפּעס „ראָדוקציאָנס־מיטלען" „לאָהן סטעם" „סאָציאַליסטישע", „קאָנקערענץ"... אין פערלויף פון דער רעדע האָט ער דיעזע ווערטער שוין געהערט אזוי אָפט, אַז ער קען זיי שוין איבער־זאָגען, אָבער וואָס דאָס בעדייט, האָט ער פריהער ניט געוואוסט און וויים איצט אויך ניט.

— דער פּלאָר איז אָפען פאר דיסקוסיאָן! יעדער וואָס וויל זיך מעלדען צום וואָרט קען האָבען צעהן מינוטען רעדע צייט! — האָט דער פּאָרזיצענדער אויסגערופען.

קיינער רופט זיך ניט אָפּ.

— אפשר איז ווער עס איז ניט איינפערשטאַנען מיט דעם וואָס דער רעדנער האָט געזאָגט, אפשר האָט איינער וואָס צו פרעגען — בעט זיך דער פּאָרזיצענדער.

אין האָלל זיצען עטליכע מיט רעדעס שוין אַזש אין דיא העלזער. זיי ריהרען זיך אָבער ניט פון אָרט. יעדער וואַרט אַז אימיצער זאָל אָנהויבען. ווען איינער אָדוואַזשעט זיך צו ווערען דער „אימיצער", פאַרשרייבען זיך דאָס רוב גלייך נאָך איהם אַ גאַנצער טוץ. אָבער אזוי קען מען מיינען, אַז מען וועט מוזען גלייך צומאַכען דעם האָלל...

— שעמט זיך ניט, — רעדט דער פּאָרזיצענדער איין אום ניט אזוי גיך צו בלייבען אָהן א קנעלונג — מיר זיינען דאָ אלע ארבייטער. דער וואָס האָט עפּעס צו פרעגען דארף זיך ניט שעהמען. דער רעדנער וועט אלין פערענטפערען — מעלדעט זיך ווער צום וואָרט?

רפאל׳ס הארץ קלאַפּט וויא מיט א האמער. זיין פּנים ווערט אָפּגעגאָסען מיט פארב, און ער געדיינקט אליין ניט וויא אזוי עס איז געקומען דערצו, אז ער איז ארויף אויף דער פּלאַטפּאָרמע און דער פּאָרזיצענדער האָט אויסגערופען.

ביטטע אום אָרדנונג! מיכטער ראַרעצקי האָט דאָס וואָרט.

.12

## רפאל בעקומט דונערס פון אַפּלאָדיסמענטען.

ווען בחור־ווייז איז רפאל געשטאַנען צום פּריאָם, איז ער ניט אַזוי בלייך געוואָרען, וויא איצט, זיך שטעלענדיג פאר דעם עולם פון דעם מיטינג. איינינע סעקונדען איז ער אַזוי געשטאַנען און האט ניט געקענט דיא מויל עפענען. ווען ער האט שוין געעפענט דיא מויל, האט ער גענומען שטאַמלען און שטאַמלען, אַזוי שטיל, אַז אפילו דער פּאָרזיצענדער האט ניט געקענט הערען.

צו רפאל׳ס גליק אבער איז אין האָלל דאַן געווען א גערודער. גלייך נאָך דיא הויפּט־רעדנע זיינען פיעלע ארויס אין פּאָרהויז, אַנדערע האבען גענומען בייטען דיא ערטער, זיך געבען דיא הענט, שמועסען, לאַכען. ווען רפאל איז ארויף אויף דיא פּלאַטפּאָרמע, האבען דיא ארויסגעגאַנגענע גענומען אריינקומען צוריק; מען האט זיך גענומען הויבען אום זיי צוצולאָזען צו זייערע ערטער; עס איז געווען א הוזשעריי, הגם זיא איז אַלץ שוואכער געוואָרען. דיא הוזשעריי האט אבגעצויגען דעם עולם׳ס אויפמערקזאַמקייט פון דער פּלאַטפּאָרמע; ניט אַזוי פיעל אויגען און ניט אַזוי פיעל אויערן זיינען געווען אנגעשטעלט אויף רפאל׳ן; און דיא, וואס האבען יע געוואָלט קוקען אויף איהם און הערען, וואס ער זאָגט, זיינען אויך געשטערט געווען און האבען געטשיסקעט עס זאָל ווערען רוהיג. בינו לבינו, איז רפאל׳ס בלייכקייט ביסלאכווייז אבגעגאַנגען, און ווען אַלע זיינען געוואָרען שטיל, איז ער שוין געווען כמעט דער געוועהנליכער רפאל, דער פּראָסטער חי וקים.

ניט בלויז דיא איינגעלאדענע רעדנער, זאָנדערן אויך די, וואָס אָטוואַזשען זיך צו בעטען דאס וואָרט צו דיא דעבאַטען, זיינען אויף אַזעלכע מיטינגען דעם פּובליקום דאס רוב גוט בעקאַנט; ווארים בלויז עטליכע זיינען סמיעלע גענוג ארויפצוגעהן אויף דער

פּלאַטפאָרמע און ריידען, און דיעזע ערוואַרט מען שוין יעדעס מאָל, ווען דיא דעבאַטען פאַנגען זיך אָן. ווען עס בעווייזט זיך אַן אונבע־קאַנטע פּערזאָן, איז דאָס אַ גרויסע נייעס, און ביי זיינע ערשטע ווערטער, ווען אָרדנונג איז שוין איינגעשטילט, לאָזט מען פון איהם דיא אויגען ניט אַראָפּ. דאָס רוב שמייכעלט מען אָבער דערביי צו, אַזוי וויא מען וואָלט זאָגען: „אַ נו, לאָמיר הערען, וואָס דאָס איז פאַר אַ סוחר...“ און זאָל דער, וואָס איך האָב דיא הענט ניט געוואַשען, שומר ומציל זיין, וואָס עס טהוט זיך, ווען דער נייער „סוחר“ רעדט אויס אַ מיינונג, וואָס געפעלט ניט דיא צוהערער!... דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך מורא, אַז מ י י נ ע צוהערער וועלען אפשר אויך ניט געפעלען דיעזע שורות מיינע.

בשעת עס איז שטיל און רוהיג געוואָרען, האָט רפאל איבער־אַ־נייעס אנגעהויבען פון אנהויב און מיט יעדען וואָרט איז ביי איהם געוואַקסען דער קוראַזש, און דער צונג איז געגאַנגען אַלץ גלאַטער.

— איך בין אַ פּראָסטער מענש, איך בין אַן אַרבייטער, איך בין אַ בעל מלאכה פון דער היים. איך שטעל זיך ניט ארויס פאַר קיין רעדנער. איך וויל מעהר ניט עפּעס פרעגען, וואָס איך האָב ניט, וואָס איך — כ'האָב ניט אַזוי גוט פערשטאַנען. בשעת איהר האָט געזאָגט אייער רעדע — האָט ער זיך געווענדעט צום רעדנער — האָב איך אַלץ פערשטאַנען און עס איז מיר געפעלען געוואָרען. עס איז אַלץ ריכטיג וויא גאָלד. אַזאַ יאָהר זאָל מיר זיין...

עטליכע צעהנדליג האַקעטען פון געלעכטער האָבען עקספּלאָ־דיקט אין האָלל. רפאל איז רויט געוואָרען.

— אָרדער! האָט דער פּאָרזיצענדער אַ געשריי געטהאָן מיט אַ בייזען פּנים און מיט אַ קלאַפּ מיט'ן האַמער אָן דיא מאַרמערנע ברעטעל פון זיין שטענדעריל; און רפאל'ן האָט ער פריינדליך געבעטען ער זאָל ריידען ניט צום רעדנער, נור צום פּובליקום.

דעם פּאָרזיצענדער'ס אננעהמען זיך פאַר איהם און דאָס וואָס דער עולם האָט גלייך געפּאָלגט, האָט רפאל'ן צוגעגעבען מוטה. ער האָט זיך געפיהלט, אַזוי וויא דער פּאָרזיצענדער איז זיינער אַ קרוב, אַז ער האָט אַ גרויסען צד אין טיש, און אַז ער האָט שוין ניט וואָס מורא צו האָבען.

— וואס איז דאָ דאָ וואס צו לאַכען פון מיר? בין איך ניט קיין רעדנער! איך פערגלייך זיך הפנים מיט דעם דזשענטעלמאַן, וואס האט פריהער דאָ געזאָגט א ספּיטש? איך רייד וויא איך קען.

— רעדט! רעדט! האט דער הויפּט רעדנער איהם צוגעגעבען מוטה.

— איך זאָג, האט רפאל ווייטער גערעדט, אַז אַלץ וואס דער ספּיטשער האט געגעבען צו פערשטעהן, וויא דיא ארבייטער ווערען אויסגעריסען, וויא — וויא זיי האָבען צרות אויף דיא פעקטאָרים און אין דער היים, וועלכע וואס זיי ארבייטען פאר פרעמדע און מאַכען זיי רייך און גראָב און אליין שטארבען זיי פאר הונגער. דאס אַלץ איז שוין אָללע רייט געווען, וואס דער רעדנער האט גע־ספּיטשט. דיא קשיה איז אבער וואס פאר א תחבולה עס איז דאָ דערצו. היינט גלאַט — פארוואס איז דאס אַלץ אזוי? פארוואס מוזען מיר דאס אַזוי פערשווארצט ווערען? — אָט דאס איז דיא קשיה!

וויא ער האט זיך אַזוי צורעדט, האבען זיינע אויגען גענומען פינקלען, און זיין פנים, מיט דיא גערדיכטע בערדיל מיט אַלעמען, דאַכט זיך, איז בעלויכטען געוואָרען מיט בעגייסטערונג און האט געוויעזען אויף א געבאָרענעם פערשטאַנד און אויף א געוואָהנ־הייט צו דיינקען.

ער האט געמאַכט א גוטען איינדרוק אויף דיא צוהערער, און מיט שמייכלען פון נייגעריגקייט, הגם אביסעלע אויך פון פריינדליכע שפּאָט, וויא צו א קינד, האבען אַלע מיט אונגעדולד געוואַרט, וואס ער וועט דאָ זאָגען.

— דער רעדנער—איך מיין דעם דזשענטעלמאַן וואס האט געספּיטשט — האט דאָ עפּעס געזאָגט, אַז מען דאַרף עפּעס איינ־פיהרען — איך קען דאס אפילו ניט איבעררריידען — עפּעס ראדוק־ציאָן שטעם, קאָקורענץ... איך בין א פּראָסטער סטאָלער, איך קען ניט קיין טייטש. אבער וואס איז געלעגען? האט אויף מיר קיין פאראיבעל ניט, מיסטער ספּיטשער, ביי מיין סטאָלארסקען שכל קומט גאר אויס אַנדערש. איך זאָג אַזוי. דער גאַנצער אונגליק מיט אונז, אַרבייטער, שטעקט אין דעם, וואס מיר האבען ניט קיין פעק־טאָרים מיט קיין מאַשינען.

א שטורם פון געלעכטער געמישט מיט אפּלאָדיסמענטען. דער הויפּט־רעדנער אפּלאָדירט אויך און לאַכט פּרעהלאָך מיט. אפילו דער פּאָרזיצענדער, קלאַפּענדיג מיט'ן האַמער און שרייענ־דיג: „האַלט זיך אין אָרדנונג"! קען אויך זיין פּנים ניט איינהאַלטען פון א ברייטען לוסטיגען שמייכעל. אַלע בויגען זיך צו נעהענטער צו דער פּלאַטפּאָרמע. רפאל פערשטעהט ניט וואס דאָ טהוט זיך. איצט אבער איז ער שוין אזוי וויא ביי זיך אין דער היים און ער ווערט שוין אביסעל אין כעס.

— וואס איז דאָ דאָ וואס צו לאַכען? און אַז איך בין ניט אזוי געבילדעט, דאַרף מען לאַכען? מען האט דאָך געזאָגט, אַז יעדער האָט דיא פּראַווע צו זאָגען וואס ער מיינט. איך האָב עפּעס הפּנים דעם כפּיטשער בעליידיגט? איך זאָג מעהר ניט וואס מיין נאַרישע קאָפּ פערטראָגט; טאָ וואס קומט מיר דערפאַר? אויף דערויף האט מען דאָך געזאָגט, אַז דער רעדנער וועט אַלץ פערענטפערן.

דאס אַלעס האט ער אבגעזאָגט בייז און מיט אַזאַ היץ און אזוי גיך, אַז קיינער האט איהם ניט געקענט אבשטעלען, הגם פיעלע האבען דאס געוואָלט טהאָן.

— איהר האט א טעות, מיסטער, — וויא איז אייער נאמען? האט דער פּאָרזיצענדער אם ענדע געזאָגט.

— ראַדעצקי.

— איהר האט א טעות, מיסטער ראדעצקי. אדרבא, אַלע זיינען איינפערשטאַנען מיט וואס איהר זאָגט, איהר רעדט גאַנץ ריכטיג.

א שטורם פון אַפּלאָדיסמענטען.

— צו איך רייד ריכטיג צו ניט, וויא איך פארשטיי אזוי רייד איך. ביי מיר איז ניטאָ קיין קונצען. וואָס אויפ'ן לונג דאס אויפ'ן צונג.

דאס האט רפאל ארויסגערעדט מיט א מינע פון א בעליידיג־טען, און עפּעס אזוי וויא מען וואָלט דאָ פון איהם פּאָרט גע־לאַכט, — אפילו דער פּאָרזיצענדער אויך. איך מוז אָבער מודה זיין, אַז דיעזע מינע איז געווען אַ געמאַכטע. אין הארצען האָט

רפאל שוין געפיהלט, אז מען לאכט פון איהם טאקע גאר ניט, און אז ער האט דא אויסגענומען. ער האט דאס געזעהען פון דיא סעריעזע און פריינדליכע פנים׳ער פון דעם רעדנער און פון גאנצען עולם.

נאך מיט מעהר מוטה האט ער פארטגעזעצט:

—פאר וואס מוזען מיר אנקומען צו דעם באפ׳ס לאכקע? ווייל ער האט א פעקטארי מיט מאשינען, מיט מאטעריאלען און מיר האבען ניט. דעריבער מוזען מיר ארבייטען איהם פעט און גראב צו מאכען און אליין געהען מיר בארוועס און נאקעט. אין דער היים האב איך א מאל צוגעסטראיעט א מאשינקע צו דער ארבייט, איז מיר געוועזען בעסער. איך האב וויינינגער קריעה גע־ריסען און פארדיענט האב איך נאך מעהר. און דא, אין אמע־ריקא, איז וואו מען גיט זיך א קעהר, איז דא א מאשין. דאכט זיך האבען דאך דיא ארבייטער געדארפט ארבייטען גאנץ ווינציג און נאך גיין אין גאלד. נו, דזשענטעל־לייט, איז אבער וואס מעהר מא־שינען, אלץ מעהר ווערען זיי פאר׳חשך׳ט, אלץ מעהר קדחת האבען זיי.

ווייטער א שטורעם פון אפלאדיסמענטען. מען קוקט זיך אי־בער, מען קוועטשט מיט דיא פלייעצס.

— א, ער מוז דאס בלאפען — זאגט איינער פון פובליקום צו זיין שכן — ער מאכט זיך דאס אז ער האט ניט פערשטאנען, וואס דער רעדנער האט געזאגט. ער מוז זיין א סאציאליסט שוין פון לאנג אן.

— אפשר א גענאסע פון באסטאן אדער פון אן אנדער שטאדט, בעמערקט דער שכן.

— עס קען ניט זיין — מישט זיך אריין א דריטער, אבבייגענ־דיג דיא קאפ אויף הינטען פון א פארדערסטע באנק. — גיט א קוק אויף זיין בארד און פאות׳ן! ער ווייזט ניט אויס וויא קיין סאציאליסט......

— איהר הערט אויף זיך צו שושקען? — שלאגט איבער א פערטער.

רפאל האט זיך צורעדט און צוקאכט. זיין צינגעל איז גע־גאנגען וויא א ראד. זיין קול האט נעקלונגען קלאהר און הויך.

אָפּט פּלעגט זיך אין זיינע רייד מאַכען א גלאַטער, געלאַסענער ווייז, אָפּט עטליכע פּייערדיגע ווערטער. און דער עולם האָט געקוואָלען, און אפּלאָדירט ניט זשאַלעווענדיג, און, ווען עס האָבען זיך געענ־דיגט זיינע צעהן מינוט, האָט מען איינשטימיג אָנגענומען איהם צו לאָזען ריידען וויא פיעל ער וויל.

אזוי ריידענדיג האָט רפאל ערקלעהרט אלץ וואָס ער האָט איבער־געטראכט, און וואָס מיר ווייסען שוין פון דיא פריהערדיגע קאַפּיטלאך פון אונזער ערצעהלונג.

— מיינט איהר אָבער, ז זשענטעל־לייט, אז דער ארבייטער וועט שוין האבען מאַשינען, וועט ער שוין זיין א געהאָלפענער ? — האט ער מיט התלהבות אויסגעשריען, ווען ער האט שוין לאַנג גערעדט, — ניין, אכור א לעק !

און דאָ האָט ער זיך אוועקגעלאָזען ערקלעהרען אויף זיין רפאל'שען שטייגער, וועגען דיא רייסעניש און שלינגעניש, אי צווי־שען דיא פאבריקאנטען אי צווישען דיא ארבייטער, און האָט כעווי־זען, אז ווען יעדער זאָל ארבייטען פאר זיך, מיט זיינע אייגענע געצייג, וועט ער גאָר ניט אויספיהרען: ערשטענס, ווייל דיא מאַשינען פאָדערען א סך מענשען זאָלען ארבייטען אין איינעם; צווייטענס, וועט א גרעסערער געשעפטסמאַן איהם איינשלינגען.

— דער בעסטער פּלאַן, — האָט רפאל געזאָגט, צובויגענדיג זיך צום עולם, אזוי וויא בעטענדיג מען זאָל איינזעהען וויא ריכ־טיג זיין פּלאַן איז, — דער בעסטער פלאַן איז, אז אבער אלע פאבריקען זאָל דער בעל הבית זיין קהל, און אלע מענשען זאָלען ארבייטען בשותפות. איהר פערשטעהט, דזשענטעל־לייט ? אלע מענשען זיינען דאָך קהל, ניט אמת ? נו, וועט קהל זיין אליין דער בעל הבית און אליין דער ארבייטער. און דיא פוכט און פאמני־קעס א קריינק אין מאָגען, וויא מיין אידענע זאָגט.

וויטערע פאטשערייי און פרייליכער געלעכטער אויף אייני־גע בעקונדען. און רפאל רעדט ווייטער און ערקלעהרט אלץ מיט משלים.

ווען ער האָט געענדיגט און איז א פארסאָפּעטער און פארשוויצ־טער ארונטער פון פּלאטפאָרמע, ווישענדיג זיין פּנים מיט'ן ארבעל,

האָט דער האָלל זיך געטרייסעלט פון אפּלאָדיסמענטען און קלאפּעריי מיט דיא פיס.

וויא א פארטשאדעטער, ניט וויסענדיג אויף וואָסער וועלט ער איז דאָ, האָט רפאל זיך אוועקגעשטעלט אין א ווינקעל. אָבער א צעהנדליג פון דיא וואָס זיינען געזעסען דערביי האָבען זיך א רוק געטהאָן איהם צו געבען א פּלאַץ צום זיצען.

ווען מען האָט אויסגערופען דעם נעכסטען רעדנער, האָט זיך רפאל פּלוצלונג א שטעל געטהאָן און, צולויפענדיג וויא א פער'סם'טער צו דער פּלאַטפאָרמע, האט ער א געשריי געטהאָן:

—אוי וועה צו מיר, דעם רעכטען עיקר האָב איך פארגעסען!

דער פּאָרזיצענדער איז געוועזן שטריינג. ער האט רפאל'ען געזאָגט, אז איצט האָט אַן אנדערער שוין דאס וואָרט, און אז וויע־דער ריידען וועט ער קענען שפּעטער — ווען עס וועט קומען זיין רייהע. דער נעכסטער רעדנער האָט אָבער זיך אָבגערופען:

— אויב קיינער האָט ניט דאגעגען, וועל איך מיסטער ראַ־דעצקען אָבטרעטען, און איך וועל נעהמען דאס וואָרט נאָך איהם.

דער עולם האָט ניט געהאט דאגעגען, רפאל'ס „וועה צו מיר“ האָט אין זיך געהאַט עפּעס אַזאַ זאָנדערבארען, פערצווייפעלטען, און צו דער זעלבער צייט, ברידערליך - ליעבליכען תחנונים - בעטענדען טאָן, און קיינער האָט אפילו ניט געלאכט; יעדער איז געוועזן גערן צו הערען, וואָס ער האָט דאָ נאָך צו זאָגען, — וואָס ער רופט אָן „דער עיקר“.

— איך זעה, אז מיין פּלאַן געפעלט אייך, דזשענטעל־לייט, ניט אמת? — האט רפאל אנגעהויבען ווייטער זיך שטעלענדיג אויף דער פּלאַטפאָרמע — וועל איך אייך אויסזאָגען דעם אמת: איך בין טאַקי געקומען אייך עפּעס בעטען מכח דעם. איך וויל ארויסנעהמען א פּעטענט אין וואשינגטאָן.

פון יעדען פּנים ווערט א פראגע צייכען.

— פריהער האב איך געמיינט, אז דאס דארף דורכגעהן דורך סיטי האָלל, איצט ווייס איך שוין אבער, אז דאס געהט אַלץ פון וואשינגטאָן.

— אַז קהל זאָל נור וועלען, קען ער מיין פּלאַן איינסטראָיען, און אזא יאָהר זאָל אונז אלעמען זיין, וויא אזוי עס וואָלט גע־ווען. איך בין שוין געווען ביי אַ לאָיער, האָט זיך אויסגעלאָזען אַן אויסגעבלאָזענע איי. ער האָט ביי מיר אויסגעזעסאָקט אַ שעהנע עטליכע דאלאר, און איהר זעהט דעם פּעטענט? אזוי זעה איך איהם. איהר זייט דאָך אַ סאָסייעטי, וואס איהר מיינט דאָך דעם ארבייטער'ס טובה, נו האָב איך מיר גערעכענט: איך ווייס, איך וועל פּרופּען צו אייך געהן בעטען, אַז איהר זאָלט מיר בע־הילפיג זיין.

נאָך אלץ אַן עולם פון פראגע צייכענס. קיינער קען אלץ ניט פארשטיין וואָס מיסטער ראדעצקי מיינט דאָ. וואָס פאר אַ פּעטענט? האָט ער עפּעס אַ מאשין אויסגעקלעהרט, צו וואָס?

— מען דארף מעהר ניט עטליכע טאָלער... נו, איז וויא בלייבט? — ווענדעט זיך רפאל צום פּאָרזיצענדען.

—מעג איך שטעלען אַ פראגע ביי דעם רעדנער? — פרעגט איינער פון עולם. און ניט ווארטענדיג אויף קיין ענטפער צו ער מעג צו ניט, פרעגט ער גלייך:

— וואָס פאר אַ פּעטענט האָט איהר ארויסגענומען? האָט איהר עפּעס אויסגעקלעהרט אַ מאשין? דאס איז ערשטענס. צווייטענס, — איז דאָ ניט דער פלאַץ אויף דעם. אויב איהר....

רפאל שלאָגט איהם איבער דיא רייד:

— וויא הייסט „וואָס פאר אַ מאשין“? איך האָב דאָך אייך שוין געגעבען צו פערשטעהן, וואס פאר אַ מאשין איך האב אויסגע־קלעהרט. איהר מעגט מיר גלויבען, אַז עס איז שוין אַן אַנטיק. עס איז אזא מאשין, אַז זיא וועט מאכען אלע מאשינען אָלל רייט. איצטער האָבען דיא ארבייטער פון דיא מאשינען נישט מעהר וויא געהאַקטע צרות,. און מיט מיין מאשין וואָלטען זיי געווען מאַג־נאַטען. איהר ווייסט דעם טייטש פון „שיר השירים“? אַ געזאַנג פון געזאנגען, אַ ליעד איבער ליעדער. אָט דאס איז מיין פּלאַן: אַ מאשין גוט צו מאכען אלע מאשינען. — אלע זאָלען אַרבייטען בשותפות, און אליין זיין אי דיא בעל הבתים אי דיא אַרבייטער; קיין צוויי בעזונדערע געשעפטען פון איין סאָרט זאָל ניט זיין.

אלע אין איינעם, קיין רייסעריי, קיין שלינגענעט. אַט דאס איז מיין מאשין איבער אלע מאשינען, דאס איז מיין שיר השירים — און עס וואָלט טאקע זיך געזונגען לוסטיג; פריילאך וואָלט אלעמען געוועזן אויפ׳ן הארצען — אזא יאָהר אויף מיר.

רפאל האָט זיך ווידער צוקאָכט. דיא אויגען האָבען ביי איהם ווידער גענומען פינקלען.

— און דאס וואָס איהר זאָגט, אז ניט דאָ איז דער אָרט, פארשטיי איך אסור ניט. אויף דערוויף האלט איהר דאָך מיטינגען פאר ארבייטער, זיי צו העלפען. איך מיין עפעס מיין אייגענע טובה, וואָס? איך מיין אלעמען זאָל זיין גוט. העלפט מיר נאָר ארויסנעהמען א פעטענט אויף מיין פלאן, אויף מיין שיר השירים, כא! — שמייכעלט רפאל אונטער, — וועט אייך דאָך אויך בעסער זיין..... הקצור, וויא בלייבט? דיא געלד דארפט איהר מיר גאָר אין האנד ניט געבען. איהר קענט אליין אפילו געהן צום לאָיער און איהם אלץ איבערזאָגען, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט, און ער וועט שוין מאכען דעם פעטענט. מעהר ניט איך וויל מיין נאָמען זאָל שטיין אויפ׳ן פעטענט — אז איך האָב דאָס אויסגעטראכט. זעהט איהר אבער איהר זאָלט ניט נעהמען אזא סאָקער א לאָיער, וויא מיין שלים־מזל האָט פאָפארעט.

דער עולם פארשטייט שוין. קיין עקספלאָזיאָן פון געלעכטער איז ניטאָ: דאס שפאס איז צו לאנגזאם און צו שווער אָנגעקומען; אָבער דער האָלל איז פולל מיט בעזונדערע געלעכטערלאך. פיעלע מאכען מיט דיא הענד איינע צו דיא אנדערע. עס איז א גערודער: „איהר פארשטייט שוין וואָס ער וויל? א פעטענט! כא־כא! א פעטענט אויף דעם סאָציאליזמוס, ער איז שוין געוועזן ביי א לאָיער אויך! כי־כי־כי! וויא געפעהלט ער אייך?“

דער נעכסטער רעדנער, איינער מיט׳ן נאמען יאנאָוויטש, נעהמט דאָס וואָרט — א געניטער רעדנער און א גרויכער תקיף ביי דעם עולם. מען ווארט אז ער וועט דאָ מיסטער ראדעצקי׳ן שוין אלץ געבען צו פערשטעהן, וויא עס בעדארף צו זיין, און עס ווערט שטיל.

— גענאַסע טשערמאַן און גענאַסען! — הויבט יאַנאָוויטש אָן, — איך זעה, אז הערר ראדעצקי האָט דאָ א טעות, און איך וויל איהם דאס ערקלעהרען. ערשטענס, מיינט ער, אז ער האָט ענטדעקט אמעריקא מיט זיין פּלאַן. ער ווייס ניט, אז מיר האַלטען אַלע פון דעם זעלבען פּלאַן. ער האָט ליידער ניט פערשטאַנען, וואָס דער ערש־טער רעדנער האָט געמיינט. ער האָט אָבער געזאָגט כמעט פּונקט דאס זעלבע, — אז מען דאַרף אָבשאַפען דיא היינטיגע מאָדע צו ארבייטען פאר פּרעמדע און מאַכען, אז דיא אַלע מאַשינען מיט דיא אַלע מאַטעריאַלען, מיט דיא גאַנצע פאַבריקען, מיט אַלע כּטאָרס — אַלץ — זאָלען בעלאַנגען טאַקע צו קהל, וויא הערר ראדעצקי רופט דאס. און טאַקע קיינע שלינגעריי און רייסעריי, נור אַלע בשותפות און אין איינעם. אָט דאס האָט דער רעדנער געמיינט, מיכטער ראדעצקי! איהר האָט געהאַט א מיסטייק אין זיינע רייד. ער האָט געברויכט ווערטער, וואָס איהר האָט ניט פאַר־שטאַנען. ער האָט אָבער געמיינט פּונקט דאס זעלבע וואָס איהר מיינט. ער האָט געזאָגט: „פּראָדוקציאָנס מיטלען" און מיט דעם מיינט מען אַלע מיטלען פון דער ארבייט — מאַשינען, געצייג, פעקטאָרים; און דאס וואָרט „קאָנקורענץ" בעדייט טאַקע אָט דיא רייסענעס און שלינגענעס צווישען דיא בעל הבתים און צווישען דיא ארבייטער.

רפאל קוקט מיט אַן אָפענעם מויל.

— איך מוז זאָגען דיא ווארהייט, — רעדט דער רעדנער ווייטער — איך בין איבערראַשט און פערוואונדערט געוועזן זע־הענדיג, דאס הערר ראדעצקי איז פון זיך אליין געקומען צו דיעזען שכל. איך וואָלט אפשר מיינען, אז ער מאַכט זיך דאס ער ווייס ניט: איך האָב גערעכענט, אַז ער איז שוין פון לאַנג א סאָציאַליכט.

— וואָס? — פרעגט רפאל.

— א סאָציאַליסט! יע, איהר זייט א סאָציאַליסט, הערר ראדעצקי!

הילכענדע אפּלאָדיסמענטען.

רפאל פערשטייט ניט. האַלב דוכט זיך איהם, אז מען זי־דעלט איהם דאָ. ער האט שוין דעם וואָרט עטליכע מאָל פריהער

געהערט פון דעם ערשטען רעדנער, אָבער עס איז איהם אין איין אויער אריין און פון דעם אַנדערען ארויס און ער געדיינקט אפילו ניט, אויב דאס איז אַ זידעל־וואָרט אָדער אזוי עפּעס אַ נאָמען. איצט רעכענט ער, אַז דאס הייסט „עם הארץ“ אָדער „גראָבער יונג“ און אפשר גאָר „פיינער בחור“, „גוטע קאָפּ“, צו וואָס.

יעדענפאלס וויל רפאל געהן אויף אַן אייזערנעם בריק און פּרופט אין כעס ווערען.

— אַ צאָצעליסט זייט איהר אליין, מיסטער ספּיטשער, און זידלען זיך דארפט איהר ניט! איהר האָט ניט געטראָפען דעם אָרט, פארשטייט איהר מיר!

זיינע ערשטע ווערטער זיינען איבערגעהאַקט געווען מיט אַן עקספּלאָזיאָן פון געלעכטער. אבער ער האט דאס איבערגע־שריען און געזאָגט וואָס ער האָט געוואָלט.

.13

## דיא וועלף אליין וועלען זיך דיא ציהן פון דיא מיילער ניט ארויסרייסען.

יאנאוויטש האט אויף רפאל'ען אנגעשטעלט א פאר אויגען, אין וועלכע עס האט געבליסצעט א דורכדרינגענדער שמייכעל.

— גאנץ גוט, איך בין צופרידען, — האט ער געזאגט, — איך בין א סאציאליסט און איהר זייט א סאציאליסט מיסטער ראדעצקי. אבער א געלעכטער אן א זייט. הערר ראדעצקי האט דא א טעות און איך וויל איהם פון דעם טעות ארויסברייננגען. זיין פלאן, וויא איהר זעהט, איז דער סאציאליזמוס. אזוי רופט מען דאס, הערר ראדעצקי. אז א מאן זאל פון זיך אליין קומען צו דעם, אזוי קלאהר פארשטיין דיא הויפט אורזאכען פון אלע היינטיגע צרות, און אליין קומען צום שכל, אז דיא איינציגע רפואה איז, אז דיא ארבייטער זאלען אליין זיין דיא בעל הבתים איבער דיא פאבריקען מיט דיא מאשינען און ארבייטען אלע צוזאמען, וויא שותפים — דאס ווייזט אויף מערקווירדיגע דיינקונגס - פעהיגקייטען, (אפלאדיסמענטען). דאס איז לײדער ניט קיין געוועהנליכע זאך, און איך קען הערר ראדעצקי'ן גראטולירען פון גאנצען הארצען מיט דעם וואס ער איז דערגאנגען מיט זיין אייגענעם שכל. איך מוז מודה זיין, איך בין איהם מקנא. איך אליין, מיט מיין אייגענעם שכל, האב אזוי ווייט צוקומען ניט געקענט. איך קען אויך אונזערע גענאסען גראטולירען מיט דעם נייעם גענאסע און רעדנער וואס מיר האבען צוגעקראגען (אפלאדיסמענטען).

דאס אלץ איז געזאגט געוועזען מיט אזא ערנסטען טאן, מיט אזא פריינדליכע מינע, אז ביי רפאל'ען איז קיין חשד, טאמער לאכט מען דא פון איהם, שוין מעהר ניט געוועזען. ער איז געוועזען

רויט פון נחת און פון פארשעמטקייט; ער האָט געפיהלט אויף זיך אלעמענס אויגען און איז געזעסען האלב וויא א חתן ביי דער סעודה. וואָס דאָ איז פאר א חברה האָט ער נאָך ניט געקענט קלאָהר פארשטיין.

— דאס וואָס העיר ראדעצקי זאָגט, אז קהל מוז איבער אלץ זיין דער בעל הבית — האָט יאנאָוויטש ווייטער געזאָגט, — איז ריכטיג; דאס ווילען מיר טאקע דאס איז טאקע סאָציא־ליזמוס, אָבער דאָ קום איך ערשט צו העיר ראדעצקי׳ס טעות. ער מיינט, אז מען דארף דעם פּלאָן אָנגעבען אין וואשינגטאָן, ארויס־נעהמען א פּעטענט און אלץ וועט שוין איינגעפיהרט ווערען, וויא ער וויל און וויא מיר ווילען.

— נו, ערשטענס נעהמט מען א פּעטענט ארויס בלויז אויף א מאשין אָדער א נייע מין סחורה, צום ביישפּיעל. אויף א פּלאָן צו מאכען אן ענדערונג אין קהל׳שע פיהרונגען גיט מען קיין פּע־טענט ניט. אזעלכע פּלענער ווערען פאָרגעבראכט אין דיא ער־טער, וואו מען מאכט דיא לאָאָס, דיא געזעצע, דיא זאקאָנעס — אין דיא פּארלאמענטען, סענאטען, אין דעם וואשינגטאָנער קאָנגרעסס — דאָ אין אמעריקא, — און ווען דיא קאָנגרעס־לייט נעהמען דאס אָן, און דער פּרעזידענט שרייבט דאס אונטער, פיהרט מען דאס איין, — אויב דיא פיהרער פון דיא מלוכה היטען נאָר זייער פּפליכט, און טהוען וויא דאס געזעץ הייסט.

רפאל האָט זיך אזוי פארטיעפט אין דיא ערקלעהרונג, אז ער האָט שוין אויפגעהערט זיך צו פיהלען וויא א חתן און איז ווידער געוואָרען רפאל דער פּראָסטער חי וקים.

— נו, זאָל זיין אזוי! — האט ער זיך ארויסגעכאפּט. — טא גיט דעם פּלאָן אָן אין וואשינגטאָן, וויא איהר זאָגט....

דער פּאָרזיצענדער האָט זיך אזוי פאראינטערעסירט אין דער טשיקאוונע דעבאטע. אז ער האָט אבגעלאָזען דיא לייצעס און, רפאל׳ן וויינינגסטענס, האט ער ניט געשטערט אונטער־צו־ברעכען דעם רעדנער.

—ווארט־זשע, — האָט יאנאָוויטש געענטפערט, — אָט ווע־גען דעם וויל איך טאקע ריידען, אָט דאָ קומען מיר צו דעם רעכטען

עיקר, הערר ראדעצקי. איהר זאגט, אז מיר זאלען אנגעבען אייער פלאן, א ו נ ז ע ר פלאן, דעם סאציאליזמוס, אין ו'עם וואשינג־טאנער קאנגרעסס. ווייסט איהר אבער ווער דיא מענשען זיינען, וואס זיצען אין קאנגרעסס? זיי זיינען דיא שליחים אט פון דיא פוסט ־ און ־ פאסניקעס, וואס לעבען אויף דעם ארבייטער'ס חשבון — פון דיא פאבריקאנטען, באנקירען, באהן־בעל הבתים און פון דיא איבעריגע זוינער פון דעם ארבייטער'ס שווייס און בלוט. נו, קען א שעפסעלע פועל'ען ביי א וואלף ער זאל אליין ארויסנעהמען ביי זיך דיא צייהן, כדי ער זאל איהר, דיא שעפ־סעלע, ניט קענען איינבייסען דיא האלז? אזוי קענט איהר פ־על'ען ביי דעם קאנגרעסס פון דיא קאפיטאליסטען, אז ער זאל אננעה־מען אייער פלאן! ווארום אייער פלאן, הערר ראדעצקי, הייסט טאקע ארויסנעהמען ביי דיא קאפיטאליסטען דיא ציין מיט וועל־כע זיי בייסען דעם ארבייטער איין דיא האלז אום צו טרינקען זיין בלוט. איהר האט דאך פריהער אליין געזאגט, אז דיא אר־בייטער זיינען געצוואונגען דיא רייכע צו לאזען זיי בעראבעווען, ווייל זיי, דיא ארבייטער, האבען ניט קיינע פאבריקען און קיינע מאשינען, ווייל דיא רייכע האבען דאס יע און ווייל דעריבער מוזען זיי אנקומען צו זייער לאסקע. מיט וואס־זשע קוילעט אייך דער בעל הבית? מיט דעם קאפיטאל, וואס ער האט — מיט דיא פאבריק, מיט דיא מאשינען, מיט דיא מאטעריאלען! דאס קא־פיטאל איז דיא ציין פון דעם קאפיטאליסטישען וואלף! און איך ו.על אייך בעווייזען, אז מען קען אייער פלאן ניט אויספיהרען, כיידען דיא אלע היינטיגע קאפיטאליסטען זאלען בלייבען אהן זייערע געשעפטען, אז ניט קענען זיי ניט ווערן אונשעדליך—פונקט וויא דער וואלף קען ניט ווערען אונשעדליך סיידען ער זאל בליי־בען אהן צייהן.

דיא צעהן מינוט זיינען שוין פאראיבער, אבער אויף א פארשלאג, וועלכען איינער פון פובליקום האט דא געמאכט, האט מען יאנאוויטש'ען אויף ערלויבט צו ריידען וויא פיעל ער וויל. ערשטענס, וויא איך האב שוין געזאגט, איז ער געוועזן פון דיא בעליעבטע רעדנער; צווייטענס, איז דער אינטערעס אין זיין

אַנטוואָרט אויף רפאל'ס רעדע טאַקע געווען זעהר שטאַרק. דער עולם האָט ניט בעמערקט, וויא דיא צייט איז געגאַנגען, און איז געוועזן פערטיג צו הערען דיא דעבאַטע כאָטש ביז מאָרגען.

— וויא איך האב פערשטאַנען פון הערר ראַדעצקי'ס ווער־טער, מיינט ער, אַז זיין פּלאַן זאָל קהל איינפיהרען מיט אייגענע געלד — אַז קהל זאָל אליין מאַכען פאַבריקען, קויפען מאַשינען מיט מאַטעריאַלען און שטעלען דיא ארבייטער צו דער ארבייט (רפאל שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) ; און אַז דיא יעצטיגע פאַבריקאַנטען זאָל מען לאָזען צו רוה, ביי זיי קיין זאַך ניט אוועקנעהמען, און, וויא מען זאָגט, „זיי וועלען שוין אליין פּגר'ן". (רפאל שאָקעלט האַסטיג מיט'ן קאָפּ און שמייכעלט פריילאַך צו). נו, וועל איך בעווייזען, אַז אַזאַ זאַך איז אונמעגליך. לאָמיר זעהען. וואו וועט דאַס קהל נעהמען אַזוי פיעל קאַפּיטאַל? לאָמיר זעהען — ווער איז קהל? ווער זאָל דיעזען קאַפּיטאַל אריינלייגען אין דיא אַלע געשעפטען? קהל זיינען אייגענטליך אַלע צוזאַמען, אַלע איינוואָהנער פון לאַנד. נו, זאָל יעדער איינוואָהנער געבען אַ חלק און אַזוי זאָל מען צוזאַמען־נעהמען דיא מיליאָנען, מיליאָנען, מיליאָנען, וואָס מען דאַרף צו דעם פּלאַן האָבען? איז אַזאַ צרה: דיא וואָס האָבען „חלקים" זיינען דאָך קאַפּיטאַליסטען, לוינט זיי דאָך דער פּלאַן גופא ניט. אַ פּלאַן וואָס פאָדערט, אַז מען זאָל אין קיין פרעמדע שוועס זיך ניט קענען באָדען, איז פאַר זיי קיין פּלאַן ניט. זיי וועלען אפשר יע געבען צושטייער — אבער סיידען אויף קייטען און אויף טורמעס פאַר דיא וואָס ריידען גאָר וועגען אַזעלכע פּלע־נער. דיא, ווייעדער, וואָס דער פּלאַן וואָלט זיי לוינען, — דיא ארבייטער, — האָבען ניט וואָס צו געבען צושטייער. פאַגעסט ניט, אַז דאָ האַנדעלט זיך אום אַ קאַפּיטאַל, וואָס איז גרויס גענוג איינצופיהרען נאָך אַ מאָל אַלע פאַבריקען, באַהנען, טעלעגראַפען, א. ז. וו. אַלע געשעפטען פון גאַנצען לאַנד. נו, האָבען דיא ארבייטער, אַלע צוזאַמען אַזוי פיעל אייגענס?

נאָר אפשר מיינט הערר ראַדעצקי מיט'ן קהל דיא רעגירונג

— אַז דיא רעגירונג זאָל דעם גאַנצען קאַפּיטאַל געבען?

(הערר ראַדיצקי האָט זיך דאָ ארומגעזעהען, אַז ער האָט אליין ניט געוואוסט, וואָס ער מיינט מיט דעם „קהל". „קהל" —

און א כוח! דער וואָרט אַליין האָט איהם אָבגענאַרט און ער האָט געמיינט, אז עס איז שוין דייטליך. קהל האָט אַלץ. „ניטאָ“ איז ביי קהל ניטאָ — אזוי האָט ער מיט זיך גע'טענה'ט. איצט אָבער האָט ער שוין געזעהען, אז ער האָט זיך גענאַרט און יעצט דאָט ער גע־שלונגען יעדעס וואָרט פון דיא ערקלעהרונג).

— נו, — האָט יאַנאָוויטש ווייטער געזאָגט, — דיא רעגי־רונג פון זיך אַליין האָט ניט קיין קאַפּיטאַל; זיא נעהמט אויף איהרע הוצאות פון דעם עולם, און זיא נעהמט אזוי פיעל, וויא פיעל דיא הוצאות זיינען, — א חוץ דאס אפשר, וואָס דיא היינטיגע רעגיערער גנב'ענען אראָפּ. — נו, ווען דיא רעגירונג זאָל וועלען איינפיהרען אייגענע פאַבריקען, באַהנען, טעלעגראַפען און זאָ ווייטער, וועט זיא מוזען אויף דעם נעהמען פון דעם עולם. קומט ווידער אויס דאס זעלבע: ווער פון דעם עולם קען איהר דאס אזוי פיעל געבען? דיא אַרבייטער האבען ניט. בלייבען איבער דיא קאַפּיטאַליסטען. דאס הייסט דיא רעגירונג וואָלט מוזען ביי דיא קאַפּיטאַליסטען נעהמען גענוג צו קענען איינפיהרען דיא אלע געשעפטען, וואָס זיי, דיא קאַפּיטאַליסטען, האָבען היינט.

— דאָ דאַרף מען זיך דערמאָנען, אז דער גאַנצער אייגענס כמעט ליעגט ביי דיא קאַפּיטאַליסטען אין געשעפט, ווארים דיא באַאַרע געלד, וואָס זיי האָבען אלע צוזאמען, איז בלויז אַ קליינינקע טהייל פון זייערע אייגענסען, דאס געלד איז מעהר ניט, וויא א מיטעל צו האַנדלען, — אַזוי וויא א וואָגען, וועלכער פיהרט אי־בער סחורה פון איין סוחר צו דעם אַנדערן. מיט איין וואָגען קען מען איבערפיהרען טויזענדער מאָל אזוי פיעל סחורה, וויא פיעל אין איהם געהט אריין, ווען מען פאָהרט מיט איהם טויזענדער מאָל. אזוי קען מען מיט איין רובעל אָדער דאלאר מאכען גע־שעפט אויף טויזענדער — מיט דעם וואָס דער דאָלאַר געהט דורך טויזענדער הענט. דיא פארטיגע סחורות, וואָס זיינען דאָ צום גע־ניסען, זיינען אויך בלויז אַ קליינע טהייל פון דיא אייגענכען. דער רעבטער עיקר פון דיעזע אייגענסען שטעקט אין דיא פּראָדוק־ציאָן - מיטלען, — אין דיא לאַנד, פאַבריקען, מאַשינען, באַהנען א. ז. וו. אלזא וואָלט דיא רעגירונג מוזען ביי דיא קאַפּיטאַליס־טען צונעהמען דיעזע אלע זאַכען. א ל י י ן ג ע ב ע ן, האבען

מיר געזעהען, איז ניטאָ ווער. דיא ארבייטער האָבען ניט וואָס צו געבען און דיא קאפּיטאַליסטען וועלען ניט געבען. דיא רעגירונג זאָל אָבער נ ע ה מ ע ן, צו מען וויל, צו ניט — דאס האָט שוין אַ טעם. נעהמען וואָלט זיא געקענט ביי דיא קאפּיטאַ־ליסטען: זיי האָבען.

— זעהט איהר אָבער, מיר זיינען פּאָרט געקומען צו דעם וואָס איך האָב געזאָגט, — אז מען קען אנדערש ניט איינפיהרען דעם פּלאַן, וואו דיא קאפּיטאַליסטען זאָלען ניט בלייבען אָהן זייע־רע קאפּיטאַלען. אָבער דאס וואָלט דאָך שוין ניט הייסען בויען נייע פאבריקען און ניט באהנען און לאָזען דיא קאפּיטאַליסטען אליין פּגר'ען ביי זייערע קאפּיטאַלען. ניין, עס וואָלט טאַקע הייכען זיי זאָלען פּגר'ען, אָבער אָהן דיא קאַפּיטאַלען, אָדער זיי זאָלען לעבען, ארבייטענדיג, וויא יעדער איינער.

— ווער־זשע אָבער זאָל ביי דיא קאפּיטאַליסטען אוועקנעהמען זייערע אייגענסען, אום איינצופיהרען אונזער פּלאַן? דיא רע־גירונג! — אזוי איז דאָ ערשט ביי אונז אויסגעקומען. ווער אָבער איז אונזער רעגיערונג? דיא שליחים פון דיא קאפּיטאַ־ליסטען, דיא קאפּיטאַליסטען אליין! דאס הייסט אלזאָ, דיא קאַ־פּיטאַליסטען זאָלען ביי זיך אליין אוועקנעהמען זייערע רייכטהי־מער, — דער וואָלף זאָל זיך אליין ארויסנעהמען דיא צייהן פון מויל. — וועל איך אייך אָבער בעווייזען, אז מען קען מאכען, אז עס זאָל זיין אזא רעגיערונג, וואָס זאָל ניט בעשטיין פון קאפּי־טאַליסטען, און וואָס זאָל טאַקע יע ארויסציהען דיא מערדערליכע צייהן זייערע, — יאָ, ניט אומזיסט האָט אַ דאָלאַר צייהן ארום און ארום זיך. איך וועל אייך אויך ווייזען, אז עס איז קיין עולה ניט ביי דיא קאפּיטאַליכטען אויף אונזער פּלאַן אוועקצונעהמען אלע זייערע געשעפטען, — אז אדרבה: עס איז גאר אן עולה וואָס מען לאָזט דאס ביי זיי איבער.

דאָ האָט זיך רפאל פארקלעהרט און דיא באַקען האָבען ביי איהם אָנגעהויבען צו ברענען פון אינטערעס און צוּהיצטקייט. פּלוצלונג האָט ער זיך אַ שטעל געטהאָן און אונטערבראָכען דעם רעדנער מיט אַ געשריי:

— און איך האָב אַ בעסערען פּלאַן! און איך האָב אַ בעסערען פּלאַן!

ער איז אַלעמען אַזוי געפעלען געװען און אַזוי אינטערעסירט, אַז קיינער האָט איהם ניט געשטערט ריידען, ניט דער רעדנער, ניט דער עולם.

— אַן אַנטיק אַ פּלאַן האָב איך! אַזאַ יאָהר אויף מיר, אַט װעט איהר שוין הערען. צו װאָס זאָל מען ביי מענשען אװעק־געהמען זייער האָב און גוטס? צו װאָס זאָל מען כאַפּען? אַז מעהר קען מען אַזוי טהאָן: זאָל קהל פריהער מאַכען איין גרױסען געשעפט, איינגענע אייזענבאַהנען, למשל, אָדער קױלען־ביזנעס, אָדער מאַלע װאָס! און דערנאָך אַז קהל װעט מאַכען אָן דעם אָן אוצר, װעט מען גיין אין נאָך אַ ביזנעס, דערנאָך װידער אין איינעם, אָדער אין צװיי ־ דריי מיט אַ מאָל. און ביסלעך־װייז, ביסלעך־װייז װעט מען אַזוי אַלץ איינסטראָיען.

— און װיא אַזוי זאָל מען דאָס איינפיהרען? — האָט יאַנאָ־װיטש איהם געפרעגט — װיא מאַכט מען אַז קהל זאָל איינפיהרען אַליין אייזענבאַהנען אָדער קאָהלען־מינען?

דער טשערמאַן האָט זיך געשטעלט געגען דעם, דאָס ריע־זער רעדנער זאָל ענטפערען אויף פראַגען. דאָס דאַרף טהאָן דער לעקטשורער. דער לעקטשורער האָט אָבער אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד און געזאָגט, אַז עס מאַכט ניט אויס, און אַלע זיינען אַזוי געװען פאַראינטערעסירט, אַז מען האָט ניט געקוקט אויף קיינע צערעמאָניעס. אַלזאָ האָט דער צווייטער רעדנער ווייטער גערעדט:

— אום אַזאַ זאַך איינצופיהרען, דאַרף דאָס אַזוי בעשטימט װערען אין דעם װאַשינגטאָנער קאָנגרעסס, צום ביישפּיעל. דאָס הייסט, פאַר אַזאַ פּלאַן מוזען שטימען דיא מיטגליעדער. נו, קומט דאָך װידער אויס דאָס זעלבע: כל זמן דיעזע מאַכערס דיענען דיא אינטערעסען פון דיא קאַפּיטאַליסטען, װעלען זיי פאַר אַזעל־כע פּלענער ניט װאָטען; פאַרקעהרט װידער, אַז דער עולם װעט שוין האָבען שכל אויסצוקלייבען מעהרערע פאָרשטעהער װאָס װעלען דיענען דיא אמת'ע אינטערעסען פון פאָלק, און מען װעט קענען דורכפיהרען אַ פּלאַן װעגען קהל'שע קאָהל־מינען, װעט מען דאָך פאַר איין גאַנג שוין קענען אָבשטימען פאַר אַלע אַנדע־

רע געשעפטען אויך. אפשר וועט מען וויא עס איז קענען מיט געוואלד דורכשטופּען אַ פּלאַן וועגען קהל'שע באהנען אפילו ווען דאס רוב מיטגליעדער וועלען נאָך זיין געגען דעם סאָציאליזמוס. אָט זיינען היינט דאָ דיא וואָס רופען זיך העגרי־דזשאָרדזשיסטען. זיי ווילען אַז מען זאָל אָבשאַפען אלע אָבצאַהלונגען אויסער דיא אָבצאַהלונג אויף לאַנד; דורך דעם מיינען זיי וועלען זיי מאַכען, אַז דיא לאַנד זאָל געהערען בלויז צו דיא וואָס בעארבייטען זיא טאַקע אָדער וואוינען אויף איהר, און ניט צו פּרעמדע לענד־לאָרדס. דיא זעלבע הענרי־דזשאָרדזשיסטען זיינען אויך צופריעדען, אַז באהנען און טעלעגראפען, למשל, זאָלען בעלאַנגען צו קהל. אַנדערע ביזנעסען מוזען אָבער זיין פּריוואַט, זאָגען זיי. זיי צוטהיילען אַלעס אויף צוויי קלאַסען: זאַכען וואָס זייער טבע איז צו זיין קהל'שע, וויל דערביי מוז זיין פעראייניגט דיא גאַנצע לאַנד, וויא דיא פּאָסט, דיא באהנען, דיא טעלעגראַפען, און אזעלכע זאַכען וואָס קענען געפיהרט ווערען בעזונדער, וויא פאַבריקען, שעפער, קראָמען. וואס פאר אַן אונטערשיעד עס איז צווישען דיא צוויי קלאַסען, פאר וואס קהל קען האבען באהנען אבער טאָר ניט האבען קיין אייזען־פּאַבריקען, למשל, — דאס ערקלעהרען דיא הענרי־דזשאָרדזשיסטען ניט. אבער ניט דאס בין איך אויסען. איך וויל דאָ נור זאָגען, אַז פאר דיא „נאַציאָנאַליזירונג" פון אייזען־באהנען אדער טעלעגראַפען, דאס הייסט, צו מאַכען, אַז דאס זאָל איבערנעהמען דיא נאַציאָן — פאר דעם וואָלטען וואוטען געוויסע מענשען, וואס האַלטען ניט פון אונזער נייעם פריינד'ס פּלאַן. אום אבער איינצופיהרען אַז אייזען־פאַבריקען אדער צוקער־פאַבריקען זאָלען זיין קהל'שע, דערצו מוז מען שוין האבען אַ מאַדזשאָריטי פון אַזעלכע מענשען וויא מיסטער ראַדעצקי אדער מיר; און ווען מיר וואָלטען שוין געהאַט אַ מאַדזשאָריטי, טאָ צו וואס זיך נאַריש מאַכען מיט איין ביזנעס? אַז מיר וואָלטען שוין געהאַלטען דערביי, וואָלטען מיר

דאָך שוין געקענט אבשטימען אויף אלץ, אויף צו צונעהמען אלע געשעפטען פון דיא קאפּיטאליסטען.

— הערסטע! קומט ער פאָרט צו דיא זעלבע, צו צוכאפּען זייער האב און גוטס! מיין פּלאַן איז דאָך אבער, אז אלץ זאָל געהן מיט'ן יושר.

— אָלל־רייט — האט דער רעדנער געענטפערט מיט אן אונגעדולדיגען שמייכעל, — אָט דאס וויל איך טאקי וויזען, אז דאס וואס איך זאָג איז דער יושר.

14.

## צו מעג א קהל פון ארבייטענדע מענשען אוועקנעהמען ביי דיא קאפיטאליסטען זייער אייגענם?

— הערר ראדעצקי — האט יאנאוויטש ווייטער געזאגט נאך דעם וויא ער האט גענומען א טרונק וואסער — האט אליין דא גערעדט וועגען דיא קאפיטאליסטען אלס פוסט־און־פאסניקעס, אלס מענשען וואס שעפען גאלד פון פרעמדע שוויים. נו, היינט על פי יושר ריידענדיג, זיינען זיי דען טאקי דיא אמת׳ע בעלי־הבתים פון זייערע מיליאנען? געהערען צו זיי טאקי דיא פאבריקען מיט דיא מאשינען, מיט דיא הייזער, מיט דיא טעלעגראפען, מיט דיא איבעריגע גוטס? דער שכל און דער יושר ענטפערען אויף דיעזע פראגע: „ניין“! — לאמיר זעהן: צוליעב דעם, וואס דער ארבייטער איז געצוואונגען צו ארבייטען ביי דעם קאפיטאליסט, איז ער ביי איהם אויך געצוואונגען צו נעהמען א סך וויינינגער וויא ער פערדיענט. ווען מען זאל בארעכענען, וויא פיעל ארבייט עס פאדערט זיך צו שאפען דעם ארבייטער׳ס חיונה — דיא פלייש, דיא ברויט, דיא פוטער, וואס ער עסט, דיא קליידער, וואס ער טראגט, דיא דירה, אין וועלכע ער וואהנט — וועט אויסקומען אז אויף דעם אלעמען צוזאמען פאדערט זיך א סך וויינינגער ארבייטס־צייט וויא ער גיט זיין בעל הבית. אויב ער ארבייט צעהן שטונדען א טאג, למשל, ארבייט ער אויף זיין אייגענעם לעבענס־מיטעל אפשר ניט מעהר וויא פיער שטונדען און דיא איבריגע זעקס שטונדען ארבייט גיט ער אהן געצאהלט; דאס נעהט פאר דעם פאבריקאנט, פאר דיא לענדלארדס, באנקירען, פאר אלערליי ניט־ארבייטער. ווען ער ארבייט אויף, לאמיר זאגען, פיר פינף דאלאר, בעקומט ער אפשר צוויי. ער גיט דעם בעל הבית, אלזא, פאר דריי דאלאר אונבעצאהלטע ארבייט. מיט אנדערע ווערטער, זיין ארבייט

איז ווערטה מיט דריי דאָלאַר מעהר, וויא ער בעקומט. — וויא אונ־זער נענאָסע, דער ערשטער רעדנער, האט אין זיין לעקטשור דאס אנגערופען, נעהמט דער בעל הבית פון איהם אראָפּ פאר דריי דאָ־לאַר מ ע ה ר  ו ו ע ר ט ה. עס איז מ ע ה ר  ו ו ע ר ט ה וויא צוויי דאָלאַר! עס איז ווערטה פינף; און איהם גיט ער בלויז צוויי. דריי דאָלאַר נעהמט ער אראָפּ. — פון זיין לייב און לעבען נעהמט דער בעל הבית דאס אראָפּ, — פון זיין שוויים און בלוט — ער „נעהמט"! חלה נעהמט ער פון זיין פלייש — וויא א אידענע קנייפט אראָפּ פון א חלה א שטיק טייג... נו, אָט פון דיעזע חלה־נעהמען, פון דיעזע מעהר־ווערטה, פון דיעזע אונבעצאָהלטע ארבייט, פון דיעזע דריי־דאָלאַרדיגע קלייבט דער קאפּיטאליסט אָן זיינע מיליאָ־נען, פון דעם וואקסט דאס א פאבריקאנטעל אין עטליכע יאהר אויס א פאבריקאנט א גביר, און האלט מעהר מענשען וויא פריהער, און רייסט מעהר דריי־דאָלאַרדיגע וויא פריהער. — היינט וואס איז מכח דיא לענדלאָרדס, דיא באנקירען, באהן־בעלי־בתים, סוחרים, קאָמיסיאָנערען, און דיא גאנצע איבעריגע ערב־רב, וואס לעבט אין וואוילטאָג און אין הולטייסקע נעכט ניט ארייגלייגענדיג א פינגער אין קאלטע וואסער, נור באָדענדיג זיך אין שאמפּאניער? פון וואנען נעהמט זיך זייער שאמפּאניער־וויין? דאס איז אויך דיא פרישינקע בלוט פון ארבייטער, — פון אלטע מענער, יונגע מענער, פרויען, קינדער... אָט דיא בלוט פון דיעזע ארבייטענדע שפּיעלט דאס ביי זיי אין גלעזעל, ווען מיט שכור'ע, מיט צוהיצטע הולטייסקע פּנים'ער שרייען זיי „לחיים"!...

דער רעדנער איז בעגייסטערט געוואָרען. ער האט גערעדט וועגען דיא קאפּיטאליסטישע רויבעריי מיט א גיפטיגע, פייערדיגע שפּראך. זיין שטימע האט געהילכט. קיילעכדיגע ווערטער און שארפע אויסדריקע זיינען פון זיין מויל געפלויגען וויא קוילען.

— א טהייל פון זייערע ניט־פערדיענטע פערדיענסטען קומט דיעזע טעלער־לעקער אָן פון דעם בלוטיגען טעלער וואס בלייבט איבער פון דעם פאבריקאנט — האט ער געזאָגט — דער באנקיר כאפּט פון דיעזען פאבריקאנט פּראָצענט פאר דער הלואה וואס ער האט איהם געמאכט, — אזוי וויא איינער, וואס לייהט א גזלן א האַק צו הרג'ענען מענשען און נעהמט ביי איהם א חלק פון דיא

גזלה. דער לענדלאָרד, דער באהן־קעניג און דיא איבעריגע פון דער פיאַוקע־געזינדעל — יעדער שטעלט אוים דעם שנוק צום טע־לער — דער פאר רענט, דער פאר'ן פיהרען, יענער פאר'ן אדווער־טייזען, פאר'ן מעקלערן, פאר'ן העלפען שאכערן־מאכערן....

— און ווען דער אַרבייטער קומט שוין מיט דיא צוויי דאָ־לאר פון דיא פינף אדער מיט אכט דאלאר אנשטאט דיא צוואַנציג, וואס ער האט פערהאָרעוועט, רייסענדיג קריעה אין זיין אייגען לייב, ווען ער קומט מיט דעם שוין אהיים, בעפאלען איהם ווייטער נגע־צרעת'ן: ז י י ן לענדלאָרד פליקט רענט פאר דיא צרה'דיגע צימערלאך, וואו ער, דער ארבייטער, מאַטערט זיך מיט זיין אויסגע־מאַטערטע פאַמיליע; דער סוחר, דער קאָמיסיאָנער, דער באהן־באנדיט און דיא איבריגע פון דיא בלוט־זויפענדע כאלאסטרע — יעדער לייגט ארויף פּאָדאַטקעס, צינזען אויף דיא צרה'דיגע שטיקעל ברויט, פלייש, פוטער אדער אויף דעם רעקיל, אויף דיא שיך, דיא הוט, דיא העמד, וואס דער ארבייטער קויפט. וואס עס איז ווערטה א דאלאר, קאָסט דעם ארבייטער צוויי און אמאָל דריי.

— אָט אזוי ראַבעוועט מען דאס פון אונז, אזוי שיילט מען דאס אונזער הויט, שניידט מען אונזער פלייש, ציהט מען אונזערע אָדערן, צופּט מען אונזער מאַרך . . . אָט פון דיזע בערג אנגעשייל־טע הויט, אנגעהאקטע פלייש, אנגעריסענע אָדערן, אנגעצופּטע מארך ווערען דאס דיא בערג דאלארס ביי דיא מיליאָנערען !...

— אבער לאָמיר דאס אלץ אוועקלייגען אַן א זייט. מיר ריידען דאָ וועגען דיא פּאַרטיגע געשעפטען, וועגען דיא פאַבריקען, מאַשינען, באהנען, מינען, טעלעגראַפען . . . נו, ווער האט דאס אלעס געבויט, געפּטראַיעט, בעשאפען ? ניט דער ארבייטער ? אָ ! ציגעל ווערען ניט פון זיך אליין ! — אן ארבייטער'ס הענד מוזען זיי קנעטען ; ציגעל האַלטען זיך ניט אָהן וואַפּנע. דאס וויים א קינד אויך. אבער א הויז וואַפּנע דארפען זיי נאָך האבען א צעמענט פון מענשליכע שוויים, טרעהרען און בלוט ! אז ניט קלעפּט זיך א ציגעל צו א ציגעל ניט. מאַשינען ווערען ניט געבאָרען אָהן וועהעניסען. מענשען מוזען האבען שמערצען, יסורים וויא א קינפּעטאָרין ; זיי מוזען זיך ברעכען, שטעכען, אויסגעריסען ווערען, איידער זיי בעשאפען פון טוידטע אייזען א לעבעדיגע מאַשין. דיא אייגענע נשמה בלאָזען

זיי פון זיך ביסלאכוויַיז ארויס אין דיא קאַלטע שטאָהל אריין, אום זיא זאָל לעבען, אום זיא זאָל זיך בעוועגען, אום זיא זאָל טהאָן, מאַכען, בערג איבערקעהרען... און מכח דיא באַהנען, — מכח דיא בערג, וואס מען שניידט דורך, דיא טייכען, וואס מען דעקט צו מיט בריקען, דיא טויזענדער מיילען ערד, וואס מען שמידט אין אייזען — אָ, דאָרטען ליגען בערג מיט מענשליכע ביינער, דאָרטען פליסען טייכען מיט מענשליכע בלוט, דאָרטען הילכט אָפּ דער קלונג פון קייטען, אין וועלכע מחנות־מחנות מענשען זיינען געווען געשמידט, ארבייטענדיג וויא דיא קאָטאָרזשניקעס אין סיביר...

— היינט דיא מינעס, און דיא לאַנד אין אַלגעמיין! אין דעם שטעקט א גרויסע, פיל ייכט דיא גרעבטע, טהייל פון דיא קאַפּיטאַ־ליסטישע רייכטהום. נו, איז דאס ז י י ע ר ע? געהערט דאס צו דיא ליידיג־גייהער? ווער האט זיי דאס פערקויפט, פון וועמען האבען זיי א פּאַפּיער אויף דעם? זיי זיינען דאָך כלומרשט פרום און לעזען דיא ביבעל דעם חומש, מיט פערגלאָצטע אויגען. נו, אין חומש שטעהט דאָך: „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ" — „גאָט האט בעשאַפען דיא ערד", דאס זאָגען זיי דאָך אין קלויסטער אדער אין בית המדרש; — איז דאָך גאָט דער בעל־הבית. האבען זיי א שריפט, א „טייטעל דיד", א „קופּטשאַיא קרעפּאָסט", פון גאָט? וואו זיי וועלען אזא פּאַפּיער פון דעם רבונו של עולם אונז ניט ברייגגען קענען מיר ניט גלויבען, אז עס איז זייערע. אדרבא, זאָלען זיי אָוועקפאָהרען אויף א לוסט־רייזע אין זיבעטען הימעל און ברייגגען אזא דאָקומענט פון דאָרטען...

— ניין, דיא לאַנד, דיא מינעס, דיא וועלדער מיט דיא וואַכערן, מיט אַל־דאָס גוטס, וואס דיא נאַטור האָט פאר דעם מענ־שען, בעלאַנגט ניט צו דיא פּוסט־און־פּאַסניקעס. דיא זעלבע תורה זייערע זאָגט: „בזעת אפיך תאכל לחם", מיט שוויים קומט אָן ברויט. — דאס הייסט: דיא נאַטור האט אין איהר בוזים כל טוב; זיא גיט דאס אבער ניט אומזיסט, און דיא געצאָהלט, וואס זיא פאָדערט, איז אַ ר ב י י ט. דער וואס ארבייט איז מיט איהר

קוויט; צו איהם געהערען איהרע עשירות; דער אבער וואס צאָהלט ניט מיט ארבייט, איז קיין סוחר ניט; און אויב ער נעהמט דאָך פון דיא נאטור'ס אייגענטהום — איז ער א פּראָסטער גנב.

— יא, דיא קאפּיטאליסטען זיינען גנבים און גזלנים, אי פון דער נאטור גנב'ענען זיי אי פון דער נאטור'ס עהרליכע קאָסטימער, פון די ארבייטענדע מענשהייט. די לאנד מיט די מינעס, מיט דיא פעלדער, מיט די וועלדער, די פאבריקען מיט די מאשינען, מיט דיא באהנען, מיט דיא טעלעגראפען — אלע נאטירליכע און אלע אויסגעארבייטע גוטס — אלץ געהערט צו דעם ארבייטער, און אלץ געפינט זיך אין דיא הענד פון רויבער.

— נו, איז ניט קיין יושר, אז מען זאָל דאס ביי דיא רויבער צונעהמען און אומקעהרען צו דיא, ביי וועמען זיי האבען דאס אנ־געראבעוועט? איז ניט קיין יושר, אז דאס זאָל צונעהמען א קהל, וואס זאָל בעשטעהן בלויז פון ארבייטענדע? איז דען ניט קיין עולה, אז דיא ארבייטער, דיא אמת'ע בעלי בתים פון דיא אלע גוטס, זאָלען אזוי אויסגעריסען ווערען, אזוי פערוואָגעלט און פערלאָרען זיין, צוליעב דעם וואס זייערע עשירות זיינען אין ווילד־פרעמדע הענט?

— קהל מעג און קהל מ ו ז דיא געשעפטען מיט דיא נאטיר־ליכע אייגענסען צונעהמען ביי די ליידיג־גייהער! (אפּלאָדיסמענט).

— און איצט וואָלט איך וועלען ריידען וועגען דעם, וויא מען קריגט אזא רעגיערונג, וואס זאָל דאס אוועקנעהמען — וואס זאָל ביי דעם וואָלף דיא ציין ארויסנעהמען. עס איז שוין אבער אזוי שפּעט; איך האב שוין אזוי פיעל צייט אוועקגענומען — האט דער רעדנער מיט אנגסט געזאָגט קוקענדיג אויף דעם פּאָרזיצענדער.

15.

## ווי א קען רפאל'ס פלאַן מקוים ווערען?

עס איז שוין טאקי געווען שפעט: רפאל'ס און יאנאָוויטש'עס רעדעס מיט דיא אונטערברעכונגען האבען פערנומען א סך צייט. בערלאווויטש, דער הויפט־רעדנער פון דעם מיטינג, איז געזעסען ווי א אויף שפילקעס. איהם האט זיך זעהר געלוסט שוין צו האבען דאס וואָרט. זיינע אויגען האבען אויף יאנאָוויטש'ען געשאָסען מיט פייער.

דער פאָרזיצענדער האט א קוק געטהאָן אויף'ן זייגער.

— עס איז שוין שפעט — האט ער געזאָגט — איך גלויב, אז דער לעקטשורער, גענאָסע בערלאָוויטש, וועט שוין ענטפערן אויף דיא איבריגע פונקטען.

יאנאָוויטש, וועלכער איז געשטאנען אויפ'ן פלאטפאָרמע, האט אפילו ניט געוואָלט ליידען. עס האָט אָבער ניט געפאסט זיך צו דינגען.

— איך רעכען אויך אזוי. איך האב פיעל צייט פערנומען — האט ער געזאָגט ניט ווילענדיג, און איז אראָפּ פון דער פלאטפאָרמע, פערליערענדיג דעם אפּלאָדיסמענט, וועלכען ער וואָלט בעקומען, ווען דעם פאָרזיצענדער'ס ווערטער וואלטען זיך ניט אריינגעמישט ביי דעם סוף פון זיין רעדע.

בערלאָוויטש, דער הויפט רעדנער פון יענעם טאָג, האָט גענימען דאס וואָרט:

— אלזאָ, וועל איך פאָרטזעטצען, וואס גענאָסע יאנאָוויטש האט ערקלערט. אייגענטליך האט הערר ראדעצקי בעריהרט פראגען, וועלכע פאָדערן עטליכע לעקטשורס. ער האט אנגעריהרט דעם גאנ־צען סאָציאליזמוס. איך האָף אבער, אז הערר ראדעצקי, אדער ריכ־טיגער, גענאָסע ראדעצקי (אפּלאָדיסמענטען האבען איבערגעשלאָגען

דעם רעדנער דיא ווערטער. רפאל האט ביי דיא, וואס זיינען געזעסען לעבען איהם, געפרעגט: — „וואס בין איך, א גענאָסע"? מען האט איהם ערקלערט מיט א פריינדליכען שמייכעל און ער איז געבליעבען בלויז האלב צופריעדען).

— איך האָף, אז גענאָסע ראדעצקי — האט דער רעדנער איבערגעזאָגט — וועט קומען צו אונזערע ווייטערע פערזאמלונגען און דאַן וועט ער מיט אלעם גענויער בעקאנט ווערען. און היינט וועל איך זיך בעשריינקען מיט דעם וואס גענאָסע יאנאָוויטש האט ניט פאסםייעט צו ערקלערען; נעמליך, מיט דיא פראגע — וואס זאָלען דיא ארבייטער טהאָן אום דיא רעגיערונג זאָל ניט זיין קיין דיענסט ביי דיא קאפיטאליסטישע קלאסע, אום זיא זאָל זיין א פריינדין, א טרייע דיענערין פון דיא ארבייטער, קורץ, אום זיא זאָל ביי דיא קאפיטאליסטען אוועקנעהמען זייערע קאפיטאלען, דיזע קאפיטאלען ערקלערען פאר דאס אייגענטהום פון דער גאנצער געזעלשאפט, און אָרגאניזירען דיא ארבייט אויף דעם סאָציאליסטישען פרינציפ — מאכען אז אלעם, אלעס זאָל געהערען צו קהל, וויא מען האט זיך דאָ אויסגעדריקט, און אז אלע זאָלען ארבייטען בשותפות? מיט אנדערע ווערטער, דיא פראגע איז: וויא קריגען מיר אזא רעגיערונג, וואס זאָל ביי דעם קאפיטאליסטישען וואָלף ארויסרייסען דיא ציין? אזוי האט זיך אויסגעדריקט מיין פאררעדנער.

— אלזאָ — דער איינפאכסטער אנטוואָרט אויף דיזע פראגע, דער אנטוואָרט, וועלכען הערר ראדעצקי אליין מוז שוין יעצט האבען אין געדאנקען, איז: זאָלען דיא ארבייטער אין דעם טאָג פון דיא וואהלען זייערע שטימען אפגעבען ניט פאר קיין קאנדידאטען וואס האלטען פאר דיא קאפיטאליסטען, זאָנדערן פאר אזעלכע קאנדידאטען, וואס זיינען איינפערשטאנען, אז מען מוז דיא קאפיטאלען ביי דיא קאפיטאליסטען אפנעהמען; פאר קאנדידאטען, וואס זאָלען זיך נעהמען, ווען זיי וועלען אויסערוועהלט ווערען, צו ארבייטען פאר דיא דורכפיהרונג פון דעם פלאן, וועגען וועלכען דאָ איז היינט געשפּראָכען געוואָרען.

לאָמיר ריידען וועגען דיא לאַנד, אין וועלכע מיר געפינען זיך — וועגען דיא פעראייניגטע שטאַאטען, און, וואס איך וועל זאָגען וועגען דיא פעראייניגטע שטאַאטען, געהט אויך אויף ענגלאַנד, פראַנקרייך, און אויף יעדע אנדערע לאַנד, וואו אַן די שטימען פון פאָלק אין דעם וואהל־טאָג ווענדט זיך דיא גאַנצע רעגיערונג. דאס פאָלק וועהלט אויס, עלעקטעט, דיא היגע רעגיערונג. דירעקט אָדער אינדירעקט, שטימענדיג גלייך פאר דיא קאַנדידאַטען אדער שטימענדיג פאר דיא, וואס שטימען פאר זיי, אדער וואס גיבען זיי שטעלען, ערוועהלט דער אַמעריקאַנער פאָלק יעדען בעאַמטען, פון דעם פרעזידענט ביז דעם פּאָליסמאַן. דיא ארבייטער האבען א גרויסע, אַן אונגעהייערע מאַיאָריטעט. זיי זיינען מיליאָנען, וועהרענד דיא קאַפּיטאַליסטען זיינען א הייפעלע, דיא ארבייטער קענען מיט זייערע שטימען עלעקטען וועמען זיי ווילען. ווען אַלע ארבייטער זאָלען אלזאָ אויסוועהלען סאָציאַליסטען — איך מיין, ווען זיי זאָלען אויסוועהלען אַזעלכע מענשען, וואס זאָלען וועלען דורכפיהרען הערר ראדעצקי׳ס פּלאַן, זיי אויסוועהלען צום וואַשינגטאָנער קאָנגרעס, צו דיא לעגיסלאַטורען פון פערשיעדענע שטאַאטען, צו דיא שטעלען פון דזשאָדזשעס — קורץ, ווען זיי וואָלטען אַזעלכע מענשען ערוועהלט צו יעדען אמט, וואָלט אלץ געווען פיקס און פארטיג. דער קאָנגרעס און דיא לעדזשיסלייטשורס — דיא וואס מאַכען דיא געזעצע, — וואָלטען דאָ געמאַכט א געזעץ, אז פּריוואַט־אייגענטהום אין דיא פּראָדוקציאָנס־מיטלען איז פערבאָטען, און וואָלטען ערקלערט אלע קאַפּיטאַלען, אלע יעצטיגע געשעפטען, פאר געזעלשאַפטליכע אייגענטהום.

רפאל׳ן האט גענומען שווינדלען אין קאָפּ. ער האט אפילו וויא עס איז פערשטאַנען, וואס דער רעדנער מיינט, נאכ׳ן שכל נאָך, — פון דיא אַלע ערקלערונגען וואס ער האט זיך דאָ פריהער אנגעהערט. דער רעדנער האט אבער גערעדט אַזוי שנעל — אום צו פּאַספּייען צו ענדיגען איידער דער בעל הבית פון האָלל וועט קומען דערמאָהנען, אז עס איז שוין צייט אוועקצוגעהן — און זיין צונג האט וויא א מיהל געמאָהלען אזעלכע זאָנדערבארע ווערטער, אַז פון סטארען־זיך גוט צו צוהערען, האט רפאל׳ן גענומען טומלען

אין מוח. ער האט אבער פאָרט ניט אבגעלאָזען דיא לייצעס און האט געהערט און וויא עס איז פערשטאנען אדער געמיינט, אז ער פערשטעהט.

— דיא רעגיערונג וואָלט אלזאָ געוועזן א סאָציאליסטישע — האט דער רעדנער זיך ווייטער געאיילט — זיא וואָלט אלזאָ קאָנ־פיסקירט, אוועקגענומען ביי דיא קאפיטאליסטען זייערע געשעפטען. דיא קאפיטאליסטען וואָלטען זיך אפשר געוועהרט. זיי וואָלטען געקעמפפט. אבער וואס פאר א ווערדע וואָלטען זיי געהאט ? דיא סאָלדאטען מיט דיא פעסטונגען, מיט דיא געוועהר וואָלטען געווען אויף אונזער זייט. דיא קאפיטאליסטען וואָלטען זיך ניט געקענט העלפען, פונקט וויא דיא פרינצען מיט דיא אנדערע אדעליגע האבען זיך ניט געקענט העלפען אין פראנקרייך, פאר הונדערט יאהרען, ווען דיא רעגיערונג איז אריינגעפאלען צו דעם פאָלק אין דיא הענד.

— דאס איז אבער אלץ גערעדט, אז דיא ארבייטער וואָלטען אלע פערשטאנען אזוי גוט וויא אונזער פריינד ראדעצקי פערשטעהט. ליידער אבער פערשטעהען זיי דאס נאָך ניט. דיא קאפיטאליסטען ווייסען גאנץ גוט, אז, ווען דיא ארבייטער וועלען האבען שכל, אז זיי וועלען דענקען, וועלען זיי—דיא קאפיטאליסטען—זיך מוזען זעגענען מיט זייער קרוין; דאריבער טרייען זיי, אז דער ארבייטער זאָל זיין אונוויסענד, אז ער זאָל ניט דיינקען, אז ער זאָל זיך אינטע־רעסירען בלויז מיט פייטס, מיט בייז־באָלל, מיט רייסעס. דורך זייערע צייטונגען פערבלענדען זיי איהם דיא אויגען אוןריידען איהם איין, אז אלץ איז וויא עס ברויכט צו זיין, און יעדען, וואס וויל דעם ארבייטער עפענען דיא אויגען, שטעלען זיי פאר אלס א משוגענעם אדער אלס א מערדער, אלס א שונא פון דעם פאָלק. צום אונגליק זעהט דער אמעריקאנער ארבייטער, אז פון אייראָפא קומען ארבייטער אהער; אז פון אמעריקא אין איירָאפא פאָהרען קיין ארבייטער ניט, — מיינט ער, אז בעסער וויא אמעריקא קען שוין גאר ניט זיין. דיא צייטונגען, דיא לעהרער אין דיא שולען, דיא גלחים אין דיא קלויסטערס און דיא פאָליטישענס מיט זייערע שווינדלערשע רעדעס ווייזען אויף דעם ארבייטער, אז ער קען האָפען צו ווערען רייך; זיי טענה'ן אלץ צו איהם, אז אין אמעריקא האט

יעדער א „טשאנס“, אז מען דארף נור טרייען, ווערט מען דא א מיליאָנער. זיי גיבען איהם אלס בעווייז דעם פאקט, אז פיעלע פון דיא היינטיגע מיליאָנערען זיינען אויך אמאָל געווען ארים. און אזוי פערברייננגט דער ארבייטער דיא יאהרען אין האָפען, לויפענדיג אויף פייטס, אויף רייסעס, אדער אויף בייז־באָלל.

— עס קומען אָן דיא וואהלען. דער ארבייטער מיינט, אז דאס איז אויך א מין ספאָרט, א שפיעל, בלויז א זאך וואס דארף איהם אינטערעסירען אלס א מין פייט אדער בייז־באָלל מעטש. עס זיינען דאָ קאפיטאליסטישע פארטייען: דיא דעמאָקראטישע און דיא רעפובליקאנישע. ביידע שיטען מיט געלד. מיליאָנען גיבען דיא קאַ־פיטאליסטען צושטייער אויף דיא עלעקשאָנס. זאָל זיך דער אר־בייטער שטעלען דיא פראגע: וואצו גיבען זיי דאס אזוי פיעל געלד? זאָל ער פארשטעהן, אז זיי מיינען ביזנעס; אז מיט דיא געלד העלפען זיי עלעקטען זייערע טרייע דיענער; אז אין עלעקשאָן טאָג קריגען זיי אריין דיא גאנצע רעגיערונג אין דיא הענד; אז דעריבער איז דאס דעם ארבייטער נאכהער אונמעגליך אויסצופיה־רען א סטרייק — אז דיא רעגיערונג שיקט סאָלדאטען געגען דיא ארבייטער, ווייל זיא איז א פערקויפטע רעגיערונג, דיא קאפיטאלים־טען׳ס רעגיערונג; אז דעריבער האלטען דאס דיא דזשאָדזשעס פאר דעם רייכען; אז דעריבער ווערען געמאכט געזעצע בלויז פאר דיא קאפיטאליסטען און געגען דיא ארבייטער... פרעגט אבער דער ארבייטער גאר ניט און פארשטעהט גאר ניט. ער נעהמט צוויי דאלאר פאר זיין וואוט און פרעהט זיך מיט זיין כשר׳ע מציאה. ער מיינט, ער האט דיא פאליטישענס אפגענארט — אומזיסט צוויי דאלאר גענומען! ער פערשטעהט ניט, אז פאר דיא צוויי דאלאר פערקויפט ער זיין בכורה, אז מיט דעם צעטעלע וואס ער ווארפט אין שטים־קאסטען פאר דיא קאפיטאליסטישע פארטייען ווארפט ער אריין זיין גאנצע פרייהייט מיט זיין גאנצען אייגענס אין דעם פיינד׳ס הענט אריין.

— דאס דערמאָנט מיר אָן א געוויסען צעטעלע, וועלכען מיין פאטער האט מיר אמאָל געגעבען צו מיין רבי׳ן אין חדר. צו בריינ־גען א צעטעלע דעם רבי׳ן איז א כבוד ביי א אינגעל. אלע אינגלאך זיינען איהם מקנא. אלזא בין איך אין חדר אריינגעקומען מיט

פרייד און מיט שטאָלץ, און מיט גרויס פאַראַד האב איך דעם רבי'ן דערלאַנגט דעם צעטעלע. וויא איבערראשט בין איך אבער געוועזן און וויא ביטער איז געוועזן מיין איבערראשונג, ווען דער רבי, נאָך דעם וויא ער האט איבערגעלעזען דעם צעטעלע, האט אויף מיר א בייזען קוק געטהאָן און האט זיך מיר געהייסען לייגען אויפ'ן ביינקעל. כטייטש, איך האב געמיינט ער וועט גאר א גאַנצען טאָג צו מיר זיין גוט און פריינדליך. ערשט נאַ־דיר — ער לייגט מיר גאר שמייסען! אַזוי איז אבער אין צעטעלע געוועזן געשריעבען. איך האב אליין מיין פסק אויף זיך געבראַכט... פונקט דאס זעלבע איז מיט דעם אַרבייטער, ווען ער וואַרפט אריין זיין שטים־צעטעלע פאַר א קאפּיטאַליסטישע פאַרטיי. ער מיינט ער וועט א גאַנצער מהותן מיט דעם קאַפּיטאַליסטישען רבי'ן, און ווען דיא רעגיערונג שיקט ארויס סאָלדאַטען צו שיסען סטרייקערס, פּאָליסלייט צו שפּאַלטען סטרייקערס דיא קעפּ, זיינען זיי איבערראשט... זיי האבען ניט וואס איבערראשט צו זיין: זיי האבען אליין דעם צעטעלע געבראַכט אַז מען זאָל זיי לייגען אויפ'ן ביינקעל.

— איך מוז זיך איילען. מען וועט מוזען באַלד שליסען דעם מיטינג. איך וועל דאס מאַכען קורץ. הערר ראדעצקי וועט נאָך הערען וועגען דעם און הערען. זאָל ער קומען צו דיא פערזאמלונגען. אַלזאָ, מען מוז דעם אַרבייטער אויפקלערען. מען מוז איהם ווייזען אַז עלעקשאָן־טאָג איז א וויכטיגער ביזנעס־טאָג — קיין קינדער־שפּיעל. לאָמיר זיך לערנען ביזנעס ביי דיא גרויסע ביזנעס־לייט. זיי פערשטעהען געוויס ביזנעס. אַלזאָ, זיי האַלטען דעם עלעקשאָן־טאָג וויכטיג. היינט וויא באַלד פאר זייער ביזנעס איז דאס וויכטיג, איז דאָך פאר דעם אַרבייטער דאס מסתמא אויך וויכטיג. אַז דיא מיליאָנערען זעהען צו עלעקטען ז י י ע ר ע מענשען, דאַרפען דיא אַרבייטער זעהן צו עלקטען זייער אייגענע פאַרטיי און שטימען פאר זייערע אייגענע קאנדידאטען. אזא פאַרטיי האָבען מיר שוין — דיא סאָציאַליסטישע פאַרטיי — (אַפּלאָדיסמענטען). פיעלע אַר־בייטער פערשטעהען שוין און זיי שטימען טאַקי פאר דיעזע פאַרטיי. אַזעלכע איז נאָך אבער דאָ ווייניג. מען דאַרף לערנען דעם אַרביי־טער, איהם אויפקלערען, און דאס טהוט אונזער פאַרטיי... און זיא וואַקסט... אַלץ שנעלער. אין דייטשלאַנד האַלטען מיר שוין ווייט...

אבער דאָ וועט באַלד אויך דאָס פּאָלק מאַכען־זיין איבערגעהן צו אונז... די צרות זעלבסט לערנען איהם... ער קומט צום שכל.

— בלויז נאָך א פּאָר ווערטער—עס איז זעהר וויכטיג. מיר קענען ניט האָפען, אַז אַלע אַרבייטער וועלען טאַקי ווערען סאָציאַליסטען איידער מען וועט מאַכען א סוף פון די יעצטיגע פיהרונגען. אבער ווען א גאַנץ גרויסע טהייל — דער מאַיאָריטעט פון זיי — וועלען פערשטעהן, וועט שוין אויך זיין גענוג. די קאַפּיטאַליסטען וועלען זיך דאַן שטעלען געגען אונז, זיי וועלען אפשר דאַן אונז שטערן ביי'ן שטים־קאַסטען. עס וועט אפשר ווערען א קאַמפּף, א בלוטיגער קאַמפּף...

— די הערשענדע קלאַסען גיבען זייער טראָהן מיט גוטען ניט אב... פּילייכט וועט די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסע בעגעהן דעם זעלבען פעהלער וואס די פראַנצויזישע אַדעליגע זיינען בעגאַנגען, וואס דער ענגלישער קעניג, דזשאָרזש דער דריטער, איז בעגאַנגען. וואס די פּלאַנטאַטאָרס פון די סויטה זיינען בעגאַנגען, ווען מען האט די שוואַרצע שקלאַפען פון זיי בעפרייט; פּילייכט וועלען די קאַפּיטאַליסטען אויך שיקען ביקסען מיט קאַנאָנען געגען די אַרבייטער... זיי וועלען דאַן אפשר נאָך האבען א טהייל פון די רעגיערונג... זיי וועלען פּילייכט געהן געגען די געזעץ, געגען די אבשטימונג — דאַן, אָה, דאַן וועה געשריען צו זיי! ווי נאַפּאָלעאָן האָט געזאָגט: דאָס פּאָלק וועט דער צווייטער פון שייד דעם שווערד ארויסציהען, אבער ער וועט איהם דער לעצטער צוריק אריינשטעקען! די רויבער וועלען די געזעץ ברעכען, און דאָס פּאָלק וועט זיי איבערגעוואַלט מאַכען פאר געזעץ־פּאָלגענדע. די בלוט־זויפער וועלען דעם קאַמפּף אנפאַנגען; אבער דאָס ארבייטענדע פּאָלק וועט מיט זיינע קלעפּ דעם קאַמפּף ענדיגען—ענדיגען מיט א גלענצענדען, אייביגען זיעג פאר פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט!

דער רעדנער איז אראָפּ פון פּלאַטפאָרמע. זיינע האַסטיגע, נעאיילטע שלוס־ווערטער האבען אַזוי אנגעשטריינגט די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע צוהערער, און דורך דעם אַזוי עלעקטריזירט זייערע נערווען און אנגעצונדען זייערע הערצער, אַז ביי דעם אויסרוף: „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט"! האבען זיך פּיעלע

ניט ווילענדיג א שטעל געטהאָן און דער האָלל איז פערהילכט גע־וואָרען מיט א לאנגען דונערענדען הורראה און מיט א פארטווי־בענדען שטורעם פון האנד־פּאטשעריי...

א פריילין, אין א רוסישען מאנטעל און מיט דיא האָאר פער־קעמט אויף רוסיש, האט מיט פלאמענדע אויגען א שפרונג געטהאָן צו דער פיאנאָ און האט מיט אלע קרעפטען גענומען שפּיעלען דיא מארסעליעזע. גלייך האבען אלע אונטערגעכאפּט דעם געטליכען נגון, און דער האָלל איז אנגעפילט געוואָרען מיט געזאנג פון קלינגענדע שטימען פון הערען און דאמען.

דיא גאנצע סצענע און הויפּטזעכליך דיא זיסע קאמפּפס־טענער, — דאָ טרויעריג־פרעהליכע, דאָ שטאָלצע, דאָ סטראשענדע, דאָ מיט ראכע־דורשט, דאָ מיט נצחון־פרייד קלינגענדע טענער, דיא הימעלשע טענער פון דיא אונשטערבליכע פרייהייטס־ליעד, — האבען רפאל׳ן וויא מיט א כשוף דורכגענומען. ער האט א ציטער געטהאָן. א זיסע קעלט איז איהם אריבער איבער׳ן לייב. טרעה־רען האבען א שפּריץ געטהאָן פון זיינע עהרליכע, קלוגע און גוטע אויגען.

ווען רפאל איז געקומען אהיים, האָט ער געשוויעגען. ער האָט זיך אומגעטראָגען אזוי וויא מיט א וואזשנע, טהייערע נייעס. שרה גיטעל האט א פּאָאר מאָל ביי איהם געפרעגט וואס ער זיצט „עפּעס אזוי וויא א חתן“. ער האט איהר אבער גאר ניט געענטפערט. נור שפּעטער, ווען דער גאנצער בילד פון דעם מיטינג איז איהם וויעדער פאָרגעקומען אין געדאנקען אזוי וויא א לעבעדיגער, האט ער שוין זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט געזאָגט, געהיימניספול, מיט דעם בעריהמעדיגען טאָן פון א חדר־איינגעל:

— בין איך היינט געוועזן אויף אן אָרט!

— וואו איז דאס?

— און אז איך וועל דיר זאָגען, וועסטו הפנים פערשטעהן? דאס איז ניט פאר דיין ווייבערשען מח געדאכט. קיין חלה באקט מען דאָרטען ניט און קיין טשאָלענט שטעלט מען דאָרטען אויך ניט.

ער האט גלייך חרטה געהאט וואס ער האט איהר געזאָגט. עס איז אבער שוין געווען פארפאלען. זיא איז צוגעשטאנען און ער האט געמוזט איהר דערצעהלען און ערקלעהרען. זיא האט אבער איהם באלד א שטופּ געטהאָן איבער'ן קאָפּ, איהם געזאָגט, אז מעהר וויא אזא נאר און משוגענעם וויא ער ליעגען אזעלכע זאכען אין זינען ניט, און גלייך איז זיא איבערגעגאנגען צו געשעפטען, וועלכע, נאָך איהר מיינונג נאָך, זיינען געווען פיעל וויכטיגער.

16.

## קען מען דיא וועלט איבערמאַכען נאָך אַן אויסגעקלערטען פּלאַן נאָך?

איין מאָל א פאַרנאַכט, עטליכע טעג נאכ'ן מיטינג, ווי רפאל איז אַזוי געגאַנגען איבער דעלענסי סטריט, איז פארביי איהם פאַרבייגעגאַנגען אַ קליינער, זעהר ניט קיין שעהנער אידעל, אָרִיה אנגעטהאָן און מיט א קליינע צופּאטעלטע בערדעל, איבער וועלכע עס האָט געבליסטשעט א נארישער שמייכעל.

— וואָס מאַכט איהר? — האָט יענער זיך אָבגערופען צו רפאל'ען — איך האָב אייך געזעהן אויפ'ן מיטינג. נו, איהר מיינט נאָך אַלץ, אז א וועלט קען מען איבערמאַכען מיט א פּעטענט?

זיין נאַרישער שמייכעל האָט זיך פארשפּרייט און איז געוואָרען נאָך נאַרישער.

— וואָס איז? — האָט רפאל געפרעגט אַן איבערראַשטער, ניט וויסענדיג וויא אַנדערש דעם געשפּרעך אויפצו־האַלטען. ער האָט זיך צו איהם צוגעקוקט: דער אידעל האָט געהאַט א זעהר דינינקען נעזעלע, מיט א זעהר גרויסע קרומליכע מויל. פון דיעזע קרומע מויל זיינע האָט דאָס אַזוי וויא געשטראָמט זיין ניט־קלו־גער שמייכעל. ער איז געוועזן זעהר ניט קיין שעהנער, אָבער רפאל'ען האָט געצויגען צו איהם.

— ניין, מיין פריינד, דורך פּעטענטס מאַכט מען קיין וועלט ניט איבער — האָט יענער געענטפערט, ווידער א שמייכעל טאָנ־דיג אויף זיין נאַרישען שטייגער; און געבענדיג א נייג מיט'ן קאָפּ, איז ער אוועק ווייטער.

רפאל איז אויף א ווייל געבליעבען שטיין א פערוואונדער־טער און דערנאָך איז ער יענעם נאָכגעלאָפען.

— זאָגט מיר וואָס איהר מיינט. זעהט, זאָלט איהר געזונט זיין, איהר קענט דאָך מיר זאָגען וואָס איהר מיינט — האָט ער זיך געבעטען.

— איך מיין וואָס איך זאָג. אויסקלעהרען און ארויסנעהמען א פּעטענט אויף דעם — דאָס איז מעגליך מיט א מאַשין אָדער א קונץ. א וועלט ווערט אזוי ניט געענדערט. אז איהר זאָלט מיט אייער פּלאַן זיך ארומטראָגען ווער־ווייס וויא לאַנג, וועט ער אויך ניט מקוים ווערען.

— אז איך אליין זאָל זיך מיט דעם ארומטראָגען, טאַקי ניט; אָבער אז א סך מענשען זאָלען אין דעריין טאָהן, וועט טאַקי עפּעס ארויסקומען — האָט רפאל געענטפערט.

— אז אפילו צעהן טויזענד מענשען זאָלען זיך לייגען אין דער לייננג און אין דער ברייט וואָלט אויך גאָר ניט ארויסקומען, כיידען דיא וועלט וואָלט געווען פאַרטיג דערצו. דאָס איז דער עיקר: דיא וועלט מוז זיין פאַרטיג דערצו.

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך פאַרשטיי ניט וואָס איהר מיינט. איך בין ניט קיין געלערנטער. אָבער אז מען גיט מיר צו פאַרשטיין, פאַרשטיי איך.

— דער סאָציאַליזמוס... אָט דאָס וואָס איהר ווילט איינ־פיהרען הייסט „סאָציאַליזמוס“....

— נו, ווייס איך דאָך דאָס שוין. דער סאָציאַליזמוס....— האָט רפאל נאכגעזאָגט.

— דער סאָציאַליזמוס איז ניט קיין מאַשינקע, וואָס מען קען אויסקלעהרען און מאַכען. עס איז אזוי וויא א בוים. עס מוז וואַקסען, פאַרשטייט איהר מיך; קענט איהר א בוים אויסקלערען? קענט איהר איהם מאַכען? עס שפּראָצט און בליהט און וואַקסט; פון א קערענדעל שפּראָצט ארויס א ריטעלע, א שטעקעלע מיט צווייגעלעך, מיט קאָרע. עס ענדערט זיך רק; עס ענטוויקעלט זיך, ביז עס קומט ארויס א בוים מיט בלומען, מיט פּרוכט. איהר פאַר־שטייט?

דער אידעל האָט א נאַרישען שמייכעל געטאָהן. זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט ביי א קאָרנער. וויא עס האָט אויסגעוויזען האָט דער אידעל בעדאַרפט אריינגיין דאָ ניט ווייט דערביי. רפאל האָט

געשלונגגען יענעם'ס רייד, און ער האָט געדורשט שוין צו הערען וואס ער וועט דאָ אויסברייינגגען. דער געדאנק האָט איהם שטארק פאראינטערעסירט. אָבער וואָס וויל ער דאָ אויספיהרען ? דיא הארץ האָט ביי איהם געקלאפּט פון אונגעדולד.

— מיט דעם לעבען פון מענשען (איך מיין וויא זיי לעבען צוזאמען) איז אויך אזוי — האָט דער אונבעקאנטער ווייטער געזאָגט — איהר מיינט דאָך אודאי, אז דיא וועלט האָט זיך אימער געפיהרט אזוי וויא זיא פיהרט זיך איצט ? האָט איהר א טעות. א מאָל, גאָר פארצייטען, פלעגט מען לעבען אין איינעם, ארבייטען אין איינעם און אלע זיינען געווען דיא בעלי - בתים אין איינעם.

— איז דאָך דאָס טאַקי דאָס וואָס מיר ווילען !

— כאפּט־זשע ניט !—האָט דער אידעל מיט דיא צופּאטעלטע בערדעל און דינינקען נעזעלע געזאָגט זעהר מילד און פריינדליך — אי דאָס זעלבע אי גאָר ניט דאָס זעלבע. א האָאָר אויך ניט ! זייט איהר א מאָל געווען אין קאני איילענד ?

— ניין. וואָס אי' ?

— אין קאָני איילענד איז פאראן אזא געדרייטע שטיקעל אייזען - באהן מיט וואגאָנעס, וואָס לויפען זיך פון אויבען אראָפּ און פון אונטען ארויף. דיא ריילסען דרייען זיך וויא א פּראָפּען־ציהער. ווען איהר קוקט וויא דער וואגאָן לויפט פון אונטען ארויף, זעהט איהר וויא ער גייט הין און צוריק. ער גייט צו מזרח זייט, דערנאָך צו מעריב, דערנאָך ווידער צו מזרח. וועלל, עס געהט טאקע צוריק צו מזרח זייט, אָבער דערביי הויבט ער זיך העכער. דער צווייטער מאָל מזרח איז העכער וויא דער ערשטער. איהר פארשטייט וואָס איך מיין ?

— געוויס פארשטיי איך — האָט רפאל געענטפערט שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ און פיהרענדיג דעם פינגער וויא איבער א פּראָפּען - ציהער. דיא אויבערשטע שטיקעל וועג גייט צוריק ; זיא איז אָבער העכער וויא דיא אונטערשטע.

— נו, אָט אזוי איז מיט דעם סאָציאליזמוס. דיא גאנץ פארצייטיגע האלב - ווילדע מענשען האָבען געלעבט סאָציאליסטיש. דערנאָך זיינען מענשען פון דיעזען סאָציאליזמוס אוועק און מען האָט גענומען כאפּען יעדער פאר זיך; איצט וועלען מיר צוריק

קומען צום כאַציאַליזמוס. הייסט דאָס אָבער אז מיר געהען צוריק? יע, צוריק צום סאָציאַליזמוס, אָבער צו א טויזענד מאָל העכערען מין סאָציאַליזמוס וויא יענער. פארשטייט איהר?

רפאל׳ס פנים האָט געשיינט פון הנאה; און דורך זיין מח האָט זיך געפּלאָנטערט א געדאנקען: „אזא קלוגער מענש, און האָט אזא נארישען שמייכעל״; און נאָך א געדאנקען האָט זיך ביי איהם געדרייט אין קאָפּ: „אזא געבילדעטע קאָפּ, און אויס־ווייזען ווייזט ער אויס וויא א טרעמפּ״. און געצויגען האָט איהם צו ריעזען ניט - שעהנעם אָרימען אידעל אָהן א ברעג.

— דער פּארצייטיגער סאָציאַליזמוס איז געוועזן א גאַנץ רויהע זאַך. דיא איינוואָהנער פון א דאָרף, א שבט למשל, האָבען געפאנגען חיות צוזאַמען אָדער בעארבייט דיא ערד צוזאַמען און זיך געלעבט צוזאַמען וויא א משפּחה. זייערע וואפען אָדער געצייג זיינען געוועזן זעהר פּראָסטע; פון קיין מאשינען האָט מען נאָך ניט געוואוסט. שפּעטער האָט מען זיך ביסלעכווייז אָבגעטהיילט און יעדער האָט גענומען ארבייטען פאר זיך און האָבען זיינע אייגענע זאכען מיט זיינע בעזונדערע אינטערעסען. גאר שפּעטער אבער האָט מען גענומען געברויכען מאשינען צו דער ארבייט; און אנשטאָדט צו ארבייטען יעדער בעזונדער, האָבען עטליכע ארבייטער גענומען זיך צוטהיילען מיט דיא זעלבע ארבייט; דער טהוט דיא טהייל, יענער יענע, און אזוי ווייטער. אזוי איז גיכער און שפּאָרעוו־דיגער. אזוי איז ארויסגעקומען דיא פאבריק, וואו א סך ארביי־טער ארבייטען אין איינעם מיט מאשינען און מיט ארבייטס־פּער־טהיילונג. איין זאך גייט א מאָל דורך דורך הונדערטע הענט. און דיא מאשינען זיינען א מאָל אזעלכע, אז ביי יעדער פּאָדערען זיך פיעלע מענשען. הקצור, ביי פאבריק - ארבייט קען מען בעזונ־דער ניט ארבייטען, נור פיעלע מוזען ארבייטען צוזאַמען. דאָס הייסט מען מוז ארבייטען געזעלשאַפטליך. געזעלשאַפט־ליך הייסט כאָציאַליסטיש. דאס קומט ארויס פון א לאטיינישען וואָרט „ס אָ צ י א ל״. ווער זיינען אָבער היינט דיא ארביי־טער? זיי זיינען געדונגענע! דיא מאשינען זיינען ניט זייערע;

דיא גאנצע פאבריק איז ניט זייערע. אלץ געהערט צו דעם בעל הבית, און ער ארבייט דאך ניט. אָבער איהם קומט אן דיא רעכטע סמעטענע....

— וואס זשע זעהען מיר? דיא ארבייט ווערט געטהאן סאָציאליסטיש און אז עס קומט צום האָבען הנאה, האט גאר הנאה א פרעמדער טייוועל, און דיא ארבייטער ליגען אין דער ערד. האט דאס א זינען? ארבייטען אויף א סאָציאליסטישען שטייגער און וויא עס קומט צום טיילען זיך, זאל דאס גיין אויף דעם כאפ־לאפּאנעם אופן? אזוי אָנגיין לאנג קען ניט. וויא באלד אז דיא ארבייטער זיינען פעראייניגט ביי דער ארבייט, מוז שוין אויך קומען דערצו, אז זיי זאלען אויך זיין פעראייניגט ביי דער חלוקה, ביים טהיילען זיך. פונקט ווי מען ארבייט סאָציאליסטיש, אזוי זאל מען זיך טיילען סאָציאליסטיש.

— מילא ווען דער בעל־מלאכה איז אליין דער בעל הבית און ער ארבייט טאקי אליין אין זיין בעזונדערען ווערקשטאט און מיט זיינע בעזונדערע געציייג, קען דיא ארבייט אָהן דעם בעל־הבית ניט אויסקומען. היינט אָבער, אז צו איין שטיקעל ארבייט פאָדערען זיך אזוי פיעל מאשינען מיט אזוי פיעל מענשען, טא וואס פאר א בעדייטונג האט שוין דער בעל הבית? אז ער זאל אפילו וועללען מיטארבייטען, קען ער אויך טהאָן ניט מעהר וויא איין ברעקעלע פון דער ארבייט. און מכח פיהרען? מכח זיין אן אויפזעהער? איז דאך דאס אויך בלויז איין טהייל פון דיא גאנצע ארבייט וואס פאָדערט זיך; און פונקט וויא דער ארבייטער איז א געדונגענער, אזוי איז געוועהנליך דער אויפזעהער, דער פערוואלטער א געדונגענער.

— ווען דער בעל הבית איז א יורש — האט רפאל אונטער־געכפּאט — ווען דיא פעקטאָרי האט אויסגעהאָדעוועט זיין טאטע, און ער האט איהר נור גע'ירשן'ט, קוקט ער אמאל וויא א האָהן אין בני אדם.

— גאנץ ריכטיג — האט זיך אָבגערופען דער אידעל מיט דיא צופּאטעלטע בערדיל, מיט דיא קרומלעכע מויל און מיט דעם דינינקען נעזיל — אָבער דאס איז נאָך גאר ניט. היינט גייט אלץ אויף אקציעס, אויף „שערס“. א רייכער מאן קויפט היינט,

למשל, שערס פון א שטאָהל פאבריק, דאס הייסט, ער ווערט א בעל הבית איבער דיעזע פאבריק, כאָטש ער איז דאָרטען אפילו קיין מאָל ניט געווען און ער ווייס אפילו ניט וויא אזוי שטאָהל ווערט געמאַכט. מאָרגען פארקויפט ער דיא שטאָהל־אקציעס און קויפט צוקער־אקציעס. דאָס הייסט ער ווערט א בעל הבית איבער א צוקער־פאבריק, און וויא מען מאכט צוקער הויבט ער ניט אָן צו וויסען.

— וויא צו פרעסען צוקער, אָט דאָס ווייס ער, — האָט רפאל באַמערקט מיט א געלעכטער.

— נו, היינט צו וואס זיינען אזעלכע בעלי־הבתים נויטיג?

— האָט יענער ווייטער גערעדט אין א שטילען, זעהר ערנסטען, אָן צו רעד זעלבער צייט ליעבליכען טאָן. — ניט אומזיסט פאָהרען דיא בעל־בתים אום איבער דיא פערגניגענס־פּלעצער אָדער זיי וואהנען אין זוממער־פּאלאצען, ווינטער־פּאלאצען. נישקשה, דיא ארבייט גייט אָן אָהן זיי אויך, ניט אמת? היינט צו וואָס דאַרף מען זיי?

— וויא א פינפטע ראָד צום וואָגען — האָט רפאל געזאָגט מיט התלהבות.

— נו, און דאָס איז א כלל: ווען א געוויסער קלאַס מענשען הערשט אויף דער וועלט און ער הערט אויף צו זיין נויטיג, קען ער הערשען און קאָמאנדעווען לאַנג ניט פערבלייבען. קיין פינפטער ראָד צום וואָגען דאַרף דיא מענשהייט ניט האָבען. א פינפטע ראָד ווארפט איהר וואָגען פון זיך מיט דער צייט אַראָפּ. וויא באַלד דיא אַרבייטער קומען אויס אָהן דעם בעל הבית ביי דער אַרבייט, וועלען זיי אויסקומען אָהן איהם, ווען זיי צוטהיילען זיך מיט דיא פרוכט פון דער אַרבייט אויך. דער יעצטיגער וויע־ייישפרוך צווישען דיא סאָציאַליסטישע ארבייט און קאפּיטאַליס־טישע כאפּעריי, קען לאַנג ניט אָנהאַלטען. איהר זעהט אלזאָ, אז מיר שטייהען אויף'ן שוועלל פון אן אמת'ע סאָציאַליסטישע צייט.. דיעזע סאָציאַליסטישע צייט וועט אבער געגען דיא פּאַרצייטיגע סאָציאַליסטישע צייט זיין וויא א אויסגעוואקסע־נער בוים געגען א גרעזעלע. דאן איז דער סאָציאַליזמוס געווען איבער קליינע דאָרפס־שבטים אָדער קאָמפּאַניעס פאסטוכער. איצ־

טער וועט דאָס זיין אַ סאָציאַליזמוס איבער גאַנצע לענדער מיט טויזענדער ריעזיגע פאַבריקען מיט מאַשינען, מיט באַהנען, טע־לעגראַפען, טעלעפאָנען; מענשען וועלען זיין ביי דער ארבייט פעראייניגט וויא דיא טויזענדער גליעדער און אדערען פון אַ קערפּער, און טהיילען זיך מיט דיא פרוכט פון זייער אַרבייט וועלען זיי אויך וויא גליעדער פון אַ גרויסען לעבעדיגען קערפּער, וויא שוועסטער און ברידער פון אַ פאַמיליע.

— דיא מענשליכע פיהרונגען וואקסען פון זיך אליין; זיי ענדערען זיך און ווערען פון קליין גרעסער און פון גרעסער נאָך גרעסער פונקט וויא אַ קינד ענדערט זיך און ביסלעכווייז ווערט פון איהם אַ מענש.

— ווען עס קומט דיא צייט, עס פאָדערט זיך אַן ענדערונג, קומט דאָס דאָס רוב גלאַט ניט אָן. שניידען זיך ביי אַ קינד ציינדלאַך אָהן יסורים? האָט אַ פרוי אַ קינד אָהן בויך־וועהטאָג? דיא קלאַסען, וואָס הערשען און מוזען אראָפּ פון ביינקעל, ווייל זייער ראָלע האָט זיך געענדיגט און זיי זיינען געוואָרען נאָר וויא אַ פינפטע ראָד צום וואָגען, קייקלען זיך אליין פון דעם היסטאָרישען וואָגען ניט אראָפּ. זיי ווילט זיך זעהר ניט אראָפּ־געהן. מען מוז זיי אראָפּוואַרפען. דאָס רוב פארגיסט זיך געגוג בלוט דערביי. איהר האָט דאָך מסתמא געהערט, אַז אַ מאָל איז אמעריקאַ געווען אונטער ענגלאַנד און אַז זיא האָט געמוזט קעמפּ־פען און לאָזען גיסען איהר בלוט איידער דער ענגלישער קעניג מיט זיינע פריצים זיינען אראָפּ פון דעם אמעריקאַנער וואגען. אין פראַנקרייך האָט דאָס פאָלק ביטטער געקעמפּפט ביז ער האָט אראָפּגעזעצט פון וואָגען דעם פריצישען קלאַס. אַ מאָל האָט דיעזער קלאַס געשפּיעלט דיא הויפּט ראָלע. איצט אָבער האָט ער שוין דיעזע ראָלע פארלאָרען. עס איז געוואָרען אַ וועלט פון פאַבריקען, געשעפטען, — האָט שוין דער פאַבריקאַנט, דער סוחר, דיא הויפּט ראָללע געשפּיעלט. ער איז געווארען דער יחסן. נו, האָט דער אלטער פּריצישער קלאַס מיט גוטען אָפּטרעטען זיין מאַכט און הערשאַפט ניט געוואָלט; האָט זיך געגאָסען בלוט טייכענווייז. אַזאַ מלחמה הייסט „רעוואָלוציע“ —אַן אי־בערקערענעס. דיא איבערקערענעס איז אָבער שוין געמאַכט געווען

פריהער ביסלעכווייז. די צושטענדען קעהרען זיך איבער. איבער־צוקעהרען די פינפטע רעדער פון די וועגען איז שוין דאן א גאנץ נאטירליכע זאך. עס קומט אפשר אן שווער און עס גיסט זיך פיעל בלוט, אבער אנדערס זיין קען שוין ניט, ווייל דער קלאס וואס שפיעלט ניט קיין ווירקליכע ראָלע קען אויף'ן ביינקעל ניט בלייבען.

— פארשטייט איהר שוין וויא עס גייט? ניט מיט פע־טענטעס, ניט דורך פלענער ווערט דער סאָציאליזמוס געמאכט. ער וואקסט; ער קומט פון זיך אליין, ווייל ניט קומען קען ער ניט, ווייל עס איז נאטירליך אז ער זאָל קומען.

— היינט צו וואס דארפען אייערע מענשען זיך רייסען דיא גאָל? — האָט רפאל געפרעגט — וויא באלד אז עס מוז קומען, טאָ זאָל זיך קומען? צו וואָס זאָלט איהר נאָך געבען צו פארשטיין, ריידען, טאָלקעווען?

— וואס זאָל מען אָבער טהאָן אז עס רעדט זיך, אז עס טאָלקעוועט זיך פאַרט? אָט דאָס גופא, וואס עס ציהט און רייכט צו ריידען און טאָלקעווען וועגען דיעזע זאכען — אָט דאָס גופא איז א סימן, אז דער סאָציאליזמוס קומט אן. די ליפּט איז פולל מיט דער נייער צייט. זיא פיללט אן די הארץ. עס רעדט זיך גאָר ניט ווילענדיג. מיר מיינען אז מיר ריידען דאָס מיט'ן שכל. ווען די צייט וואָלט אָבער ניט געווען פארטיג פאר דעם סאָציא־ליזמוס, וואָלטען מיר אן אנדערען שכל געהאט, גאָר אנדעריש געדיינקט, אנדערש גערעדט און פאר אנדערע זאכען גע־קעמפּפט.

וואָס רפאל האָט דאָ געהערט, האָט ער אי יע פערשטאנען אי ניט פערשטאנען. דעם הויפּט־שכל האָט ער פארשטאנען גאנץ קלאָהר. ער האָט אָבער אזא זאָרט געדאנקען נאָך קיין מאָל ניט פארזוכט. ער האָט געפיהלט, אז דאָס דארף מען לערנען וויא מען לערענט גמרא; און וויא קומט ער, רפאל'קע דער סטאָלער, צו די שכל'ען פון גמרא אָדער אנדערע אזעלכע זאכען! און דאָך האָט דאָס איהם אזוי געצויגען! אי א טיעפער שכל אי א יושר־זאך א גרויסע!... וויא א מאגנעט האָט דאָס איהם געצויגען; זיין מארך און זיין הארץ האָט דאָס צו זיך געצויגען.

ער איז געשטאַנען און צוגעהערט, וויא אַ פאַרשעמטער, עפּעס וויא אַן אָבגעשמיסענער און עפּעס וויא אַ פאַרליעבטער.

ווען דער אידעל מיט דיא צופּאַטעלטע בערדעל האָט זיך מיט איהם געזעגנט, האָט זיך רפאל׳ן זעהר ניט געגלוסט מיט איהם זיך צו שיידען; און יענער האָט דאָס בעמערקט.

— אויב איהר ווילט, קומט אויך אריין. איך געה אין דיא קאַפּע. דאָרטען קומען זיך צוזאַמען סאָציאַליסטען, אַרבייטער... אויף׳ן ערשטען פלאָאָר איז דער אָפּפיס פון דער „אַרבייטער צייטונג" — אונזער בלאַט.

רפאל׳ען איז דורכגעלאָפען אַ וואונדער אויף זיך אליין ווארום איהם איז פריהער קיין מאָל ניט ארויף אויף׳ן זינען צו לעזען דיא „אַרבייטער צייטונג". נור וויא קומט ער צו לעזען עפּעס אַ חוץ דעם סדור אָדער דיא סדרה אין חומש!

דיא קאַפּע איז געווען אין אַ היבשען צימער, ניט קיין גאַנץ ליכטיגע און ניט קיין גאַנץ ציכטיגע. אַ גרויסע ווייסע בליסצענדע באַניקעלטע קאָפּע־קען, אַזוי וויא אַ גרויסער סאַמאָוואר, האָט פאַרנומען דעם אויבען־אָן פון׳ם קאָונטער, וועלכער איז געווען פאַרלייגט מיט געבעק און מיט קעסטעלעך פּאַפּיראָסען. צו דיא ווענט זיינען געווען צוגעשלאָגען רויטע, הילצערנע בּושקעס, אין וועלכע מען האָט געוואָרפען דיא קוויטעלעך, וואָס מען האָט בעקומען ביי׳ן בייצאָהלען — דאָס איז געווען דיא קאָנטראָלע איבער דיא מענשען, וואס זיינען געוועזן אנגעשטעלט אין דער קאַפּע פון דער סאָציאַליסטישער ארגאניזאציאָן. אויף דיא ווענט זיינען געהאנגען פּאָרטרעטען פון קארל מארקס, פערדינאנד לאסאל, אַ גרופּפּע פון דיא סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען פון דעם דייטשען רייכסטאג און אַ קאָלירטע ביילאגע פון דער ניו יאָרקער דייטשער „פאָלקס־צייטונג".

ביי איניגע טישלעך איז מען געזעסען, און געטרונקען אָדער געגעסען; אָבער דאָס רוב איז מען געזעסען ביי ליידיגע טישלעך, רויכערענדיג, שמועסענדיג, גלייכוועדטלענדיג זיך, טרייבענדיג פלאָטקעס. ביי אַ פּאָר טישלעך האָט מען געשפּיעלט אין

שאך אָדער אין דאָמינאָ. אַלע זיינען דאָ געווען אָרים געקליידעט מיט פּנים׳ער פון ארבייטער אָדער פון געבילדעטע אָרימע מענשען.

רפאל איז אריינגעקומען זעהר שעמעדיג. ער איז אויף זיין לעבען ניט געווען אין קיין קאַפע, אַ פּשיטא שוין אין אַזאַ זאָרט קאַפע. דער אידעל מיט׳ן דינעם נעזיל האָט זיך מיט איהם אוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע און האָט זיין גאַסט מכבד געווען מיט קאַפע און קייק. רפאל האָט זיך אַזוי געשעמט, אַז ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער טהוט: ער האָט איינגעטונקט אַ צו גרויסע שטיק קייק אין דיא קאַפע און האָט זיך שיער ניט דערוואָרגען פרופענדיג דאָס אראָבשלינגען; און דערפון האָט ער זיך נאָך מעהר פאַרשעמט.

זיי זיינען געזעסען נאָהענט לעבען איינעם פון דיא טישלאך, וואו מען האָט געשפּילט אַ שאך, און זיין נייער בעקאַנטער האָט אַהין געוואָרפען ישעדנע אויגען, קוקענדיג אויף דיא שפּיעל, טרינקענדיג זיין קאַפע, רויכערענדיג זיין סיגאַרעטעל און רייי־דענדיג צו רפאל׳ען — אַלץ אין איינעם.

דעם אידעל׳ס נאָמען איז געווען לעאָן וויקער. מען האָט געזאָגט אַז ער איז אַ מערקווירדיגער שאך־שפּיעלער, אָבער שפּיעלען פלעגט מען איהם קיין מאָל ניט זעהען. גאַנצע נעכט פלעגט ער אָבזיצען קוקענדיג, וויא אַנדערע שפּיעלען, צושמייכלענדיג מיט זיין נאַרישען שמייכעל. אין פּריוואַט געשפּרעכען פלעגט ער זיך ארויסווייזען פאַר אַ זעהר גלאַטען און אינטערעסאַנטען רעדנער, אָבער אויף דער פּלאַטפאָרמע האָט מען איהם קיין מאָל ניט געזעהען. ווען ער פלעגט אמאָל עפּעס אויפשרייבען, איז דאָס געווען זעהר וויציג און טיעפזיננינג, אָבער צום דרוקען האָט ער קיין מאָל ניט געגעבען. ער פלעגט דאָס שרייבען גלאַט אַזוי זיך, פלעגט ער זאָגען. פאַר דער צייטונג צו שרייבען פלעגט ער אַלץ אָפּלייגען אויף „אַן אַנדערש מאָל״. ער איז געווען בעקאַנט אַלס איינער פון דיא באַלעזענסטע, געבילדעטסטע מענשען צווישען דיא סאָציאַליסטען. אַלץ האָט ער געלייענט און אַלץ האָט ער געוואוסט און גערדיינקט. אָבער אַלץ האָט ער געהאַלטען פאַר זיך; מיט קיינעם פון זיינע טאַלאַנטען זיך ניט גערוקט אין דער עפענטליכקייט. און דער

עולם האָט איהם בעהאַנדעלט אָהן שום אויפמערקזאַמקייט, אָהן שום רעספּעקט. אינווייניג אין דיא הערצער האָט מען געוואוסט אַז ער איז אפשר וויכטיגער פון דיא וויכטיגסטע, אָבער אַזוי וויא ער האָט ניט געפאָדערט קיין כבוד, אַזוי האָט מען איהם קיין כבוד ניט געגעבען, וואָרים כבוד איז אַ זאַך. וואָס, אַז מען נעהמט ניט איבער גוואַלט האָט מען ניט... ער האָט זיך געקליידעט וויא אַן אָרי־מער פּעדלער, און אַזוי האָבען איהם אַנדערע אויך געהאַלטען. בלויז ווען מען פלעגט עפּעס האָבען אַ ויכוח וועגען אַ שווערען וואָרט אָדער אַ נאָמען אָדער עפּעס אַ זאַך פון אַ בוך, פלעגט מען זיך ווענדען צו איהם; מיט אַ שמייכעלע ווי צו אַ אינגעל, וואָס האָט אַ גוטען קאָפּ. פלעגט מען זיך צו איהם ווענדען; און ער פלעגט ענטפערן, האַלטענ־דיג דיא אויגען אין אַ בוך אָדער אויף אַ שאַכמאַט־ברעטעל פון צוויי אַנדערע שפּיעלער, — ענטפערען, אַנשוויגען ווערען און ווייטער לעזען אָדער קוקען, וויא מען שפּיעלט. דיא וואָס האָבען איהם גוט ניט געקענט, פלעגען אַ מאָל פּרובען פון איהם אַ לאַך טהאָן, אָדער אַ שטיף טהאָן מיט איהם; ער פלעגט זיי אָבער אָבצאָהלען מיט אַזאַ שאַרפען ווערטיל, אַז זיי פלעגען אַ צעהנטען פאַרזאָגען מיט איהם זיך אָנ־צו־הויבען.

וויקער האָט זיך געסטאַרעט צו זיין נייעם בעקאַנטען גאַסט־פריינדליך צו זיין, אָבער דיא צוויי שאַכמאַטיסטען האָבען איהם געצויגען צו זיך. אָפּט פלעגט ער אליין ניט הערען וואָס ער רעדט און דערנאָך מוזען איבערזאָגען נאָך אַמאָל.

— וואָס אַ יוניאָן איז ווייסט איהר? — האָט ער געזאָגט.

— איהר ווייס דאָך מסתמא וויא דיא אַרבייטער פעראייניגען זיך צו קעמפּפען פאַר בעסערע ווידזשעס און וויינינגער אַרבייט. דיא באָסעס ווילען ניט נאָכגעבען און עס קומט אַרויס אַ סטרייק, אַ באָיקאָט. הקיצור, אַ גאַנצער פייט, אַ מלחמה; דיא אַרבייטער שיקען אַרויס פּיקעטען, צו זעהן אַז סקעבס זאָלען ניט גיין אַרביי־טען. אַנדערע יוניאָנס העלפען דיא סטרייקערס מיט געלט. אַנדערע קאַפּיטאַליסטען ווידער העלפען ריעזע קאַפּיטאַליסטען. ווען דיא אַרבייטער האַלטען זיך שטאַרק, שיקט דיא קאַפּיטאַליסטישע רע־גיערונג אַרויס אויף זיי פּאָליציי אָדער זאָגאַר סאָלדאַטען. צווישען ווענמען זשע איז דיא מלחמה? צווישען דעם גאַנצען קאַפּי־

ט א ל י ס ט י ש ע ן ק ל א ס א ו ן ד ע ם ג א נ צ ע ן א ר ב י י ט ע ר ק ל א ס. דעריבער רופען מיר דאָס ק ל א ס ע ן־ ק א מ פ ף, און דיעזער קלאסען־קאמפף, דיעזער קלאסען קאמפף...

וויקער האָט עטליכע מאָל אזוי איבערגעזאָגט דיא זעלבע פּאָר ווערטער, ניט הערענדיג וואָס זיין מויל זאָגט: זיינע אויגען האָבען זיך פארטיפט אין א נייעם גאנג אויף דער שאכמאט־ברעטעל ביי דעם נעכסטען טישעל.

— ענטשולדיגט מיר! — האָט ער זיך געכאפּט, מיט זיין נארישען שמייכעל — און אום צו פארריכטען זיין פעהלער האָט ער גענומען ריידען מיט גרויס ווארימקייט — דיעזער קלאסען־קאמפף איז דיא וויכטיגסטע זאך אין דער געשיכטע פון דער גאנצער מענשהייט. ווען דער קאפּיטאליסטישער קלאסס האָט געקעמפפט געגען דעם פּריצישען קלאסס איז ביסלעך־ווייז פון דעם ארויסגעקומען דאָס וואָס מען האָט אָבגעשאפט דיא אלטע מאכט פון דיא גראפען, באראָנען, און אויף זייער אָרט האָט גענומען הערשען דער פאבריקאנט, דער אייזענבאהן מיליאָנער, דער קאָהלען־מיליאָנער, און דיא אנדערע חברה קאפּיטאליסטען. און איצט קעמפפען דיא ארבייטער געגען דיעזע קאפּיטאליסטען, און דיעזער קלאסען־קאמפף וועט ברייננען צו דער פערניכטונג פון דיא קאפּיטאליסטישע הערשאפט, און צו דער גרינדונג פון דער גרויסער סאָציאליסטישער וועלט, וואו אלע וועלען זיין אי ארביי־טער אי בעלי הבתים, אלע גלייך, אלע רייך, אלע פריי, אלע ברי־דער. י ע ד ע ז א ך ו ו א ס ה א ט א ש י י כ ו ת צ ו ם ה י י נ ט י ג ע ן ק ל א ס ע ן ק א מ פ ף פ י ה ר ט צ ו ד ע ם ס אָ צ י א ל י ז מ ו ס. דער יוניאָן־מאן מעג זיך אפילו פון דעם סאָציאליזמוס ניט וועלען וויסען; מיט דעם אָבער וואָס ער קעמפפט געגען זיין באָסס פאר א פּאָר סענט מעהר וויידזשעס, למשל, העלפט ער שוין מיט דעם סאָציא־ליזמוס. פארשטייט איהר וויא אזוי?

רפאל האָט פערשטאנען. ער האָט אָבער ניט געסמייעט איבער־צו־זאָגען אזא וואזשנעם וואָרט וויא „קלאסען־קאמפף“.

— ווייל ער נעמט אן אנטייל, ער קעמפפט מיט אין דעם קלאסען־קאמפף — האָט וויקער ערקלעהרט. פארשטייט איהר

שוין, וויא וועניג זינען עס האָט ווען מען מיינט אז דעם סאָציאליזמוס קען מען „מאכען“, נאָך אַן אויסגעקלעהרטען פּלאַן. איין סטרייק פאר העכערע וויידזשעס, למשל, איז מעהר סאָציאַליזמוס וויא טויזענד אויסגעטראַכטע סאָציאַליסטישע פּלענער.

ביי רפאל׳ען איז אין קאָפּ א יריד, א געפּילדער פון נייעסען, א גערודער, א טומעל. צעהנדליגע פראַגען דרייען זיך דאָרטען אום. ער ווייס ניט וועלכע פריהער צו פרעגען, וויא אזוי זיי צו פרעגען. נאָר איין פראגע האָט זיך ביי איהם ארויסגעכאפּט פון זיך אליין.

— איך האָב מורא צו פרעגען — האָט ער געזאָגט, — טאָמער איז דאָס א נאַרישקייט; אָבער ביי מיין פּראָסטען שכל קומט אויס, אַז עס איז א גוטע קשיא. איהר זאָגט אז דיא מלוכה, דיא גאָווערנמענט האַלט פאַר דעם קאַפּיטאַליסט. נו, דאַרף מען מאַכען איינס, צוויי, דריי, און אַראָפּוואַרפען דיא קאַפּיטאַליסטישע גאָווערנמענט אַז זיא זאָל גיין קלייבען איהרע הינטעשע ציין, און מען דאַרף מאַכען א גאָווערנמענט וואָס וועט זיין טריי דעם אַרבייטער.

— הערסטו! אָט דאָס טרייעט מען דאָך טאַקע צו טהאָן! אין יעדער לאַנד איז פאַראַן א סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס גייט אין דיא וואַהלען אריין און טרייט אז מען זאָל אָפּגעבען דעם וואוט פאַר אמת׳ע אַרבייטער־פריינד, פאַר סאָציאַליסטען. דאָס איז אויך א קלאַסען־קאַמפּף — דער פּ אָ ל י ט י ש ע ר ק ל אַ ס ע ן ־ ק אַ מ פּ ף. (און דאס וואָס דיא יוניאָנס קעמפּפען פאַר בעסערע וויידזשעס אָדער קירצערע שטונדען, למשל, הייסט ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ר קלאַסען־קאַמפּף. „עקאָנאָמיש“ הייסט אלץ וואָס איז שייך צו אַזעלכע זאַכען וויא פּאַרדיענסטען, ביזנעס, פאַבריקאַציע, וויידזשעס, פּראָפּיטען). דיא קאַפּיטאַליסטען טרייען אַז מען זאָל׳אויסקלייבען זייערע מענשען און דיא סאָציאַליסטען טרייען אַז מען זאָל אויסקלייבען סאָציאַליסטישע פאָרשטעהער. דיא סאָציאַליסטישע פּאַרטייען וואַקסען וויא אויף הייוון. וואָס א יאָהר עלעקטעט מען אַלץ מעהר סאָציאַליסטען. דערווייליע זיינען דיא רעגירונגען נאָך אַלץ ביי דיא קאַפּיטאַליסטען אין דיא הענד.

עס וועט אָבער קומען אַ צייט, ווען מען וועט דאס ביי זיי אוועק־נעהמען ; צו מיט גוטען, צו מיט בייזען — דאס ווענדט זיך אָן זיי אליין.

בעסער וואָלט געווען מיט גוטען — האָט רפאל בעמערקט מיט אַן ערנסטע מינע.

— נו, געוויס, אָבער וויא טהוט מען אז דיא גנבים ווילט זיך ניט אנדערש וויא בלוט־פערגיסונג ? צי מיט גוטען, צי מיט בייזען, — דיא רעגירונג וועט מען ביי זיי צונעהמען און דאן וועט פון אַ וועלט פון רויבעריי און פינסטערנעס ווערען אַ וועלט פון גליק און ליכט פאר אלעמען גלייך.

— גוואַלדינקע ! וויא דערלעבט מען שוין דאס ? ! — האָט רפאל אויסגעשריען מיט אַ בליסצעדיגען פנים, רייבענדיג איין האַנט אָן דיא אַנדערע.

17.

## אַ'ן עלעקטרישער פונק טרייבט פון רפאל'ן ארויס זיין לעצטען פונק אידישקייט.

רפאל האָט בעזוכט פיעלע פערזאמלונגען; אָפט פלעגט ער אריינקומען אין דער קאפע. ער האָט פיעלעס געהערט, וואָס איז איהם קיין מאָל גאָר אויפ'ן זינען ניט ארויף. כמעט אויף יעדע פערזאמלונג האָט ער גענומען דאס וואָרט, געשטעלט פראגען אויף דעם, וואס ער האָט ניט פערשטאַנען אָדער וואָס איהם איז געווען קשה. גאַנצע טעג ביי דער אַרבייט און ניט איין מאָל שטונדען־לאַנג ביי נאַכט אין בעט, האָט ער געקלעהרט און איבערגעקלעהרט, וואָס דיא רעדנער האָבען געזאָגט, האָט צוגעלייגט צו דעם פיעלעס פון זיין אייגענעם פערשטאַנד, האָט זיך געסטארעט זיך פאָרצו־שטעלען, וויא אזוי דיא וועלט וועט אויסוויזען, ווען דער סאָציאליז־מוס (אזוי האָט ער דאס שוין גערופען) וועט מקוים ווערען, און האָט זיך אין אלעמען געפיהלט וויא א ניי געבאָרענער.

ער האָט געלעזען דיא „ארבייטער צייטונג"; ער האָט אי־בערגעלעזען עטליכע זשאַרגאָנישע ביכלאך, און פון דעם, וויא אויך פון דיא מיטינגס און פון זיינע געשפרעכען מיט וויקער'ן, וועלכען ער פלעגט פראָסט פערמאַטערען מיט זיינע קשיות און ויכוחים, האָט ער ביי זיך סוף כל סוף אויך גע'פועל'ט, אז מיט דער אמונה איז אויך דאס זעלבע וויא מיט היינטיגע געשעפטען, — אז דאס איז אויך א „טשאָלענט פון יוצרות", וויא ער פלעגט זיך אויסדריקען וועגען א ליגען, וועגען א זאך וואָס האָט קיין ממשות ניט, אָדער וועגען עטוואָס וואָס פלעגט איהם ניט געפעלען.

מיט דער אמונה איז איהם אָבער געווען פיעל שווערער זיך צו זעגענען, וויא מיט זיינע קרוליצער מיינונגען וועגען דעם,

וואָס עס זיינען דאָ רייכע און אָרימע אויף דער וועלט. ווען ער האָט צום ערשטען מאָל פון אַ רעדנער דערהערט אַ וויץ וועגען משה רבינו, האָט דאָס איהם געגעבען אַ שטאָך וויא מיט שפּיל־קעס, — עפּעס אַזוי וויא מען וואָלט אָבגעלאַכט פון זיין פאָטער. ווען ער האָט דערזעהען, אַז דיא סאָציאַליסטען זיינען אפּיקורסים, האָט ער גאָר ביי זיך אָבגעמאַכט מעהר צו דיא „משומדים“ ניט צו גיין. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט העלפען. וועהרענד זיין האַרץ האָט געברענט מיט כעס און עפּעס אויך מיט אַ מין שרעק, ווען ער האָט געטראַכט וועגען דיא „משומדים“, האָט זיין מאַרך איהם ניט געלאָזט צורוה און האָט צו איהם ניט אויפגעהערט צו טענה'ן:

„גיי, רפאל, גיי אויפ'ן מיטינג! איך וויל אַן ענטפער אויף דיא קשיה, אויף יענע. וואו האָסטו אַזעלכע קלוגע מענשען, אַזעלכע פריינדליכע מענשען, וויא דיא „משומדים“?

דאָס ראַנגעלט זיך אין מיר דער „יצר הרע מיט דעם יצר טוב“ — פלעגט ער זיך אין אַזעלכע מינוטען קלעהרען — „אָבער אַזוי לאַנג פּיעכנעט ער אין געהאַקטע וואונדען, דער יצר הרע!“ — פלעגט ער זיך דערביי טראַכטען, און פלעגט דאָך געהן צום מיטינג אָדער אין קאַפע, ווארים „דיא קליפּה האָט שוין דעם מזל און כאָטש צוריים זיך“.

איין מאָל האָט ער אויף אַ מיטינג, נאָך אַ רעדע, וואָס איז איהם זעהר געפעהלען געווען, געבעטען דאָס וואָרט. מען האָט איהם שוין געקענט „וויא אַ בייזען שיללינגער“, וויא ער האָט אַ מאָל אויף זיך אַליין מיט אַ שמייכעל געזאָגט פון דער פּלאַטפאָרמע, און, ווען ער פלעגט אַרויפקומען ריידען, פלעגען אַלע אָנשטעלען דיא אויערען, ערוואַרטענדיג אינטערעסאַנטע און פרעהליכע עטליכע מינוטען.

— איך קום היינט גאָר מיט אַ נייע מין קשיא, — האָט ער געזאָגט—עס וועט זיך אפשר קלעפּען ווי אַן ארבעס צום וואַנד מיט דעם רעדנער'ס לעקטשור. אָבער איך מוז מיר טאָהן דאָס מויניגע. דיא קשיא שטעהט מיר שוין לאַנג וויא אַ ביינדעל פון אַ העכט אין האַלז. הקצור המעשה, איך וועל אַ פולע ניט ברייען, — איך וואָלט וועלען וויסען, צו וואָס דאַרפט איהר זיין אפּיקורסים?

אַ'ן עקספּלאָזיאָן פון געלעכטער.

— לאַכט, לאַכט, אויב איך איז פרעהליך אויף'ן האַרצען. ביי מיין נאַרישען שכל קומט אויס, אַז עס איז דאָ וואָס צו וויינען, ניט צו לאַכען. אדרבא, זאָגט, צו וואָס דאַרפט איהר דיא אפּיקורסות? צו דען קענט איהר ניט זיין קיין סאָציאַליסטען און געהן אויף אייער דרך און זיין עהרליכע אידען דערצו? עס פּאַסט דאָס צום רומעל אַזוי? דאַכט זיך, אָט בין איך אויך אַ סאָציאַליסט — איהר זאָגט דאָך אַלע אַליין — און דאַווען ב"ה, און היט אָפּ אידישקייט מיט אַלע אידען צוגלייך. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך וואָלט דאָס אויף אייך גאָר ניט גלויבען, איך זאָג, איינער איז אַ גראָבער יונג, אַ צולאָזענער... איהר זייט דאָך אָבער אַזעלכע איידעלע קינדער... עס קלעמט מיר פּראָכט דיא האַרץ קוקענדיג. ווען צו אייער גוטסקייט וואָלט איהר געווען עהרליכע אידען, וואָלט אַ סך שעהנער געוועהן, און עס וואָלט נאָר אַריין אַנאַנדער מזל ברכה אין אייער אַרבייט אויך. כ'לעבען וואַרפט אַוועק דיא נאַרישקייטען.

ווען דער הויפּט־רעדנער האָט גענומען דאָס וואָרט צו ענט־פערן אויף דיא פראַגען און איז צוגעקומען צו רפאל'ס, האָט ער איהם געזאָגט, אַז וועגען דעם צו ריידען, מוז מען האָבען אַ בעזונ־דערן מיטינג און ניט איינעם, נור עטליכע. דער רעדנער האָט ערקלערט, אַז ער וועט דעריבער רפאל'ס פראַגע יעצט גאָר ניט פערענטפערן, און פון דעסטוועגען האָט ער, אַליין ניט בעמערקענדיג, אויף איהר גענומען ענטפערן און האָט אָבגערעדט העכער וויא אַ האַלבע שעה וועגען רעליגיאָן.

זיינע בעווייזע געגען אמונה האָבען אָבער רפאל'ן אַזוי גיך ניט גענומען, און ווען ער איז געקומען אַהיים, איז ער ביסלעכווייז פול געוואָרען מיט געגען־ראיות. וועלכע ער האָט מיט אונגעדולד זיך געקליבען צו בריינגען דעם רעדנער, ווען ער וועט איהם זעהן. אָבער איין בעמערקונג איז איהם אַריין טיעף אין געדאַנקען און האָט פון איהם ניט אָבגעטראָטען.

— דיא אמונה — האָט דער רעדנער געזאָגט — איז ביי דיא רייכע און ביי דיא הערשער איבערהויפּט אַ שלייער צו האַלטען

דיא אויגען פון דעם ארבייטער פערמאכט — ער זאָל ניט זעהן און ניט פערשטעהן וויא מען ראבעוועט פון איהם.

ווייטער האָט דער זעלבער רעדנער געשילדערט און מיט פאקטען בעוויעזען, וויא דיא רבנים מיט דיא גלחים האלטען פאר דעם רייכען און וויא דיא רייכע צאָהלען זיי געלט דערפאר.

ווענען דעם האָט רפאל געקלערט מעהר וויא פון אלעס. און ער איז אליין שוין געקומען אזוי ווייט, אז וועהרענד מיט'ן גאַנ־צען הארצען האָט ער נאָך געפיהלט, אז דיא אמונה איז „פאַרט אלל־רייט", האָט איהם ערגעץ־וואו פון א פערבאָרגענעם ווינקעלע עפּעס „געדופּעט" און איהם געשושקעט אין אויער: „נארעכצע, פון וואנען ווייסטו? טאָמער איז דאס טאקע א'ן איינגערעדטע זאך?"

ער האָט קוים דערלעבט זיך צו זעהן מיט וויקער'ען. ער האָט מיט איהם גערעדט און זיך געשפּארט, און וואָס מעהר ער האָט זיך געכטארעט צו בעווייזען, אז וויקער האָט אונרעכט, האָט ער אלץ שטארקער ביי זיך געפיהלט, אז זיין, רפאל'ס, הארץ גלויבט ניט אין וואָס זיין מויל רעדט צו זיין געגנער — אז ער גלויבט אזוי גלאט, אָבער אז בעווייזען מיט א שכל קען ער ניט. און אז ער ציטערט אפילו צו פרופען בעווייזען, אז עס הייבט איהם אָן צו פעדדריכען וואָס ער איז נאָר ארייגעקראָכען אין דיא ויכוחים, אז עס וואָלט א סך בעסער געווען, ווען ער וואָלט געבליעבען ביי זיין אלטע אידישע פיהרונג, ניט טשעפּענדיג און ניט ריהרענדיג דיא אמונה אין זיין הארצען מיט קיינע קשיות.

ער איז אָבער שוין פערקראָכען צו ווייט, ער איז נעבעך גע־גאַנגען אראָפּ באַרג, און עס האָט איהם געטראָגען אַרונטער־צו־געגען זיין איינענעם ווילען. ער האָט זיך געראַנגעלט, וויא א מוטער פאַר א בעליעבטע קינד, וואָס מען וויל ביי איהר אַוועק־נעהמען. מען האָט איהם אָבער ביינעקומען אין יעדען ויכוח, און, הגם ער האָט זיך אויף'ן אָרט ניט מודה געווען, פלעגט ער אָבער יעדעס מאָל גלייך אַוועקוואַרפען דיא ראיה, פאַר וועלכע ער האָט אקאָרשט מיט אזא עקשנות געקעמפּפט, און פלעגט זיך נעה־מען צו אן אנדערע.

אָבער ווער שטערט אייך צו זיין א פרומער איד און א

כאַציאַליסט? — האָט וויקער אַ מאָל ביי איהם געפרעגט, זעהענ־דיג וויא שווער רפאל'ן איז זיך צו זעגענען מיט זיין אמונה. — דער כאַציאַליזמוס אנערקענט רעליגיאָן פאר א פּריוואַט זאַכע, אין וועלכע דיא פּאַרטיי מישט זיך ניט. עס זיינען פאַראַנען אמת־פרומע אַמעריקאַנער, וועלכע זיינען אמת־טרייע כאַציאַליסטען.

— שטערט דען ניט איינס צו דאָס אַנדערע?

— ווארום זאָל דאָס שטערען? אַבי מען זאָל נור אַלץ מיינען מיט'ן גאַנצען הארצען, אָהן צבועצסטווע! אַ פרומער איד, וועלכער מיינט טאַקי דיא פרומקייט, אָהן פאַלשקייט, איז אונז, כאַציאַליסטען, יעדענפאַלס פיעל טהייערער וויא אַ'ן אפיקורוס וועלכער מאַכט זיך, אַז ער איז רעליגיעז, ווייל דאָס לוינט זיך איהם צו ביזנעס. מיין פאָטער איז געווען זעהר אַ רעליגיעזער מענש, זעהר אַ רעליגיעזער...

וויקער איז פלוצלונג אנשוויגען געוואָרען און האָט זיך אַזוי וויא פערטראַכט און עפּעס אַזוי וויא פערטרויערט אַביסעל. רפאל האָט אויף איהם געקוקט און געוואַרט. וויקער האָט גענומען ריידען גלאַט אַזוי, אָבער זיין צוהערער האָט איהם איבערגעשלאָגען דיא רייד.

—איהר האָט דאָך עפּעס אָנגעהויבען צו זאָגען וועגען אייער פאָטער — האָט ער איהם דערמאָהנט. רפאל האָט שוין פון לאַנג געדורשט צו וויסען עטוואָס פון וויקער'ס פערזענליכע געשיכטע. ער איז צו איהם צוגעבונדען געוואָרען מיט אַ געפיהל, וועלכען ער האָט צו קיין אַנדערן קיין מאָל ניט געהאַט. אָבער ווער ער איז פון דער היים, וואָס מיט איהם איז פריהער געוועזן, האָט ער ניט געוואוסט, און זיין נייגעריגקייט וועגען דעם איז געוואַקסען.

— מיין פאָטער? גאָר נישט, איך האָב נור געוואָלט זאָגען אַז ער איז געווען אַ זעהר פרומער מענש; אָבער זיין פרומקייט איז געווען אַ'ן עהרליכע — האָט וויקער זיך אָבגערופען — מיין פאָטער איז געווען אַ זעלטענער מענש. מ'ייר האָט ער אפילו קיין גוטעס ניט געטאָהן; ער האָט אָבער געטאָהן וויא ער האָט פערשטאַנען; קיין פאַלשקייט האָט אין איהם ניט געשטעקט אויף וואָס אַ האָר איז ווערטה. מיר ריידען דאָך אָבער נור וועגען זיין פרומקייט... פרומקייטען זיינען דאָ פערשיעדענע. ניט יעדע־

איז פרום אויף דעם זעלבען ארט. איינער איז פרום פראסט ווייל ער האט מורא מען זאל איהם ניט שמייסען אויף יענער וועלט. דאס איז טרוסליווע פרומקייט. אין איהר איז קיין פיצעל הארץ ניטא. דאס רוב פרומע מענשען זיינען אזוי פרום. א צווייטער סארט פרומקייט איז איינפאך א געוואהנהייט־זאך. א איד דא־ווענט, וואשט זיך צום עסען, בענשט, פאסט — איינפאך ווייל זיין טאטע האט איהם אזוי איינגעוואהנט פון קינדרווייז אויף. דאס אין דיא פרומקייט אויף פון א גרויסע מאסע אידען. דאס איז דיא פרומקייט פון מענשען, וואס דיינקען ניט און פיהלען ניט. זיי שטעלען זיך ניט פאר קיין גאט מיט קיין גיהנם מיט קיין פייער — גאר ניט. זיי האבען אייגענטליך ניט פאר וואס מורא צו האבען. זיי לעבען וויא א מאשין, אהן געדאנקען און אהן געפיהל, און זיי זיינען פרום וויא א מאשין. וויא מען האט זיי אנגעסטרויעט, אזוי געהן זיי.

— קען מען זיין פרום וויא א מאשין? וויא קען דאס ראכט זיך געמאלט זיין?

רפאל האט עפעס געוואלט אויסדריקען וואס ביי איהם האט זיך געפלאנטערט אויפ׳ן הארצען און ער האט ניט געוואוסט וועלכע ווערטער דערצו צו געברויכען. וויקער האט דאס אבער באלד אויס־געדריקט, און רפאל האט זיך צוגעהערט מיט א נחת׳דיגע בעגייס־טערונג, אזוי וויא זיין אייגען הארץ וואלט דורך זיין פריינד׳ס מויל דאס גערעדט.

— פאר וואס קען דאס ניט געמאלט זיין? — האט וויקער זיך אבגערופען. דער וואס האט ניט קיין מארך און קיין הארץ, דער האט ניט קיין מארך און קיין הארץ; דאט׳ס אלל! דיעזער קלאס פרומע מענשען זיינען אייגענטליך פרום ניט צוליעב זיך אליין, נור צוליעב אנדערע. איך מיין ניט דוקא אז זיי זיינען צבועקעס. ניט אלע זיינען זיי צבועקעס. צבועצסטווא איז א׳ן אנדער זאך, גאר א בעזונדערע זאך. איך מיין דאס דיעזע פרומא־קעס זיינען פרום הויפטזעכליך, ווייל זיי זיינען צו שוואך גייסטיג צו פיהרען זיך נאך זייער אייגענעם פערשטאנד אדער ווילען, און זיי טהוען אלץ ווייל אלע ארום זיי טהוען אזוי. זיי ציטערען אזוי פאר דער מיינונג פון דעם ארומיגען עולם, אז זיי מאכען

דיעזען אַרומיגען עולם נאָך וויא א'ן אַבעזיאַנע; נו, היינט וואָס בלייבט זיי אַליין שוין איבער צו בעטראַכטען, צו בעקלעהרען? דער ארומיגער עולם בעטראַכט אַלעס פאר זיי, בעשטימט פאר זיי וויא צו טהאָן דאָס, וויא זיך צו פיהרען אין יענעם. דער אַרומיגער עולם איז זייער מארך, דער אַרומיגער עולם איז זייער געוויסען. איך האָב פריהער געזאָגט, אַז דיעזער סאָרט פרומע מענשען זיינען אין זייער רעליגיאָן אַנגעסטרויעט וויא א מאשין; דער מאַשיניסט, וועלכע סטראָיעט זיי אָן איז דער אַרומיגער עולם; סמייעט אַ מאשין צו פרעגען קשיות ביי איהר מאַשיניסט? אזוי סמייען זיי. זיי געהען וויא מען האָט זיי אַנגעסטרויעט. פיעלע פון זיי פערשטעהען, אַז דיא גאַנצע רעליגיאָן איז אַ קינדערשע געשיכטע, אין זייערע הערצער לאַכען זיי זיך אויס פון דעם דאַוונען, פון דעם פאַסטען, מיט דיא אַלע צערעמאָניעס. זיי סמייען אָבער זיך ניט ארויס־צו־ווייזען. ציהען אויף זיך דיא אויפמערקזאַמקייט פון דיא שכנים? מאַכען, אַז מען זאָל ריידען וועגען זיי? אָה, ניין! זיי וועלען בעסער פאַרטראָגען אַלעס אין דער וועלט, נור דאָס ניט! זיי וועלען אין הארצען מאַכען חוזק פון זיך אַליין, אבי זיך פיהרען וויא אַלע מענשען, אבי געהן וויא דער מאַשיניסט האָט זיי אַנגעצויגען!

— און קיין אמת'ע פרומע זיינען שוין ניט? — האָט רפאל געפרעגט מיט אַ מין רחמנות־פנים, וועלכער האָט וויקער'ן אַ ביסעל געריהרט. — איך מיין מענשען, וואָס זיינען טאַקע פרום מיט'ן גאַנצען הארצען, און וואָס האָבען טאַקע אַ הארץ; אָט אַזוי וויא אייער טאַטע — האָט ער צוגעלעגט מיט זיין געוועהנליכען חשק צו ריידען וועגען דעם, וואס איז שייך צו וויקער'ס פאַמיליע, צו זיין פערזענליכען לעבען, צו זיין פערגאַנגענהייט.

— 'ווען איינער האָט אַן אמת'ע הארץ, אַ וואַרימע הארץ, און קיין דענקער איז ער נאָך ניט, דאַן... דאַן איז זיין רעליגיאָן אַ מין פּאָעזיע ביי איהם; אַ שעהנע שטיק מוזיק איז ביי איהם זיין אמונה. ער ליעבט זיין גאָט מיט אַ וואַרימע, הארצע־דיגע ליעבע. דער גן עדן, דיא מלאכים מיט דעם כסא הכבוד מיט דיא אַלע נאַרישקייטען שטעלען זיך איהם פאָר וויא ערהאַבענע בילדער. ווען אזא איד דאַוונט, זינגט זיין נשמה

אין איהם. מיין טאטע פלעגט אזוי דאוונען. זיין ליעבער בע־גייסטערטער קול קלינגט מיר נאָך איצט אין די אויערען וויא א זיסער נגון. דענסטמאָל (ווען איך בין שוין געווען פריי־געזאָגען) פלעג איך לאַכען פון איהם, אָבער פאר א צבועק איהם האלטען —דאָס האָב איך קיין מאָל ניט. איך האָב געוואוסט, אז ער מיינט אלץ מיט'ן גאַנצען הארצען, אז ער איז בעגייסטערט, פארטיעפט, בעצויבערט פון דעם.

ווען רפאל וואָלט זיך ניט געשעהמט, וואָלט ער איהם צו־געדריקט צו זיך און געהאלזט און געקושט.

— הייסט עס, אז איך קען מיר בלייבען א איד וויא פריהער און זיין א סאָציאַליסט אויך ? — האָט ער געזאָגט, קנאקענדיג די פינגער פון התלהבות איבער וויקער'ס רייד און איבער ווי־קער'ן גופא.

— פאר וואָס ניט ? ! — האָט וויקער געענטפערט דריקענ־דיג דעם וואָרט „ניט". — איהר וועט אָבער ביי אייערע יעצטיגע רעליגיעזע געדאַנקען לאַנג ניט בלייבען. אז מען הייבט אָן צו דיינ־קען, קען שוין דאס לאַנג ניט אָנהאַלטען.

— און ביי מיר וועט זיין אַנדערש... אָט וועט איהר שוין זעהן....

— אָלל־רייט — האָט וויקער געענטפערט מיט א שמייכעל— וויא איהר וועט ניט זיין, צי פרום צי ניט, רעספּעקטירען וועט מען אייך יעדענפאַלס דארפען. איהר טהוט געווים אַלץ פון גאַנ־צען הארצען, ראַדעצקי. וואָס, וואָס — קיין צבועק זייט איהר אודאי ניט. הלואי וואָלטען אַלע געווען אזוי וויא איהר.

רפאל איז א ביסעל רויט געוואָרען פון פארשעמטקייט; אָבער די אויגען האָבען ביי איהם געבלישצעט און די ליפּען געשמייכעלט, וויא ביי א אינגעל, ווען ער בעקומט א קאָמפּלימענט פון זיין רבי'ן.

— צבועק'עס זיינען פאַראַנען פארשיעדענע סאָרטען — האָט וויקער ווייטער גערעדט, פּלוצלונג פארטראַכטענדיג זיך. — וועגען דעם פּאַלנעם צבועק, וואס הייבט ניט אן צו גלויבען און מאַכט זיך, אז ער איז פרום, איז דאָך שוין ניטאָ וואס צו ריידען. א סך מענשען גלויבען אָבער יע, און דאָך זיינען זיי צבועקעס.

צום ביישפיעל: זיי גלויבען טאַקי, אז מען דאַרף לאַנג שטיין שמונה עשרה ; פון דעסטוועגען, ווען קיינער איז ניטאָ דערביי, האָבען זיי קיין געדולד ניט צו שטיין לאַנג ; נור אין שוהל, ווען אלע קוקען, נור דאַן מאַטערען זיי זייערע פיס און זייער געדולד, אום מען זאָל זעהן וויא פרום זיי זיינען. אָבער אין זייער שמונה עשרה האַלטען זיי אין זינען ניט גאָט, נור דעם עולם. „אָט זעהען זיי וויא לאַנג איך שטיי שמונה עשרה“, טראַכטען זיי זיך. ניט גאָט דיענען זיי, אַלזאָ נור דעם עולם. עס זיינען פאַראַנען א סך אמת פרומע אידען, וואָס ווילען טאַקי דאַווענען מיט התלהבות, און וואָס פון זייער התלהבות קומט אַרויס ניט מעהר וויא קאָקעטעסטוואָ. זיי קוועטשען מיט דיא אויגען, שאָקלען זיך, וואַרפען זיך, פאַטשען מיט דיא הענט, זיפצען און קרעכצען — אַלץ פאַר לייטען, אַלץ ניט פאַר גאָט. זיי זיינען פונקט וויא א קאָקעטקע א פרוי, וועלכע וואַרפט מיט דיא אויגען, דרייט מיט דיא זייטען, פאַרגייט זיך אין ריידען אום צו געפעלען מענער. דיא קאָקעטקע זאָגט אָבער וויי־ניגסטענס ניט, אז דאָס איז פאַר גאָט....

רפאל האָט א לאַך געטאָהן.

וועלל, איך האָב געקענט א אידען, — ביי אונז אין שטאָדט— וועלכער פלעגט וויינען מיט הייכע טרעהרען ביי'ן דאַווענען; אויף'ן קול פלעגט ער וויינען, און דיא טרעהרען האָבען זיך ביי איהם טאַקי געגאָסען אויך. אלע האָבען איהם געהאַלטען פאַר א גרויסען ירא שמים.... אָבער איך האָב אימער געפיהלט, אז ער בלאָפט פאָרט. ער איז פראָסט געוועזן א גוטער אקטיאָר.... וויניג אמת'ע טרעה־רען זעהען מיר אין טעאַטער?.... און אַזעלכע אַקטיאָרען זיינען דאָ א סך. יעדער שפיעלט דיא קאָמעדיע אויף זיין בעזונדערען אופן....

רפאל האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ מיט גרויס אינ־טערעס — ריכטיג וויא גאָלד! — האָט ער אויסגעשריען.

— יע, אָבער ווייסט איהר, ראַדעצקי, ווער עס איז דער גרעסטער אַקטיאָר, דער גרעסטער צבועק פון אלע?

— ווער?

— דער גאַנצער עולם צוזאַמען! אָט דער מאַשיניסט, וואָס סטראָיעט אָן דיא מאַשינקע.

רפאל האָט ניט פארשטאַנען וואָס וויקער מיינט דאָ, און וויקער האָט איהם אַזוי ערקלעהרט:

— דער אידישער גאָט ערקלעהרט דאָך אויסדריקליך, אַז „בין אדם לחברו" איז איהם פיעל וויכטיגער וויא „בין אדם למקום", — אַז דיא זינד וואָס מען טהוט געגען מענשען זיינען פיעל גרעסערע זינד וויא דיא וואָס מען טהוט געגען איהם, גאָט, אַליין. יום כפור פארגיט ער נור דיא זינד געגען איהם אַליין, אָבער דיא זינד וואָס דער מענש טהוט געגען אַנדערע מענשען פארגיט ער אפילו יום כפור ניט. נו, היינט אויב דער עולם איז ווירקליך פרום, טאָ פאר וואָס איז דאָס, אַז אַזוי פיעל גנבים און מערדער האַלט מען פאר הייליגע מענשען דערפאר וואָס זיי היטען אָפּ צו גיין אין שוהל, און שטייען לאַנג שמונה עשרה? דער פרימסטער איד ביי אונז אין שטאָדט איז געוועזען א פּראָצענטניק. מען האָט איהם ווירקליך געהאַלטען פאר א צדיק. ווייסט איהר פאר וואָס? וויל ער פלעגט יעדען טאָג ביז 12 אוהר זיצען אין בית המדרש אין טלית און תפילין און לערנען. דאָס אַלזאָ איז געוועזען זיין חשבון מיט גאָט; און זיין חשבון מיט לייטען? אין דיעזע חשבונות זיינע איז ער פּראָסט געוועזען אַ קאַלטער גזלן. דיא בלוט פלעגט ער אויסצאַפּען; קיין פּיצעל רחמנות האָט ער ניט געוויזען. הונדערטע קרעמערלעך האָבען זיך ביי איהם געצאַפּעלט וויא פליעגען צאַפּ־לען זיך ביי אַ שפּין אין נעץ; און גאָר ניט! דיא פליגען און דער שפּין האָבען געדאַוועט אין איין שוהל, צו איין גאָט, און דער עולם האָט דעם שפּין גערופען צדיק! און גאָט האָט אויס־געהערט ביידען'ס תפלות, און.... דעם שפּין האָט ער געהאָלפען ווייטער זויגען דיא בלוט, און דיא פליגען האָט ער נור געגעבען אַזוי פיעל בלוט, אַז דער שפּין זאָל האָבען וואָס צו זויגען.... אָבער אויף דעם האָט דאָך גאָט שוין זיין געוועהנליכען תירוץ: אויב דיא פליעגען זיינען דיא אמת'ע צדיקים, קומען זיי דאָך טאַקי אָפּ אויף דער וועלט! און אויב דער פּראָצענטניק איז א גזלן, א רשע, באַקומט ער אַלדאָס גוטס אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט וועט מען מיט איהם זיך שוין אָברעכענען פאר אַלעס!... ניט וועגען גאָט, נור וועגען לייטען רייד איך. זיי ווייסען דאָך, אַז איין פערברעכען געגען מענשען איז נאָך דער רעליגיאָן נאָך

גופא א שווערערע זינד וויא טויזענד מאָל פארפעהלען צו דאוונען. זיי, דער עולם פון אונזער שטאָדט, האָבען דאָך געוואוסט, אַז דיעזער פּראָצענטניק איז א מערדער; זיי האָבען דאָך געוואוסט, אַז זיינע הענט זיינען באפלעקט מיט דיא בלוט און מיט טרעהרען פון הונדערטע פאמיליען; זיי האָבען געוואוסט, אז, ווען ער זיצט איינגעוויקעלט אין זיין טלית ביי דער גמרא, זיצט דאס א גנב, א גאָרגעל - שניידער איינגעוויקעלט אין זייער גאָט'ס טלית און שאָקעלט זיך ביי זייער גאָט'ס גמרא; און פון דעסטוועגען האָבען זיי איהם געהאַלטען פאר א צדיק... נו, איז דאָס ניט קיין צבועצסטוואָ? יא, דאָס איז ק אָ ל ל ע ק ט י וו ע צבועצסטוואָ, די זעמטליכע צבועצסטוואָ פון אַ גאנצען עולם אין איינעם גענומען.

— אָבער מסתמא האָט דער פּראָצענטניק דאָך געגעבען צדקה! — האָט רפאל כמעט זיך געבעטען ביי וויקער'ן.

— הא? וואָס? צדקה? יע, יע, יע! דאָס האָט ער טאקי געטאָהן! — האָט וויקער געענטפערט מיט א ווילדען מין שפּאָט. פאר יעדע צעהן - רובעלדיגע וואָס ער האָט אויסגעצאַפּט פלעגט ער פרייטאג געבען אַן אָרימאַן אַ גראָשען. דריי רובעל פלעגט ער יעדע וואָך צובייטען אויף גראָשענס, און צו־טהיילען. ביי איהם אויפ'ן הויף פלעגט זיין א סציסק פון ארימע לייט, אַז עס האָט געהאַט א שם אין אלע ארימיגע שטעדטלעך. און... איהר וועט אפשר מיר ניט גלויבען, עס איז אָבער אַן אמת: איי־נער פון זיינע פליעגען, פון דיא קרבנות, ביי וועלכע ער האָט אויסגעצאַפּט דיא בלוט, איז בלינד געוואָרען פון צרות און איז דערנאָך געוואָרען א בעטלער, און ער פלעגט קומען צו דעם פּראָ־צענטניק נאָך אַ גראָשען צוזאַמען מיט דיא איבעריגע... צדקה! דיא רעליגיאָן האָט מיט דעם וויינינגסטענס געמיינט הילפע פון איין מענשען צו דעם אנדערן; האָט מען אָבער אפילו דאָס אויך איבערגעדרייט אויף א מצוה פון מענשען צו גאָט! וואָס פאר א הילף שטעקט אין דעם גראָשען? וואָס פאר א הילף שטעקט אין דעם, וואָס מען לאָזט מענשען זיך ארומשלעפּען איבער דיא הייזער? זיי פארליערען דערביי אי דעם קערפּער אי דעם גייסט. זיי געוואוינען זיך צו קושען דיא האנד, צו בעטען זיך מיט טרעהרען מען זאָל אויף זיי רחמנות האָבען; וועריס

מאכט מען פון מענשען. רופט איהר דאָס הילפע? ניין, ראדעצקי. דיעזער זאָרט צדקה איז א בלאָף, אויך א צערעמאָניע; אויך א „מצוה" פון מענשען צו גאָט, ניט פון מענשען צו מענשען! דער זעלבער פראָצענטניק פלעגט געבען געלט אין קלויז אויף נייע ספרי־תורות, אויף נייע הייזער־לייכטער. דאס איז געווען צדקה צו גאָט, אָבער דערביי האָט מען כאָטש ניט געבלאָפט. מען האָט דאָס ניט גערופען „צדקה". הילף פאר מענשען! אָבער דער גראָשען, וואָס ער האָט געגעבען פון דיא אָנגעראבעוועטע צעהן־רובעלדיגע — דאָס האָט געהייסען „צדקה", הילף צו מענשען!... נו, פרעג איך אייך, ראדעצקי, איז דער עולם ניט קיין קאָללעקטיווער צבועק?

רפאל האָט ווידער צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אָבער דיעזען מאָל מיט א טרויעריגע מינע.

— אָבער דאָס אַלעס איז נאָך אויך ניט אַלעס — האָט וויקער ווייטער זיך א כאָפּ געטאָהן ריידען. — אז מען זאָל בע־טראכטען דיא פראגע פון צדקה גרונטיגער, קומט אויס, אז דאָס איז גלאט ביזנעס. נעהמט דיא שטאָדט ניו - יאָרק, צום ביישפיעל. דאָ געפינט איהר א סך מיליאָנערען, וועלכע גיעבען שוין צדקה ניט גראָשען - ווייז, נור טויזענדער - דאָללאר - ווייז. זיי האַלטען אויף האָספיטעלער, אלערליי הילפס - אנשטאַלטען.... אָבער בע־טראכט וואָס דאָ איז. ווען דער ארבייטער ארבייט, מוז ער האָבען צום לעבען. זיין לעבען איז א צרה'דיגער, אָבער דאָס, צו וואָס ער איז צוגעוואוינט, מוז ער האָבען; אז ניט, קען ער ניט ארבייטען. מען גיט איהם אלזאָ וויידזשעס פונקט וויא פיעל עס איז איהם נויטיג פאר זיינע באדערפעניסען. דעם קאפיטאליסט'ס אינ־טערעס איז אלזאָ, אז דיעזע באדערפענעסען זאָלען זיין וואָס קלענער. נו, טאָמער ווערט דער ארבייטער קראנק, למשל, און ער דאַרף א דאָקטאָר מיט רפואות? אלזאָ וואָלט מען דאָס אלעס מוזען אריינרעכענען אין דעם אַרבייטער'ס באדערפעניסען, ניט אמת? היינט אָבער, אז עס זיינען דאָ האָספיטעלער, איז דער ארבייטער ניט קראנק אהין צו געהן! ווערט שוין דיעזע הוצאה פון דעם באדערפענעסען - צעטעל אויסגעמעקט; קען מען איהם שוין גע־

בען וויינינגער ווײדזשעס. דער געוועהנליכער פאַבריקאַנט גיט אויפ׳ן האָספּיטאל אפשר עטליכע דאָללאַר א יאָהר, און געווינען געווינט ער דערביי אפשר הונדערט..... ניט קיין שלעכטע ביזנעס, וויא איהר זעהט ! עס פארשטייט זיך, עס זיינען פאַראַנען קאַפּיטאַליס־טען, וואָס גיעבען צדקה פון גאַנצען הארצען, און טאַקי פיעל מעהר וויא דיא נוץ וואָס זיי אליין האָבען דערפון (הגם פיעלע פון זיי טהוען דאָס אויך פון קאָקעטססטוואָ, אום א שעהנעם נאָמען צו קריעגען ; און אפשר טאַקי אויך אום צו אַדוועטייזען זיך און צוזאַמען מיט זיך זייער געשעפט. „מיסטער בראון האָט געבויט א האָספּיטאל" — נו, פרעגט מען: „וועלכער בראון ? אָט דער וואָס פאַבריצירט קאָרסעטען"). אָבער נעהמט דעם גאַנצען קאַפּי־טאַליסטישען קלאַסס אין סך הכל, וועט אויסקומען, אז דיא צדקה וואָס ער גיט, איז פאַר איהם אַליין נוצליכער וויא פאַר דיא, וועלכע בענוצען זיך מיט דעם.

וויקער איז אנשוויגען געוואָרען. רפאל איז געזעסען און געוואַרט ביז ער וועט ווייטער ריידען, אָבער פּלוצלונג האָט ער אַליין ארויסגעזעצט :

— הערט נאָר אבער, וויקער׳ל, א געזונד אין אייך, וויא קען דאָס זיין, אז אַזאַ וועלט זאָל איבער זיך קיין גאָט ניט האָבען ? דאַכט זיך מיר זעהען, אז פון זיך אליין ווערט קיין זאַך ניט גע־מאַכט. אָט טראָגט איהר א ראָק. קען ער זיך מאַכען פון זיך אליין? אַזאַ וועלט, אַזעלכע וואונדערען, אַזעלכע בוימער, אַזאַ הימעל מיט שטערען, מיט, מיט, מיט....

— נו, איז וואָס ? איז דאַריבער מוז דער וואָס האָט דאָס אַלעס געמאַכט, זיין אַזאַ מין וועזען, וואָס איז אין כעס, ווען איהר דאַוועט ניט, אַזאַ וועזען, וואָס האַלט שטענדיג אין באַריהמען זיך מיט זיין גרויסקייט? דערמאָנט זיך נור וויא דיא תורה שטעלט פאָר דעם רבונו־של־עולם ? א בעל־גאוה, א באַריהמער, א בייזער, וועלכער סטראַשעט שטענדיג, אז אויב איהר וועט איהם ניט אָבגעבען קיין כבוד, וועט ער אייך צורייבען אויף אש.... איבער־הויפט קענט איהר דאָך בעמערקען, ראַדעצקי — איהר זייט דאָך א מענש מיט א קאָפּ — איבערהויפט קענט איהר באַמערקען, אז דער גאָט פון דער **תורה** ווערט פאָרגעשטעלט מיט דיא אַלע געפיה־

לען וואס א מענש האָט: ליעבע, קנאה, צופרעדענהייט, ראַכע - דורשט, גאוה... נו, האָט דאָס א טעם? אויב דאָס איז דיא קראַפט, וועלכע האָט אלעס און אלעמען בעשאַפען, איז דאָך דאס וויינינגסטענס א פיעל וויכטיגערער מין זאך וויא מיר. היינט וויא קומט דאס צו זיין פונקט וויא מיר?.... איך רייד שוין ניט וועגען דעם, דאס אזא הויכען, אזא געוואלדיג מעכטיגען וועזען וואָלט איינפאַך ניט אָנגעשטאַנען זיך צו רעכענען מיט אזעלכע מילבען וויא מיר מענשען זיינען, צי מיר גיעבען איהם אָב כבוד צי ניט.... נור לאָמיר דאָס אוועקוואַרפען. איך וויל מעהר ניט, אז איהר זאָלט בעמערקען, וויא אונזער גאָט איז א מענשליכער זאָרט גאָט. ער האָט דיא זעלבע געפיהלע וויא מיר....

— בעסער לאָמיר דאָס אין גאַנצען אוועקוואַרפען — האָט זיך רפאל געבעטען מיט א מינע וואָס האָט געוויזען, אז דער גע־שפרעך קריינקט איהם זעהר — לאָמיר בעסער ריידען וועגען אן אַנדער זאַך.

— ענטשולדיגט מיר, ראַדעצקי, איך וויים אז אייך איז ניט אנגענעהם צו הערען וואָס איך זאָג וועגען אייער גאָט. איך האָב צו אייערע געפיהלען דעם גרעסטען רעספעקט. איהר מוזט מיר אָבער לאָזען ענדיגען מיין געדאַנק. איך בעט אייך... אז מען לעזט וועגען פערשיעדענע פעלקער פון פערשיעדענע צייטען, זעהט מען, אז יעדער פאָלק שטעלט פאַר גאָט אַנדערש, — יעדער נאָך זיין אייגענעם לעבען נאָך. ביי דיא גאַר - פאַרצייטיגע אָדער היינ־טיגע ווילדע פעלקער האָט גאָט א מאָל דיא פאָרמע פון א פיש, פון א הירש, אָדער פון א שעפס — עס ווענדט זיך וואָס עס שפיעלט דיא וויכטיגסטע ראָללע אין דעם פאָלק׳ס לעבען: צי פיש, צי הירשען, צי שעפסען. עס איז פאַראַן אן אַלטער ווערטעל: ניט גאָט האָט בעשאַפען דעם מענשען „בצלמו“, נאָך זיין אייגענע געשטאַלט נאָך, נור פאַרקעהרט: דער מענש באַשאַפט א גאָט נאָך זיין מענשליכע געשטאַלט, יעדער זאָרט מענש נאָך זיין אייגענעם לעבען נאָך. דאס איז א וויץ. עס איז אָבער אמת ריכטיג. נעהמט אַלע היינטיגע רעליגיאָנען. צעהנדליגע, אייגענטליך הונדערטע, רעליגיאָנען זיינען דאָ. יעדע רעליגיאָן שטעלט זיך פאַר איהר אייגע־נעם זאָרט גאָט, פון וועלכען דיא איבעריגע לאַכען אָפּ. אין לאָנדאָן

האָט א מאָל א פריידיינקענדער מאן געהאלטען א רעדע, האָט איהם איינער פון פובליקום מיט כעס אונטערבראָכען, האָט דער רעדנער איהם אָפּגעענטפערט:

„עס זיינען פאַראַנען, לאָמיר זאָגען, 75 רעליגיאָנען. איהר זאָגט, אז 74 פון זיי זיינען פאַלש, און נור איינע — אייערע — איז ריכטיג. נו, און איך זאָג, אז אלע 75 זיינען לעכערליך. דער אונטערשיעד צווישען אונז ביידען איז אלזאָ בלויז וועגען איינע אין א פראַגע וועגען גאנצע 75; היינט לוינט זיך אין כעס צו ווערען איבער אזא קליינעם אונטערשיעד צווישען מיר מיט איך?

רפאל האָט זיך צולאַכט, ניט ווילענדיג קוועלענדיג פון דעם אנעקדאָט — אָה, איהר האָט שוין וואָס צו ענטפערען, נעוזער מיין! — האָט ער געזאָגט — קיין ווערטער פעהלען איך שוין ניט אויס, אויף מיר געזאָגט געוואָרען; אבער איך וועל פאַרט בלייבען ביי מיין רעליגיאָן. אָט וועט איהר שוין זעהן...

— אָל־רייט. ווען אלע רעליגיעזע מענשען וואָלטען געווען וויא איהר, וואָלט שוין ניט אויסגעמאַכט. דער אונגליק איז אָבער, אז אונטער דעם נאָמען רעליגיאָן ווערט אָבגעטאָהן אַזוי פיעל מערדעריי. און דאָס וויכטיגסטע איז, וואָס דער קאַפּיטאַ־ליסטישער קלאַסס מאַכט פון דער רעליגיאָן א וואפע צו העלפען פערשקלאַפען דיא ארבייטער, זיי צו פאַרבלענדען, זיי צו פערטומ־לען דיא קעפּ מיט א געדאַנק, אז גאָט וויל, אַז זיי זאָלען זיין אָרים און יענער רייך, אז זיי זאָלען שקלאַפען פאַר יענעם און ניט סמייען אפילו צו שטעלען זיך דאַגעגען. דיא ברויט־פראַגע איז דיא הויפּט־פראגע אויף דער וועלט. זיא איז דער פונדאַמענט פון אלע אַנדערע פראַגען, פּאָליטישע, רעליגיעזע — אלערליי. דער וואָס האָט א פּאָלק'ס ברויט אין האנד, יענער האלט זיין רעליגיאָן... דער קאַפּיטאַליסט קויפט אָפּ דיא גלחים מיט דיא רבנים פּונקט וויא ער קויפט אָפּ דיא פּאָליטיקער, דיא רעגיערונגס־לייט. ער האַלט זייער ברויט אין האַנד, און זיי דיענען איהם טריי... מען בויט קירכען, שוהלען... מיליאָנערען גיעבען געלט אויף דעם, און מען רופט זיי דערפאַר אויך בעל־צדקות... זיי גיעבען אויך געלט צו בויען קאַזאַרמעס פאַר דיא מיליץ. זיי דאַרפען ביידע זאַכען האָבען... טאָמער וויל דער ארבייטער סטרייקען, דרשנ'ט דער גלח

אין דער קירכע אָדער אין שוהל, אז סטרייקען איז אַן עבירה, אז מען מוז זיין רוהיג, שטיל, פאָלגען, אַלץ מקבל באהבה זיין; און טאָמער איז דער ארבייטער א יונגאטש, און סטרייקט פאָרט, שיקט מען נעגען איהם ארויס מיליץ איהם צו שיסען, און אויב ער וועט זיך שטארק צו־בונטעווען, וועט מען אויף איהם שיסען פון דיא קאזארמעס מיט הארמאטען (ניט אומזיסט בויט מען דיא מיליץ קאזארמעס היינט פונקט וויא פעסטונגען). דיא קאזארמע און דיא קירכע זיינען אַלזאָ אַלץ איינס. ביידע זיינען נויטיג דעם קאפיטאליסט געגען דיא ארבייטער: איינע צו טוידטען זיין קערפער; דיא אנדערע צו טוידטען זיין מארך, זיין גייסט....

— און איך וועל פאָרט בלייבען ביי מיין רעליגיאָן! — האָט רפאל א געשריי געטאָהן מיט א הילפלאָזען מין להכעיס.— עס לייגט זיך מיר פאָרט ניט אויף׳ן שכל וויא אזוי א וועלט קען זיין פון זיך אליין... אימיצער האָט דאָך דאָס אַלץ געמוזט מאַ־כען. וויא קען דאָס זיין, אז אזאַ קליינינקייט וויא א ראָק, א טיש, א העט מוז מען מאכען, און אזאַ זאַך וויא, וויא, וויא — א הימעל, למשל, אָדער דעם ים אָדער... מאלע וואָס!... זאָל גע־מאכט ווערען פון זיך אליין?

וויקער האָט געזעהן דיא צוהיצטקייט, דיא פערצווייפלונג, מיט וועלכע זיין פריינד האָט דאָס אלעס אויסגערעדט, און ער האָט אויף איהם רחמנות געהאט. מיט א גאנץ מילדען פריינד־ליכען טאָן, א־יי וויא לאסצענדיג זיך צו איהם, האָט ער צו איהם געזאָגט:

— שפעטער, אז איהר וועט זיך בעטראכטען, ראדעצקי, וועט איהר זעהן, אז אזאַ קשיה איז קיין קשיה ניט. אייער קשיה איז: וויא באלד אז אזאַ אונוויכטיגע זאך וויא א טיש מוז האָבען א בעל מלאכה, היינט א פשיטא שוין אזאַ אונגעהייער גרויסע און וואונדערבארע זאך וויא דער ים דארף דאך אודאי אויף זיך האָבען א בעל מלאכה, א שעפפער.

רפאל האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— וועלל, אויב אזוי איז דאך גאָט נאך א פיעל מאָל גרע־

סערע, וויכטיגערע און וואונדערבארערע זאך, דארף דאך אודאי זיין אימיצער, וואס האט איהם געמאכט. היינט ווער האט בע־שאפען גאט?

— אך, וואס רעדט איהר, וויקער? וויא קומען אזעלכע קינ־דערשע רייד צו אייך? — האט רפאל געשריען — אויף דערויף איז ער דאך דער גרעסטער, דער וויכטיגסטער, דער וואונדערבאר־סטער, דאס ער איז ניט וויא אלץ, דאס ער קען יע זיין פון זיך אליין.

— אלל ־ רייט. לאמיר אננעהמען, אז ער האט זיך אליין בעשאפען. און וואס איז געווען פריהער איידער ער האט זיך בע־שאפען. וואו איז ער דאן געווען? וויא אזוי האט ער זיך גענומען? פון גאר ניט? ערקלעהרט זיך דאס אלעס וויקער. נור נארט זיך ניט אליין. דער גרעסטער אפנארער פון דעם מענשען איז אפט ער אליין.... וואו־זשע האלטען מיר? אז דיא גארנישט האט בעשאפען דעם רבונו של עולם! א שיינער רבונו של עולם איז דאס אז א גארנישט קען איהם בעשאפען!

— רעדט ניט אזוי; וואס קומט אייך ארויס אז איהר רעדט אזוי? — האט רפאל זיך געבעטען אזוי וויא איינער בעט זיך, אז מען זאל אויפהערען צו קריצען מיט א נאגעל איבער א שויב.

— אלל־רייט, איך וועל מעהר אזוי ניט ריידען, — האט וויקער געענטפערט, א ביסעל מיט פערשעמטקייט, א ביסעל מיט שפאס, — איך וויל בלויז איהר זאלט דאס אלץווירקליך בע־קלעהרען, ראדעצקי. בארעכענט: אויב עס איז מעגליך אז גאט זאל ו ו ע ר ע ן, גלאט ווערען, פון זיך אליין, און מען דארף קיין קשיות ניט פרעגען, וויא דאס קען זיין, היינט וואר־רום זאל מען שוין אויך ניט זאגען, אז אלץ אויף דער וועלט ו ו ע ר ט פון זיך אליין? פאר וואס פרעגט איהר וועגען דעם קשיות און גיט אזא משל וויא מיט דעם ראק אדער דעם טיש?

— אבער גאט איז גאר קיין מאל ניט געווארען; ווער זאגט דאס אז ער איז ווען עס איז געווארען?! — האט זיך רפאל א כאפ געטאן מיט א נייעם פלאקעריל פון זיעג אין זיינע אויגען, — גאט איז דאך אייביג. ניט ער האט ווען עס איז געהאט

אן אָנהויב, ניט ער ווערט ווען עס איז האָבען א סוף. ער איז אימער געווען און וועט אימער זיין.

— און וואָס איז געווען פאר דעם „איממער“?

— וויא הייסט וואָס? איממער און איממער און איממער אָהן א שיער און אָהן אַן ערך.....

— און איהר קענט זיך דאס טאקע פאַרשטעלען, ראדעצקי? אז איהר זאָגט שוין צוואנציג מאָל איממער, ווילט זיך אייך ניט פרעגען: „און וואָס איז נאָך פריהער געווען“?

רפאל האָט זיך פארטראכט א ביסעל און האָט מודה געווען, אז עס איז אמת, — אז וויא פיעל מיליאָנען יאָהרען פריהער ער זאָל זיך ניט פאָרשטעלען, ווילט זיך אַלץ פרעגען: „און נאָך פריהער וואס איז געווען?“ אָבער גלייך דערביי האָט ער אויסגעשריען:

— אָבער וואָס מאַכט דאס אויס? אַז מיר מיט אונזער קליינינקע מענשעשע קעפּעלע קענען דאס זיך ניט פאָרשטעלען, דעריבער איז וואס? דעריבער איז קיין גאָט ניטאָ?

— טאָ פאַר וואָס רעדט איהר ניט אַזוי ווען איהר שטעלט זיך די פראגע: ווער בעשאַפט דעם ים, דיא מענשען, דיא גראז? מאָלע וואָס מיט אונזער קליינע קעפּעלע קענען מיר ניט פארשטיין וויא אַזוי דאס ווערט! דעריבער דארפען מיר אין אונזער געדאנקען בעשאַפען אַ גאָט וואָס מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלען וויא אַזוי ער איז געוואָרען? מיט וואָס ווערט אונז פון דעם גרינגער? אַנשטאָדט ניט צו פארשטיין וויא אַזוי עס ווערט דיא גראָז, צום ביישפּיעל, פערשטייהען מיר ניט וויא אַזוי עס ווערט דער בעשאפער פון דיא גראָז — גאָט; דאט'ס אָלל. אָבער וועגען דיא גראז דערגעהן מיר ביסלאכווייז וויא אזוי דאס ווערט. דיא וויסענשאַפט איז ניט דערגאנגען אלע כודות פון דער נאטור, און וועט קיין מאָל ניט דערגיין אויך, אבער א סך דערגייט זיא יע, און וואָס ווייטער אַלץ מעהר. מיט גאָט איז אָבער אנדערש. וועגען איהם דערגיין טאָר מען ניט. צו פרעגען קשיות פון וואַנען ער האָט זיך גענומען, וויא אזוי ער איז געוואָרען, איז אַן עבירה. מען מוז האַלטען מויל, אַז ניט סטראַשעט אייך גאָט צו ברענען און צו בראטען אין זיין גיהנום. אויב ער איז אזא מעכטיגער און אזא

אויביגער, טאָ וואָס האָט ער מורא פאַר קשיות?.... נור ענטשולדיגט מיר, אייך איז ווידער ניט אָנגענעהם.

— נאָך אַ זאַך, ראַדעצקי, איהר זאָגט, אַז דער טיש מוז געמאַכט ווערען. פון וועמען? פון דעם סטאָלער? מאַכט דען דער סטאָלער טאַקי דעם טיש? דיא האָלץ אויך? קומען מיר דאָך צו דעם בוים. און מיט וואָס איז דאָס דעם בוים גרינגער צו ערקלערען וויא דעם הימעל מיט דעם ים? ווער זאָגט דאָס, אַז יעדע אונוויכטיגע זאַך מוז האָבען אַ בעל מלאכה? וואָס דאַרף מען אַ וויכטיגער וויכטיגע זאַך וויא אַ גרעזעלע? האָט זיא אַ בעל מלאכה אויף זיך? און איז דיא גרעזעלע אַ קלענערער וואונדער וויא דער ים?....

— איך פאַרשטיי וואָס איהר מיינט, וויקער. איך ווייס אַז איך וועל זיך מיט אייך ניט ספּראַווען. עס מאַכט אָבער ניט אויס. ביי מיין רעליגיאָן וועל איך בלייבען.

וויקער האָט אַ שמייכעל געטאָהן.

— איך פלעג אויך אַ מאָל אַזוי זאָגען... פונקט אַזוי; עס זאָל נאָך פעהלען אַ האָאָר... איך האָב זיך געראַנגעלט מיט זיך אַליין. דיא איינגעוואָרצעלטע רעליגיאָן איז געווען צו טיעף איינגעקרעפּעוועט אין האַרצען. אַזוי פיעל יאָהר איז דאָס געווען אַזוי זיס, אַזוי שעהן, אַזוי טהייער; און דאָ וויל מען דאָס פּלוצלונג צוברעכען און צושטעכען. עפּעס אַזוי וויא אַ הערליכע רייכע וואַזע וואָלט מען פון העלער הויט געוואָלט אַראָבשליידערען פון איהר פונדאַמענט, צובראַזגען אויף פּיצלעך... דיא רעליגיאָן —דאָס איז דאָך אַי דיא פּאָעזיע אַי דיא וויסענשאַפט פון דיא אונענטוויקעלטע מענשען. דער ווילדער, וואָס לויפט אַרום אַ נאַקעטער אין וואַלד אָדער פעלד, זעהט אַ ווינט, וועלכער בלאָזט מיט אַזאַ מאַכט; פרעגט ער זיך: „וואָס איז דאָס אַזוינס?“ און זיין רויהער מאַרך ענטפערט איהם: „דאָס איז אַן איבערנאַטיר־ליכע קראַפט אַזעלכע! דאָס איז אַזאַ גייסט, וואָס הערשט איבער מיר, וואָס קען מיר פערניכטען“. ער זעהט אַ רעגען וועלכער קען איהם טהאָן אַי גוטעס אַי שלעכטעס — איז דאָס אַן אַנדער איבערנאַטירליכע קראַפט; אַן אַנדער הערשענדער גייסט; דער באַרג, וועלכער איבערראַשט דעם ווילדען מיט זיין גרויסקייט איז

וויערער אַ הערשענדער גייסט אַזעלכער; דער דונער, דער בליץ — ווידער הערשענדע גייסטער. דאָס זיינען די ערשטע געטער. יעדע נאַטור־קראַפט, יעדע גרויסע נאַטירליכע זאַך, קומט דעם אונענטוויקעלטען מענשען פאָר אַלס אַן איבערנאַטירליכער וועזען, אַלס אַ גאָט. שפּעטער, ווען דער מענש ווייס שוין מעהר און פאַר־שטעהט מעהר, זעהט ער זיך אַרום אַז דער ווינט, דער דונער, דער באַרג — אַז דאָס אַלץ זיינען גאַנץ נאַטירליכע זאַכען; ער געפינט אַן ערקלעהרונג וויא אַזוי דאָס אַלץ ווערט. דיעזע ער־קלעהרונג רופען מיר וויסענשאַפט. וואָס־זשע איז וויסענשאַפט? אַנטוואָרטען אויף פראַגען: וואָס איז דאָס? וואָס איז יענעס? פון וואַנען נעהמט זיך דאָס אַלעס? — פראַגען וועלכע דעם מענ־שען׳ס מח שטעלט זיך בעטראַכטענדיג די נאַטור, דאָס לעבען א. ז. וו. די ערשטע אַנטוואָרטען, ווען דער מענש איז נאָך זעהר רויה, זיינען, אַז דאָס אַלץ זיינען געטליכקייטען. דאָס זיינען קינדערשע אַנטוואָרטען, אָבער אַנטוואָרטען אויף יענע פראַגען זיינען זיי פאָרט. דאָס איז אַלזאָ דעם ווילדען מענשען׳ס „ווי־סענשאַפט“.

— „ניט־וויסענשאַפט“ האָט מען דאָס בעדאַרפט רופען — האָט רפאל בעמערקט מיט אַ שמייכעל.

— ניט וויסענשאַפט — האָט וויקער צוגעשטימט, אויך מיט אַ שמייכעל — אָבער מיינט איהר, אַז אַלץ אין דער היינטיגער וויסענשאַפט איז שוין טאַקע לויטער פעסט־געשטעלטע וויסענ־שאַפט? פיעלעס איז ניט מעהר וויא אַ סברא; מען רעכענט אַז מסתמא איז אַזוי. זעהר אָפט קומט אויס אַז עס איז אַ טעות, אַז עס איז גאָר קאַפּויר. עס פאַרשטעהט זיך, עס זיי־נען פאַראַן וויסענשאַפטען, וואָס מען איז וועגען זיי אַזוי זיכער, וויא מען איז זיכער אַז צוויי מאָל צוויי מוז זיין פיער. נור גענוג וועגען דעם... איך האָב אייך נור געוואָלט ווייזען, אַז דער רעלי־גיעזער בעגריף פון דעם ווילדען מענשען איז די ערשטע מדרגה פון דער וויסענשאַפט. אָבער אַ בעגריף איז אַ געדאַנקען בלויז; וויסענשאַפט איז אַ קאַלטער, טרוקענער עסק, וועלכער בעלאַנגט בלויז צום קאָפּ. צוזאַמען מיט דיעזען בעגריף גייט אָבער אויך אַ געפיהל. דער ווילדער איז איבעראַשט פון דעם

דונער, מיט דעם ווינט, מיט דעם בארג. ער האָט מורא פאַר דעם. מורא האָבענדיג שטעלט ער זיך דאָס אַלץ פאָר אַלס איבערנאַטיר־ליכע קרעפטע; דיעזע איבערנאַטירליכע קרעפטע קען ער ניט פאַרשטעהן; זיי זיינען ניט וויא ער, ניט קיין מענשען. זיי זיינען ערוויטערט פון איהם. ער דיינקט פון זיי אַזוי אַן ערך וויא אַ מענש דענקט פון אַ חלום. אי ער האָט דאָס געזעהן, אי ער קען דערצו ניט צוקומען. זיין געדאַנקען טהוט זיך אָן פליגלען. ער פליהט וויט ערגעץ־וואו — וואוהין וויס ער אַליין ניט; און זיין האַרץ פיהלט דערביי עפּעס אַ זאָנדערבאַרען געפיהל — אַ געפיהל, וועלכער איז אי אַ תענוג, אי אַ ציטער. ער ווערט אויס־געטהאָן פון זיין געוועהנליכען „איך". ער שוועבט אַוועק צו אַן אַנדער וועלט, צו אַ טרוים־וועלט. איז דאָס דען ניט פּאָעזיע? און דאָס איז דאָך דעם ווילדען'ס רעליגיאָן. יע, דעם ווילדען'ס און אויך דעם ערנסט רעליגיעזען'ס פון היינטיגע צייטען. ביי מיין פאָטער איז דיא רעליגיאָן געוועזן אַן אמת'ע פּאָעזיע...

— ביי מיר אויך, וויקערל טהייערער! ביי מיר אויך! — האָט רפאל אויסגעשריען, שלאָגענדיג זיך אין האַרצען, בלאַס ווערענדיג פון אַ פּלוצלינגדיגע ווילדע בעגייסטערונג.

* * *

קיין בעווייז, קיין ערקלעהרונג פון זיינע געגנער האָבען אויף רפאל'ן אַזוי ניט געווירקט, וויא אַ לעקציאָן, וועלכע וויקער האָט איהם געגעבען וועגען דיא ערד, דיא זונן מיט דיא לבנה, וועגען טאָג און נאַכט, זומער אוןווינטער, ליקוי חמה, ליקוי לבנה, אין וועגען דונער, בליץ און רעגען. וויקער האָט אַ מאָל אין רוסלאַנד געהאַט פיעל ערפאַהרונג מיט אַזעלכע סוחרים וויא רפאל, און ער האָט געוואוסט, אַז דיא מעכטיגסטע באָמבע געגען דיא רע־ליגיאָן פאַר זיי איז ניט קיינע ראיות געגען רעליגיאָן, זאָנדערן ראיות, דייטליכע ערקלעהרונגען מיט אַ שכל פאַר וואָס און וויא אַזוי עס קומען אַרויס געוויסע נאַטור־זאַכען. דער אונוויסענדער מענש מיינט, אַז גאָט מאַכט דיעזע זאַכען אַזוי, און אַז מען קען דעריבער גאָר ניט פאַרשטיין ניט פאַר וואָס, ניט וויא אַזוי זיי ווערען געמאַכט — ווייזט מען איהם, אַז עס איז אַ שכל זאַך.

ער האָט געקראָגען עטליכע אינסטרומענטען און האָט מיט זיי פאַר רפאל'ן אין דיא אויגען געמאַכט א „דונערל" מיט א „בליצעלע", האָט איהם געוויזען וויא עס ווערט טאָג און נאַכט, ליקוי חמה און ליקוי לבנה, און האָט דאָס אַזוי דייטליך ערקלעהרט, אַז ביי רפאל'ן האָבען גענומען בלישצען דיא אויגלעך און קלאַפּען דאָס הארץ פאַר שמחה.

דיעזע שמחה איז געווען רפאל'ס ערשטער אונבעוואוסטער פריוהייטס־יום־טוב, דיא ערשטע פרייד פון זיין בעפרייאונג פון דיא קייטען, מיט וועלכע זיין אבערגלויבען האָט איהם געהאַלטען געשמידט. וויא ער האָט פיעל שפּעטער געזאָגט, האָט דער עלעקטרישער פונק, וואָס וויקער האָט ארויסגעבראַכט פאַר איהם, אום איהם צו ווייזען וואָס אַ בליץ איז, פון זיין הארצען דעם לעצטען פונק אמונה אַרויסגעיאָגט.

## 18.

## רפאל מהוט אוים זיין מאסקע.

ווען א מענש בעפרייט זיך פון זיין רעליגיאן — זאגט אונגעפעהר דער גרויסער רוסישער שרייבער דאסטאיעווסקי — פיהלט ער זיך דיא ערשטע צייט וויא א יתום, און זיין הארץ פאדערט עפעס אן אנדער זאך, וואס זאל אין איהר פארנעהמען דעם פוסטגעבליעבענעם ארט. א לעבעדיגע, ווארימע נשמה קען אזוי אויסקומען אהן שפייז וויא א לעבעדיגער גוף; און דיא, וואס לעבען ניט בלויז מיט זייער קערפער, דיא, ביי וועלכע דער גייסט איז ניט קיין פארגליווערטער — ווייסען גאנץ גוט וואס דאס הייסט, ווען דיא נשמה שרייט: „עסען!“ און עס איז איהר ניטא וואס צו געבען. אט אזא לעבעדיגען גייסט האט געהאט אונזער רפאל. ווען ער איז געוועזען פרום, איז זיין הארץ געוועזען פרום. דיא רעליגיאן איז ביי איהם ניט געוועזען בלויז א געוואהנהייט זאך. זיא האט געקוויקט זיין הארץ, אנגעפילט זיין געדאנק, געווארעמט זיין נשמה. צו כל נדרי אין שוהל, ווען דיא גרויסע געלבליכע ליכט פלעגען פארגיסען מיט זייער פארקלעמטע שיין דיא געדיכטע צייען פון צונויפגעבויגענע ווייסע פיגורען און זיך אבשלאגען מיט א פערכמארעטען גלאנץ אן דיא אבגעבלאקירטע בעזילבערונג פון דיא עטרות; ווען צו דעם הויכען סופיט פלעגען זיך ציהען מיט קבר הילכענדע טענער פון דעם חזן מיט דיא משוררים — פלעגט אויף רפאל'ן בעפאלען אן אימה; אבער א זיסע און ערפרישענדע אימה איז דאס געוועזען; און זיין גייסט פלעגט זיך אויפהויבען צוזאמען מיט דיעזע טענער און מיט זיי אין איינעם אוועקשווימען אין הימעל אריין. און ער פלעגט דערביי ציטערן אי מיט שרעק, אי מיט שמחה, אי מיט ליעבע — מיט ליעבע צו א גאט אויף א גילדערנעם טהראן, ארומגערינגעלט מיט שוועבענדע

מלאכים; מיט ליעבע צו א גאָט, וועלכער איז איהם געווען נאָך פורכטבאַרער, בעגייסטערענדער און טהייערער צוליעב דעם, וואָס ער האָט זיך דייטליך ניט געקענט פאָרשטעלען ניט איהם, ניט זיין געטליכען טהראָן, ניט זיינע הימלישע מלאכים.

אָט דיעזע אונדייטליכקייט, דיעזע אונמעגליכקייט זיך פאָר־צושטעלען וואָס דאָרטען אויבען טהוט זיך, האָט רפאל גערופען „הייליגקייט“, הגם אונבעוואוסטערהייט. זיא האָט דאָס געגעבען זיין נשמה דיא פליגלען צו טראָגען זיך ארויף־צו אליין ניט ווי־סענדיג וואוהין.

ווען „דער עלעקטרישער פונק וואָלט פון רפאל'ן ארויסגע־יאָגט דעם לעצטען פונק אידישקייט“ אונטער אַנדערע אומשטענדען, וואָלט ער זיך אויך געפיהלט וויא א יתום. אָדער אז ניט וואָלט ער מסתמא אנשטאָט דיא פערלאָרענע רעליגיעזע בעגייסטערונג געקראָגען א התלהבות פיר זיין בעפרייאונג גופא פון זיין רעליגיאָן. אזוי איז מיט אלע ענטהוזיאסטישע נאטורען. ווען דיא רעליגיעזע ערקוויקונג ווערט צוגענומען ביי זיי, פאָדערן זייערע הערצער א נייעם מין שפייז, וויא דאָסטאָיעווסקי זאָגט. און ווען זיי האָבען ניט קיין הויכע אידעע, וועלכע ערנעהרט זייער ענטהוזיאזמוס, וויא זייער פאַנטאַזיע וועגען געטליכקייט און הייליגקייט האָט פריהער ערנעהרט — דאן מאכען אזעלכע מענשען דאָס רוב א רעליגיאָן פון זייער אפיקורסות גופא; דאָס לייקענען אין היי־ליגטום ווערט אליין א הייליגטום ביי זיי; דיא בעפרייאונג פון געטליכקייט ווערט זייער נייע געטליכקייט; זיי ריידען גענען זייערע פריהערדיגע פאַרבלענדענעם מיט דיא זעלבע בלישצעדיגע אויגען און מיט דיא זעלבע זיסע ציטערנים אין הארצען, מיט וועלכע זיי פלעגען א מאָל צו דיעזע פאַרבלענדענים זיך בוקען און ראוונען.

מיט רפאל'ן איז אָבער דאָ אַנדערש געווען: איידער ער האָט זיך „בעפרייט פון זיין אידישקייט“, האָט ער שוין געהאַט אין זיך א גאַנצען פלאקער פון בעגייסטערונג פאַר אַנאַנדער זאַך — פאַר דיא אידעע פון גלייכהייט, ברידערליכקייט און אמת'ע פרייהייט און גערעכטיגקייט; און ווען ער האָט זיך אין גאַנצען

געזעגענט מיט זיין רעליגיאָן, האָט דיעזע אידעע זיך גלייך ארויפגעכאַפּט אויף דעם אָבגעליידיגטען טהראָן אין זיין האַרצען.

דער סאָציאַליזמוס איז געוואָרען רפאל׳ס רעליגיאָן. און ער איז אין איהר געווען נאָך פרימער וויא ער איז אַ מאָל געווען אין דער אמונה, וואָס ער האָט גע׳ירש׳נט פון זיין טאַטען. אויב זיין פריהערדיגע רעליגיאָן האָט איהם בעצויבערט מיט איהר אונדייט־ליכקייט, האָט זיין נייע רעליגיאָן איהם צו זיך צוגעצויגען מיט דיא פיעל גרעסערע מאכט פון דייטליכקייט און קלאָהרהייט. דיא גאַנצע ענערגיע, וואָס ער פלעגט אַ מאָל אַוועקגעבען צו זיין ענ־טהוזיאזמוס פאַר דעם פורכטבאַרען גאָט פון הימעל, האָט יעצט, אַז ער האָט זיך בעפרייט פון דעם, אַ שטראָם געטהאָן צו דעם סאָציאַליזמוס.

פון דעם הייליגען וואָלקען איז זיין נשמה אַראָפּגעפלויגען אויף דער ערד, צו דעם גן־עדן התחתון, וועלכען זיין געדאַנקען האָט איהם געמאָהלט מיט העלע, לעבעדיגע פאַרבען.

ווירקליך, אַ רעליגיאָן האָט רפאל געפונען אין דעם סאָציאַ־ליזמוס. דיא געדאַנקען, וועלכע ער האָט איבערגענומען אויף דיא פערזאַמלונגען, אָדער פון וויקער׳ן, אָדער צו וועלכע ער איז געקו־מען מיט זיין אייגענעם שכל, זיינען ביי איהם געוואָרען הייליג, וויא אַ מאָל תורת משה — נאָך פיעל הייליגער. דיא רויטע פאָהן האָט איהם געבלאַנקט פאַר זיינע אויגען מיט דעם געטליכען בלישץ, וועלכען זיי פלעגען פריהער געפינען אויף דעם פרוכת. דער מי־טינג איז ביי איהם געווען אַ הייליגע שוהל מיט אַ קהל ביים דאַוו־נען; און ווען ער פלעגט זעהן, אַז איינער פון דיא אַנוועזענדע לאַכט אָדער רעדט אין דער צייט פון דיא רעדע, פלעגט ער ווערען פונקט אַזוי מלא רציחה, וויא אַ מאָל פלעגט ער ווערען אויף אַ פּאָר אינגלעך, וואָס פלעגען שטיפען אָדער שושקענען זיך אין שמונה עשרה צייט אין דעם קרוליצער בית־המדרש. ניט בלויז דאָס וואָס זיי שטערען צוצוהערען זיך צו דעם רעדנער פלעגט איהם ערגערן. ער פלעגט פּראָסט קוקען אויף זייער געלעכטער אָדער געשפּרעך וויא אויף אַ פערשוועכונג פון דער פערזאַמלונגס־הייליגקייט — וויא אויף אַ מפסיק זיין אין א יום־כפור׳דיגע שמונה עשרה.

מעהר פון אלעס פלעגט אויף זיין נייעם רעליגיעזען געפיהל ווירקען דיא מארסעליעזע. ער האט איהר איבערגענומען צום צווייטען מאל און פלעגט איהר דיא ערשטע צייט זינגען גאנצע טעג ביי דער ארבייט און מורמלען איהר אין דער שטיל גייענדיג איבערן גאס. ער האט אליין זיך שוין געקלעהרט, אז ווען זיינע לאנדסלייט וואלטען וויסען, וואלטען זיי איהם שוין ניט גערופען „רפאל נעריצך“, נור „רפאל מארסעליעזע“.

ווען עס פלעגט זיך מאכען א גרויסער מיטינג אדער אן אר־בייטער מארש, מיט מוזיק, און דיא טרומייטען פלעגען זיך צו־לאזען מיט דיא טענער פון דעם רעוואלוציאנערען נגון, פלעגען ביי איהם דיא פיס ניט ווילענדיג צוטאנצען אין טאקט, און זיין פנים פלעגט רויט ווערען, דיא אויגלעך אנהויבען צו בלישצען און דיא הארץ צו שפרינגען אין איהם, אזוי וויא זיא וואלט זיך רייסען צו פליהען אהין, וואו דיא טרומייטען רופען.

דיא ערשטע פאר מאנאטען איז ער געווען אזוי פארקאכט אין זיין נייעם גייסטיגען לעבען, אז ער האט שוין ניט געוואוסט וואס צו טהאן. אויף יעדען מיטינג איז ער געווען א גאנצע־מאכער: פלעגט העלפען אויסשטעלען דיא שטוהלען, לויפען וויא א פער'סם'טער, אנגרייטען א פלאש וואסער מיט א גלאז פאר'ן רערנער; שטיין, איידער דיא רעדע פלעגט זיך אנהויבען, אויף דיא טרעפעלעך פון האל און טהיילען דיא פארביינגעהענדע הענד־בילס און זיי צורײדען זיי זאלען אריינקומען; כאפען זיך צו זיין העט צו מאכען א קאלעקשאן אויף דיא פערזאמלונג; טענה'ן אין שאפ ביז דער באס פלעגט איהם ארויסטרייבען; שלעפען דיא רויטע פאהנעס צו דיא פאראדנע פערזאמלונגען; זיך אומ־טראגען מיט פולע קעשענעס מיט סאציאליסטישע ביכלעך און טהיילען זיי צווישען דיא בעקאנטע; העלפען זיי לעזען און פארשטיין; קלייבען אויף פערשיעדענע סובסקריפציאנס־ליסטען; אוועקגעבען דעם לעצטען סענט פון זיין אייגענע קעשענע און האבען בערג מיט צרות פון זיין שרה גיטלען דערפאר. און דאס אלץ האט ער געטהאן ניט פון ליעבע מתעסק צו זיין זיך, צו זיין

א קאַכלעפעל, נור פון א ריינעם געפיהל פון פרומקייט, וועלכער האָט פון איהם געפאָדערט ארבייט — נוצליכע ארבייט פאַר דעם סאָציאַליזמוס.

דאָס אַלץ אָבער האָט איהם נאָך ניט צופריעדען געשטעלט. ער וואָלט, דאכט זיך, דיא גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט מיט זיינע אייגענע הענט איבערגעקעהרט — אנדערש האָט ער זיך ניט געקענט בערוהיגען; און ער האָט זיך אַלץ געזוכט ארבייט.

ער פלעגט זיך ארומטראָגען מיט א געפיהל פון בעגייסטערונג, עפּעס אזוי וויא א פערליעבטער, וועלכער האָט ניט לאַנג געהאַט דיא ערשטע ערקלעהרונג מיט זיין געליעבטע, און בעקומען א גוטען אַנטוואָרט פון איהר. און מעהר וויא אַלץ האָט דיעזע בעגייסטערונג געווירקט אויף זיין מאָראַלען געפיהל. אויב ער איז אימער געווען עהרליך וויא אַן עהרליכער מענש, איז ער איצט געוואָרען עהרליך וויא א מלאך (אויב מלאכים זיינען נאָר עהר־ליכער וויא מענשען). זיין געוויסען האָט איהם אָנגעהויבען צו שטעלען פיעל העכערע פאָדערונגען; ער איז פיעל שטרענגער געוואָרען צו זיך אַליין. אויף טריט און שריט פלעגט ער זיך אַליין אויסווייזען פאַלש, ניט עהרליך. אַלע ווייַלע האָט ער זיך געכאַפּט ביי א צבועצ'סטוואָ.

איין מאָל, צונעהענדיג צום שפּיגעל און דערזעהענדיג זיין געדיכטע בערדיל וויא זיא וואַקסט זיך אויף א ווילדען אופן צונויף מיט זיינע האָר פון קאָפּ, איז איהם אריינגעפאַלען אזא געדאַנקען:

„דאָס איז מיין צבוע'צקע מאַסקע. קוקענדיג אויף מיין באָרד, מיינען דאָך מיינע לאַנדסלייט, אַז איך בין נאָך דער זעלבער רפאל וואָס דאַוונט און פאַסט תעניתים. איך מוז דיא מאַסקע פון זיך אויסטהאָן". הקצור, רפאל האָט זיך בעשלאָסען ארייג־צוגעהן צו א באַרבער און ביי איהם צו לאָזען זיין מאַסקע מיט 15 סענט צוגאָב — וויא ער האָט זיך אויסגעדריקט פאַר א גענאָסע.

און שרה גיטעל? ער האָט שוין מיט איהר ניט איין מלחמה געהאַלטען וועגען זיין עסען פאַר'ן דאַוונען און ניט דאַוונען נאָכ'ן עסען. אין זיין התלהבות האָט ער צוערשט זיך געטראַכט, אז ער מוז איהר אויך מאַכען פאַר א מענשען. ער האָט מיט איהר אפילו געפּרופּט טענה'ן וועגען דיא קאַפּיטאַליסטען, וועגען דיא ארבייטער,

וועגען דעם, וויא מען וויל איינפיהרען . . .. זעלט אויף א בעסערען שטייגער, וויא אלע וועלען זיין רייך. אין דיא מאָמענטען ווען זיא איז געוועזען שטיל וויא א קאָטינקע און זיך געלאשצעט צו איהם וויא א היהנדעלע — וויא ער פלעגט אמאָל דאָס רופען — פלעגט זיא איהם צו הערען מיט א שמייכעל, און צום סוף ענטפערען אויף זיין פראָפּאגאנדא, אז ער זאָל געהן, דער משוגענער, אז ער זאָל בעסער ארויסווארפען פון קאָפּ דיא נארישקייטען און זעהן זיך צו צושלאָגען צו א „סעקאָן־העןד־פוינישע כטאָר, וויא באלקע זלאטע׳ס האָט געטהאָן". אין אנדערע צייטען אָבער, ווען דיא באָגאָדע ביי שרה גיטלען אויפ׳ן הארצען איז ניט געוועזען אזוי פיין, פלעגט רפאל לייזען אזא תוכחה, אז ער פלעגט שוין פערזאָגען א צעהנטען. אָבער נעכסטען מאָל פלעגט ער פון דעסטוועגען ווייטער מאכען א פראָבע.

וויא טהוט מען אָבער מכח דיא באָרד? עס וועט זיך דאָך אויפ־קאָבען א כדום מיט אן עמורה... אָבער גראד ווייל עס וועט זיך אָפּטהאָן מעשים, ווילט זיך אָפּגאָלען דיא באָרד. דיא ערוואַרטעטע אונאַנגענעהמליכקייטען האָבען נאָך צוגעלייגט האָלץ צו דעם פייער פון בעגייסטערונג פאר אראָפּנעהמען דיא „מאסקע".

אין זיין ארומהאווען פאר דיא כאָציאַליכטישע מיטינגען איז ער שוין צוגעוואָהנט געוואָרען צו דעם געדאנקען, אז דאָס וואָס איז פערבונדען מיט אָפּפערונג, מיט נעפריאַטנאָסטען, מוז דער אמת׳ער כאָציאַליסט אויך טהאָן — ווען עס איז ניצליך פאר דער בעוועגונג. און ער פלעגט טאָקע פאר אזעלכע זאכען זיך נעהמען מיט מעהר התלהבות וויא פאר לייכטערע און אנגענעהמערע ארבייט. וואָס שווערער דיא ארבייט, אלץ מעהר חשק פלעגט ער אין איהר האָ־בען — הויפּטזעכליך אין זאכען, וואָס פאָדערען כוואטסטווע, וואס שטעלען דעם מענשען אין א שטיקעל געפאהר. וואו עס פלעגט זיך מאכען א סטרייק און מען פלעגט דארפען האָבען פיקעטען, וואָס זאלען זיין מוכן ומזומן צו קריגען א בלאָיע אויג, און אפשר נאָך צו געהן צוגעשמידט צו א דעטעקטיוו אין סטיישאָן הויז, פלעגט רפאל זיך אויסרופען; אויף טהיילען הענד־בילס ביי דיא שוהלען שבת נאָך׳ן דאווענען, ווען מען האָט אויך געקענט כאפּען א פּאָאר פּעטש, איז ניט געוועזען קיין גרעסערער בעלן וויא רפאל. קורץ,

שרה גיטעל האָט נעבעך אַליין ניט געוואוסט, אַז גראַד ווייל עס איז געווען זיכער, אַז זיא וועט איבערקערהרען אַ וועלט, אַז גראַד דעריבער האָט רפאל זיך בעשלאָסען צו געהן צום באַרבער.

— וויקער, פאַר וואָס שייווט איהר זיך ניט? — האָט ער געפרעגט, ווען דער בעשלוס איז שוין ביי איהם געווען אָנגענומען.

— ווייס איך זעהר! — האָט וויקער געענטפערט, אַ מאַך טהאָנדיג מיט'ן האַנד — איך פלעג זיך אַ מאָל שייווען... איך האָב געסטאַפּט... עס ליעגט אין זינען ניט.

עפּעס איז וויקער געווען זעהר אומעטיג יענעם טאָג. ער האָט גערעדט מיט אַ צוטראָגענע מינע, און זיין שמייכעל האָט אויסגעזעהן מעהר טרויעריג וויא נאַריש.

— וואָס איז? וויא קומט איהר עפּעס צו פרעגען? — האָט ער געפרעגט.

— אַזוי. איך וויל זיך אָבשייווען דיא באָרד. איך גלויב, עס איז אַ צבועצ'סטוואָ צו טראָגען אַ באָרד, ווען מען גלויבט ניט אין דעם... איך מיין ניט אייך. ווארום אויף אייך האָט דאָך שוין קיינער קיין טעות ניט. מען ווייס אַז איהר טראָגט ניט דיא באָרד פון פרומקייט וועגען.

וויקער האָט אַ לאַך געטהאָן און איז ווידער אומעריג געוואָרען.

— אַ מאָל וועל איך אייך דערציילען, וויא עס איז געקומען דערצו אַז איך האָב געסטאַפּט זיך צו שייווען, צו גיין אָנגעטהאָן וויא אַ מענש, צו זיין אַ מענש מיט מענשען צוגלייך... גראַד האָב איך היינט געהאַט אַזאַ בעגעגענעס, אַז איך האָב זיך אַלץ דערמאָהנט...

— איך זעה עפּעס איהר זייט אַזאַ קאָרעדבועדיגער!

— האָט רפאל אויסגעשריען. — איך זעה עפּעס איהר געהט אום וויא אַ נעכטיגער! דערצעהלט מיר, וויקער... אָה, עקסקיוז מי, וואָס איך פרעג... — האָט ער זיך פאַרכאַפּט.

— אין אַנדערש מאָל וועל איך אייך דערצעהלען... ניט היינט — האָט וויקער געענטפערט מיט אַ וויטען בליק אין דיא אויגען.

און דער אינטערעס אין וויקער׳ס פערגאַנגענהייט האָט אין רפאל׳ן זיך צוגליהט אין אַ פלאַם; און זיין ליעבע צו איהם אויך.

אין יענע טעג האָט רפאל ערהאַלטען אַ בריעף פון זיין ברודער פון מיזורי.

„מע קען דאָ אַ גוטען לעבען מאַכען“, האָט יענער איהם גע־שריעבען. „פאָלג מיר, קום אהער און ווער אַ פּעדלער. וועסט בענטשען דעם טאָג וואָס דו ביסט אהער געקומען“.

רפאל האָט איהם אָבגעשריעבען, אַז ער וועט בעסער שטאַר־בען פון הונגער אין ניו יאָרק איידער גיין אין גאָלד ביי פּעדלעריי אין מיזורי. „איך וואָלט דיר אַלץ אויסגעשריעבען, נור דו וועסט מיינען, אַז איך בין אַראָפּ פון זינען. איך קען דיר מעהר ניט זאָגען, אַז איך בין אַ סאָציאַליסט, און בין אַזוי גליקליך אַז מיר האָט זיך קיין מאָל ניט גע׳חלומ׳ט מען קען האָבען אַזאַ הנאה פון לעבען. אַ קבצן בין איך, ברודער, ניט צו פאַרזינדיגען, אַ גרויכער. באַט איך האָב דאָס נייגצעהן איילען אין דער ערד. ווען דו וואָלסט וויסען וואָס ביי מיר טהוט זיך אינוועניג, ברודער! דאָס איז אַזאַ מין פּאַצעצע, ברודער, אַז ווען עס איז ניטאָ קיין פּעני איז אויך ליהודים. מיין אָבער ניט, אַז איך בין צופריעדען מיט דעם וואָס איך און אַלע אַרבייטער זיינען קבצנים. אסור אַ לעק. דער קלאַסען־בעוואוסטזיין, ברודערקע, לאָזט אזעלכע נאַרישע זאַכען אין האַרצען ניט אַריין. נאָר וויא קומסטו צו פערשטיין דעם טייטש פון אַזאַ וואָרט. רוף־זשע מיר שוין אָן משוגענער און אַ סוף אַן עק. איך וועל דיר פון דעסטוועגען שרייבען, ליעבער ברו־דער, אַז צופריעדען זיין טאָרען דיא אַרבייטער ניט. ניין! מיט אַ פּלאַקער אין האַרצען דאַרפען זיי זיך תמיד אַרומטראָגען. אַז ניט זיינען זיי ניט ווערטה וואָס זיי זיינען אַרבייטער, פאַרשטייסטע מיך...“

* * *

רפאל האָט זיך געזעצט אויף׳ן באַרבער׳ס שטוהל מיט דעם שטאָלצען געפיהל פון אַ מענשען וואָס קלייבט זיך צו טהאָן אַ כוואַטסקע זאַך; ער האָט דערביי געהאַט אויך אַנאַנדער גע־פיהל, אַ געפיהל פון איינעם וואָס זעצט זיך ביי אַ דענטיסט אויף׳ן שטוהל.

ווען ער איז אראָפּ פון שטוהל און איז צוגעגאַנגען צום שפּי־געל, האָט ער געמיינט, אַז איהם איז פרעהליך אויף'ן הארצען. ער האָט געמיינט — אבער אין אמת'ן האָט ער זיך נעבעך פאר זיך אַליין דערשראָקען; זיין אייגענע געזיכט איז איהם אויס־געקומען ווילד־פרעמד און עפּעס אַזוי וויא זיא וואָלט אויף איהם געקוקט מיט עזות־פּנים'דיגע אויגען; און דערביי האָט זיך איהם עפּעס געביינקט נאָך דעם פריהערדיגען רפאל וויא א מוטער ביינקט נאָך א דערוואקסענע קינד, וואָס שטארבט פון איהר אָפּ.

רפאל מאכט זיך אָבער הארט, זאָגט צו זיך אַליין גלייך־ווערטלעך און גייט אהיים מיט פעסטע טריט, וויא אַ מארטירער צום תליה.

ווען ער איז אריין אין שטוב, איז שרה גיטעל געווען פארטהאָן ביים אויסראַמען דיא אַש פון אויוועז. זיא האָט אויף איהם א קוק געטהאָן פון א זייט און האָט בייז געפרעגט:

— ווענמען דארפט איהר, מיסטער? קענט איהר ניט אָנ־קלאַפּען אין טיר איידער איהר קומט אריין אין שטוב?

און אין אַ מינוט ארום האָט זיך אביסעל געקעהרט אַ וועלט!

וואָס שרה גיטעל האָט אויסגע'טענה'ט, אויסגעשאָלטען און אויסגעקלאָגט, הייזעריג וועהרענדיג שרייענדיג און אפּמאַטערענדיג זיך פון ברעכען מיט דיא הענט, רייכען זיך דיא האָר פון קאָפּ, ווארפען זיך, שליידערען זיך און פליקען אויף זיך דעם פאַרטוך — דאס אַלץ צו בעשרייבען דארף מען האבען א גרעסערע בריה א פעדער. איך קען בלויז ברייננגען איין פּסוק פון דעם רעכטען מיטען פון איהר הספּד:

„אָ, ס'אר א חן'עוודיגע באָרד דאס איז געווען"! האט זיא אויסגעבליפעט אין א טאָן פון קברים־רייסען, און איז אוועק ווייטער זיך צופען און שליידערען.

„נו, געננוג שוין, עס איז דאָך כיי־וויא־סיי פערפאַלען — מען קען דאָך שוין צוריק ניט צוקלעפּען" — האט רפאל גע'טענה'ט, און זיין הארץ איז געווען פערקוועטשט פון רחמנות, — צי אויף שרה־גיטלען, צי אויף זיין באָרד — דאס האט ער אליין ניט גע־וואוסט.

## 19.

## „ניט רייכער, ניט פרימער, אבער מעהר מענש“.

עס זיינען אוועק מאָנאַטען. רפאל האט שוין לאַנג אויפגע־הערט צו בייגקען נאָך זיין באָרד. שרה ניטעל האט אפילו זיך נאָך אַלץ ניט אונטערגעגעבען; און יעדעס מאָל, ווען אויפ׳ן הארצען איז געווען ביטער, און זיא פלעגט נעהמען אויסרעכענען דיא אַלע שאדענס, וואס זיא האט געהאַט אין אַמעריקא, פלעגט זיא פאר איין גאַנג אויך מזכיר נשמות זיין איהר מאַן׳ס באָרד. דאס איז אבער געווען גלאַט אַזוי — בלויז כדי ער זאָל זיך ניט מיינען, אַז זיא גיט זיך שוין אונטער. אין אמת׳ן אבער איז זיא שוין אויך צו־געוואָהנט געוואָרען צו דיא ענדערונג; און — על פי סוד ריידענדיג — איז דער גערעזירטער רפאל איהר וואס א טאָג אַלץ מעהר געפע־לען געוואָרען. עפּעס אינגער, שעהנער און מעהר מעשה פיינער יונג האָט ער איהר געגומען אויסזויעזן. הקיצור, עס איז אַ סברא, אַז ווען רפאל וואָלט פּלוצלונג געקומען אהיים מיט זיין אַמאָליגע באָרד, וואָלט דאס איהר געגעבען פּונקט אַזאַ שטאָך אין הארצען וויא דאַן, אין יענעם טאָג, ווען ער איז אוועק פון שטוב מיט א באָרד און איז געקומען צוריק אָהן א באָרד.

איבערהויפּט איז רפאל אין יענע עטליכע חדשים געוואָרען עפּעס גאר אַנאַנדער מענש: עפּעס א ציכטיגערער, א געפּוצטערער, — גאר מעשה פראַנט אין פערגלייך מיט דעם פריהערדיגען רפאל, און גאר מעשה „פּאַניטש“ אין פערגלייך מיט דעם קרוליצער רפאל נעריצף. קיין מאָל פלעגט ער זיך ניט קימערן צו דיא היטעל איז געלעגען אָן אַ זייט צו אַראָפּ־באַרג, — אבי ניט געגאַנגען אָהן אַ היטעל; און איצטער, פלעגט ער פאר׳ן ארויסגעהן פון שטוב אנ־טהאָן דעם הוט ניט אַנדערש וויא פאר׳ן שפּיגעל און זעהן, אַז עס זאָל ליעגען וויא עס בעדאַרף צו זיין. ווען פלעגט דאס רפאל זיך

קימערען צי זיין קאַפּאָטע איז פאַרשפּילעט צי ניט! ווען האָט ער דאס געוואוסט פון א בערשטעל! און איצט האט ער געהאַט א בערשטעל און איהר געהיט וויא דיא אויג אין קאָפּ, און, ווען ער פלעגט דערזעהן א שפרינקעלע אויפ'ן אַרבעל, פלעגט דאס איהם רופען און ער פלעגט ניט רוהען ביז ער פלעגט דאס אויסרייבען.

„מע דאַרף געהן וויא א מענש" — פלעגט ער זיך טראַכטען, קוקענ־דיג אויף דאס רוב יונגע לייט, וואס פלעגען זיך צוזאַמענקומען מיט איהם צוגלייך אויף דיא סאָציאַליסטישע מיטינגען — „זיי זיינען דאָך אַלע אויך אָרימע אַרבייטערס, וויא איך. פון דעסטוועגען—פין דיא זעלבע ביסעלע ארימקייט געהען זיי וויא מענשען".

און פון דיא זעלבע ביסעלע ארימקייט האט רפאל גענומען געהן וויא א מענש און האט זיך אליין גענומען האַלטען פאר אַלץ מעהר מענש.

אפשר האט דאָ זיין גאָלען זיך אויך געשפּיעלט א שטיקעל ראָלע; אפשר האט שוין איינס געצויגען דאס אַנדערע: אַז מען פיהלט זיך ביי'ן שפּיעגעל אינגער, מעשה היינט־וועלטינגער, אפשר רופּעט שוין פון דעם גופא, וואס דער ארבעל איז איינגעפלעקט, אדער וואס דיא האָר איז פארפלאָנטערט, אדער וואס דיא האַלז איז א נאַקעטע. זאָל זיין אַזוי — זאָל זיין אביסעל פון דעם און אביסעל פון דיא סאָציאַליסטישע מיטינגען, (סיי וויא סיי איז רפאל'ס ראַזירען זיך גופא דאָך אויך געקומען פון דיא דאָזיגע מיטינגען) —אבי רפאל איז פון דרויכען געוואָרען ניי־געבאָרען פונקט וויא פון אינעווייניג, פונקט וויא אין זיין מוח און האַרצען.

און — א געלעכטער צו זאָגען — אַז איהר וואָלט זיך גוט צוגעקוקט, וואָלט איהר זעהן, אַז שרה גיטעל איז אויך עפּעס ניט דיא זעלבע שרה גיטעל. עפּעס ניצט זיא אויף דעם שפּיעגעל מעהר וויא פריהער, עפּעס טראָגט זיא פרישערע יאַקעלעך; און דער פאַרוק קריכט עפּעס אַלץ העכער ארויף און עס זעהט זיך אַלץ מעהר איהרע אייגענע האָר. עס פערשטעהט זיך, ניט אומישנע, אומגערן, און ווען דיא פרומע שכנה ראַמט איהר איין א סוד, ווערט זיא רויט.

קוקט אָבער אויף רפאל'ן! וואָס שמייכעלט ער דאָס עפּעס אַזוי? וואָס וואַטשעט ער איהר דאָס מיט אַזאַ גנבה'שע מינע? וואָס בליטצען אַזוי זיינע אויגלאך דערבײַ? צו דען מיינט ער, אַז זיין שרה גיטעל ווערט אויף ביסלאַך־ווייז אַנאַנדער מענש? וויא דיא מעשה איז, אַז מען האט א מאַן א איננערן, א שעהנערן, א געפּוצטערען, מעשה פיינער יונג, ציהט שוין ממילא אויך צו ווערען אינגער, אויך געפּוצטער, אויך שעהנער; און צי שרה גיטעל האט פון דעם כלל געוואוסט צי ניט, — אבי דעם שפּיעגעל האט זיא גענוצט מעהר וויא פריהער, און יאקעלאך האט זיא גענומען טראָגען פרישערע, און דער פּאַרוק האָט זיך ביי איהר פּאַררוקט אלץ העכער...

רפאל האָט געפּידלט א שטענדיגען דורשט, א ברע־נענדיגען דורשט. אויף דיא מיטינגען און פון דיא ביכלאך און בלעטער וואָס ער האָט געלעזען האָט ער זיך דערוואוסט רק פון נייע זאכען, פון נייע שכל'ען; און וואָס מעהר ער האט זיך דערוואוסט, האט ער אלץ מעהר זיך דערוואוסט וויא פיעל עס איז דאָ צו וויסען און וויא ווייט ער ווייס ניט. א גאַנצע וועלט האָט זיך איהם גנעפענט; ער האָט זיך אָבער גע־פיהלט בלויז ביי'ן טויער פון דער דאָזיגער וועלט, און עס האט איהם געריסען און געצופּט אריינצוקומען אינוועניג. הונדערטע קשיות פלעגען איהם אריינפאלען אין זינען; פארוואס וואקסט א בוים? פון וואנען ווערט געבאָרען א לעבעדיגע זאך? און וואס איז דאס טאקי וואקסען, געבאָרען ווערען, לעבען? פון וואַנען נעהמט זיך דאס וואס מען רופט „זעהן", „הערען"? וואס ברענט דאס, וואס איז דאס אזוינס וואס איז קאלט?... אלץ וואס ער האט געהערט און געלייענט האט איהם בלויז ארויפגעבראכט אויף וויי־טערע קשיות. ער פלעגט מיט זיי זיך ארומטראָגען וויא מיט א משא אויפ'ן האַרצען און קוים דערלעבען זיך צוטרעפען מיט דיא געביל־דעטערע סאָציאַליסטישע חברים, וועלכע ער פלעגט פערמאַטערען מיט זיינע פראַגען. אמאָל פלעגט מען איהם מיט אן ענטפער צו־פריעדען שטעלען, און ער פלעגט אפלעבען און א שפּרונג טהאָן מיט נחת, פינקלען מיט דיא אויגלאך און מיט א פּאַטש מיט דיא הענד אויסשרייען: „אוי ס'אַר א שכל! אוי וויי וויא סמאַט דאס איז"! עפּטער פלעגט ער ניט קלאָהר פערשטעהן, וואס מען ער־

קלערט איהם, און ער פלעגט בלײבען װיא א נעכטיגער, אדער, — נאך עפטער — פלעגט מען איהם זאגען, אז מען קען איהם אויף זײן פראגע ניט ענטפערען, װײל דערצו דארף ער פריהער װיסען און פערשטעהן אנדערע זאכען, װעלכע ער האט ניט געלערנט; און דאן פלעגט איהם װערען נאך שװערער אויפ׳ן הארצען, און זײן דורשט איז געװאקסען און געװאקסען!

אלץ װאס אויף אידיש איז געװען צו לעזען צו װיסענשאפטלי־כעס, האט רפאל שוין כמעט איבערגעלעזען און איבערגעקנעלט. דאס װאס מיט א האלב יאהר צוריק האט ער אויף זשארגאן אפילו ניט פערשטאנען, האט ער שוין איצט געלייענט „װיא א מזמור״ װיא ער האט דאס גערופען. ער האט אבער געװאוסט, אז דאס איז בלויז א טראפען פון א ים, און אז צו דעם ים קען מען ניט צוקומען װאו מען קען ניט גוט ענגליש אדער דײטש אדער אנאנדערע פון דיא הײנטיגע שפראכען; זײן דורשט צו טרינקען פון דיעזען ים איז געװאקסען און געװאקסען, און — ער האט גענומען געהן אין איװ־נינג סקוהל. דיא װײב שרײט, ארבײט מעשים; אזױ זעהט מען איהם אויך קוים אן אין דיא אויגען צוליעב זײנע מיטינגס, שמי־טינגס.... נאדיר! גאר אויף דער עלטער אין סקוהל! א סקוהל האט זיך איהם פארדרײט, „שעמען דארפסטו זיך אין דײן װײטען האלז ארײן....״

און רפאל גיט זיך אן עצה און רעדט שרה גיטלען אײן, אז איהם מאכט זיך א דזשאב פאר א פארמען, און אז דיא גאנצע מניעה איז װאס ער קען ניט לעזען און שרײבען קײן ענגליש, און שרה גיטעל גלויבט האלב יע און האלב ניט, און שאקעלט צו מיט׳ן קאפ מיט א צװײפעלדיגען שמײכעל, און אזױ בלײבט דאס; רפאל געהט אין סקוהל.

ער היט אפ ריכטיג. מעהר ניט צוליעב א װיכטיגען מיטינג היפט ער אמאל איבער אדער בעט זיך בײ דעם לעהרער אפ אביסעל פריהער און לויפט אין האל װיא א פאר׳סם׳טער.

דיא קאפ איז גוט. אײן מאל געהערט, גלײך פערשטאנען — נאך מעהר װיא דער לעהרער גיט צו פערשטעהן, און אײן מאל פערשטאנען — געריינקט אויף אײביג. דיא קרוליצער מויל פאלנט

אפילו ניט. מיט׳ן „ש“ און מיט׳ן „ס“ איז צרות; ביי דעם "w„ עקשן׳ט זיא זיך איין נאָך שטאַרקער; און מכח דעם "th„ איז אפילו גאר ניט צו ריידען מיט איהר. אבער זאָל זיין אויפ׳ן קרוליצער שטייגער גערעדט — אבי דיא ווערטער געדיינקט רפאל אויסגעצייכענט; און דיא כּללים מיט דיא דריידעלאך, וואס דער לעהרער ערקלערט, געהען אריין אין מוח וויא געשמירט. רפאל איז דעם לעהרער׳ס בעסטער תּלמיד, און איז ביי איהם א גאַנצער תּקיף, און דאָס איז גראָד א שטיקעל אונגליק אויך: וואָרים אין איין מאָנאַט האט רפאל איבערגעיאָגט אלע אנדערע תּלמידים און צוליעב יענע האָט מען געמוזט געהן צו לאַנגזאם, און רפאל האָט שוין קיין געדולד ניט צו הערען רק דאָס זעלבע, און איהם ווילט זיך אין א העכערען קלאַס, און דער לעהרער וויל איהם בשום אופן ניט ארויסלאָזען.

נאָך ניי־יאהר גיט זיך רפאל אן עצה און פערשרייבט זיך אין אן אנדער סקוהל. עס איז אפילו צו ווייט אי פון דער היים אי פון דיא מיטינגס, אויף וועלכע מען קען נאָך׳ן סקוהל נאָך עפּעס דערכאַפּען; דערפאַר היפּט רפאל אבער איבער א גאַנצען גראַד. ער לערנט אין סקוהל. ער כאַפּט שוין לייענען א צייטונג, ער הויבט שוין אָן צו זיין א מחותּן מיט א ווערטער־בוך פון ענגליש אויף ענגליש, און דאָ וואו עס איז שווערליך, העלפט איהם אויס דער ענגליש־אידישער ווערטער־ביכעל, וואס ער האט שוין פון לאַנג געקויפט פאר דיא לעצטע עטליכע סענט (מען האט עס איהם געשאָנקען, האָט ער שרה גיטלען געזאָגט); און אזוי געהט דאָס אלץ וויא געשמירט, און אין א יאהר אדער עטוואס מעהר „פּויזעט“ ער שוין וויא עס איז דורך א גרינגען סאָציאַליסטישען ביכעל אויף ענגליש און כאַפּט זיך שוין צו שווערערע ביכלאך און אפילו ביכער.

וועגען דיא פּאָרמען־שטעלע האָט׳ אפילו שרה גיטעל שוין פערגעסען. רפאל ארבייט אלץ וויא פריהער, האט אלץ סלעק וויא פריהער און איז א קבצן וויא געוועזן; אבער.... נור הערט בעסער וואס ער אליין זאָגט:

— וואָס זאָל מען מאַכען! — ענטפערט ער אויף א פראַגע פון בנימין׳קען, וועלכען ער האט געטראָפען נאָך דעם וויא זיי האַ־

בען זיך שוין לאנג ניט געזעהן — ניט רייכער ניט פרימער, אבער מעהר מענש בין איך.

וויא ער צורעדט זיך אזוי מיט זיין לאנדסמאן, כאפט ער זיך אריין אין דיא סאציאליסטישע דרכים מיט איהם, און וויל ניט אנדערש, אז יענער זאל אויך פארשטעהן און אויך ווערען א מענש, א סאציאליסט. בנימין׳קע וואונדערט זיך און קען זיך ניט אפוואונדערן וואס רפאל נעריצך, „רפאל דיא סטאלארסקע קאפ״, איז געווארען אזא בריה אויף ענגלישע ווערטלאך, אויף טיעפע געדאנקען און קלוגע גלאטע רייד.

— נו, זעהסטו שוין, וויא אין א רפאל׳ן קען ווערען אן איבערקעהרענעס! — זאגט רפאל מיט א שמייכעל — היינט פאר וואס זאל אזא איבערקעהרענים ניט ווערען אין דיא גאנצע געזעלשאפט, אין דיא גאנצע מענשליכע וועלט? וועט אזא געזעלשאפטליכע איבערקעהרענים טאקי קומען, אי בעטש יו, בנימין! מעהר ניט, וואס רפאל איז ניט רייכער און דיא געזעלשאפט וועט פון דיא איבערקעהרענים יע רייכער ווערען.

און בנימין קוקט און וואונדערט זיך ביי זיך, וויא קומט רפאל׳קע נעריצך צו אזעלכע ווערטער וויא „מענשליכע וועלט״, אדער „געזעלשאפטליכע איבערקעהרענעס״; ער הערט איהם אויס מיט א מין געפיהל פון קנאה. אבער דערביי גיט ער זיך א קלעהר: „וואס איז ער, רפאל, נאך אלעמען! א סטאלער געוועזען, א סטאלער געבליעבען״! ער גיט זיך אזא קלעהר, ווייל ער, בנימין, ארבייט שוין ניט ביי קיין אנדערען. ער האט שוין אן אייגענעם סיגארשאפ; עס איז א ברעקעלע שאפקע; עס פערנעהמט בלויז א האלבע סטארקעלע, וועלכע ער טהיילט זיך מיט א שוסטער; און הארעווען הארעוועט ער נאך מעהר וויא פריהער. אי מאכען דיא סיגארען, אי ארומלויפען זוכען קאסטימער אויף זיי; אבער עס געהט ניט שלעכט; ער וועט זיך ביסלאכווייז ארויפארבייטען.

— און דיר, בנימין, וויא געהט עס? — פרעגט רפאל.

— ניט צו פערזינדיגען — ענטפערט בנימין, פיהלענדיג,

אז דאָ קומט אָן זיין טשאַנס צו זיין אויפ'ן פערד. — איך האב אן אייגענע שאַפּקע. מען קריגט אריין א פּאָאר קאַסטימער. מען מאַכט א לעבען.

— אן אייגענע שאַפּקע! ארבייטסטו שוין ניט מעהר?

— דערווייל'ע נאָך מעהר וויא פריהער. מיט דער צייט... אז מען לעבט, האָפּט מען.

— „מיט דער צייט"! מיט דער צייט וועסטו אומגעהן דיא הענט אין דיא פּאַקעטס און אַנדערע וועלען אויף דיר ארבייטען, וויא אַלע קאַפּיטאַליסטישע פּוסט־און־פּאַסניקעס, הייכט עס!

רפאל האט דאס געזאָגט מיט א פריינדליכען שמייכעל, אויף שפּאַס; אבער אין דעם שפּאַס איז געלעגען גענוג גיפט; דיא גיפט האט אבער בנימין'ען פערשאַפט פערגניגען. צו זיין געזידעלט אלס קאַפּיטאַליסט איז איהם געווען א מחיה. פון דעסטוועגען האט ער געזאָגט:

— ווייניג האב איך געארבייט אויף מיינע פּאָאר דאלאר? זיי זיינען כשר'ע פערדיענטע, נעבער מיינד!

— און אז דוא וועסט קויפען א צווייגעל פאר דיינע כשר־פערדיענטע געלט, און מיט דעם צווייגעל וועסטו ארויסציהען א פּאַקעט־בוך פון א קעשענע? וועט דער פּאַקעט־בוך אויך זיין א כשר־פערדיענטער? דער פּאַקעט־בוך וועט זיין א גע'גנב'עטער, בנימין'דעל! א גע'גנב'עטער, א גע'גנב'עטער!

— עה, זידעלסטו זיך דאָך! — האט בנימין געזאָגט.

— איך זידעל זיך גאר ניט — האט רפאל געענטפערט, אביסעל פערשעהמטערהייט — פון פערזאָנען ריידען מיר, סאָציאַליסטען, ניט. מיר מיינען דיא גאַנצע סיסטעם, דיא גאַנצע וועלט, וויא זיא פיהרט זיך. איין מענש קען דאָך דיא וועלט ניט איבערמאַכען. דיא סיסטעם דאַרף מען איבערמאַכען. דאַן וועט קיין גנבות ניט זיין, וועלען קיין גנבים ניט זיין. איך זידעל זיך גאר ניט, מעהר ניט, שעהמען זיך מיט דעם וואס איך בין אן ארבייטער — דאס

ניט! אַן אַרבייטער! דאָס איז דאָך דער שעהנסטער טיטעל. טויזענד מאָל שעהנער וויא דער טיטול גענעראַל אודאַי... אַן אַרבייטער! יע, איך בין אַן אַרבייטער! — האָט ער געזאָגט פריינדליך אָבער שטאָלץ אויפהויבענדיג דיא קאָפּ. — איך בעלאַנג צו דעם קלאַס, וועלכער שאַפט אַל־דעס־גוטס אויף דער וועלט! צו דעם קלאַס, וואָס וועט דיא טראַנטעוואַטע פּאַדלע וועלט מאַכען פאַר אַן אַנשטענדיגע, פּאַר אַ שיינעדיגע, פּאַר אַן עהרליכע!

אבער ניט אימער פלעגט ער אזוי איידעל אנקוקען א ניט־סאָציאַליסט.

.20

## שרה גיטלע'ן פארווילט זיך צו געהן מיט רפאל'ן אויף א „פּארטי".

מען איז זיך צונויפגעקומען ביי שרה גיטעל'ס א ווייטע קרובה — א שטיקעל קצינה, א סטאַרקיפּערקע — עפּעס אויף א „פּארטי". עס זיינען געווען א צוויי־דריי צעהנדליג געסט; יונגע לייט וואס האבען גערעדט ענגליש און עלטערע מענשען, — דיא קרובה'ס מאַן'ס לאַדזשען ברידער, קאסטימער אדער לאַנדסלייט.

רפאל האט אפילו אויף דיא פּארטי ניט געוואָלט געהן.

— וואס וועלען מיר דאָרטען טהאָן? — האט ער זיך גע־בעטען ביי דער ווייב, — אז אסתר'קע וויל זיך אויספיינען פאר דיר מיט איהרע פוירניטשור (רפאל פלעגט שוין אפּהיטען אן ענג־לישען וואָרט צו זאָגען ריכטיג אפילו ווען ער האָט גערעדט אידיש), און מיט דיא גוטע זאכען וואס זיא קען שטעלען אויפ'ן טיש, דארף איך דעריבער געהן אפּקומען א גאַנצע נאכט? פארוואס רופט זיא דיר ניט צו זיך, בשעת דוא האסט ניט אויף רענט? דאמאלס קען זיא דיר אפילו ניט. איצט אַז זיא האט א פּארטי און וויל זיך בעריהמען מיט דיא געלד, וואס זיא האט אנגעכאַפּט, ניט אַרביי־טענדיג, איצט איז זיא פלוצלונג געוואָרען אַ הייסע קרובה! זאָל זיא זיך שטיקען מיט איהר פּארטי! וואו זיא איז א גאַנץ יאהר זאָל זיא זיין היינט! זיא האט דיר אַלע מאָל האָלט פון דער ווייטען, האב איהר אויך האָלט פון דער ווייטען, און אן עק א סוף!

דאס אַלץ האט רפאל אויסגערעדט מיט אן ערנסטען טאָן און מיט שברת הלב און שרה גיטעל האָט אויף דעם אָבגעענטפערט מיט נאָך אן ערנסטערען טאָן און מיט נאָך מעהר שברת הלב, אז רפאל פערשוואַרצט איהר דיא יאהרען, אז ווען זיא האט שוין א

„טשאַנס“ צו זיין צווישען מענשען, לאָזט ער איהר אויך ניט, — אז פון איהר איין איינציגע שטיקעל קרובה רייסט ער איהר אויך אָפּ, אַז אַנדערע וואָלטען זיך געהאַלטען גרויס, וואס אַזאַ גביר'טע רופט זיי צו זיך, און ער, — ער וויל נאָך ניט ! — און אַזוי ווייטער, — וואָס ווייטער אַלץ מיט מעהר שברת הלב גערעדט, מיט מעהר קריוודע אויף איהר פינסטערע מערכה, ביז עס איז דערגאַנגען צו טרעהרען, צו א יללה, צו א שטורעם און — הקצור — רפאל האט קיין ברירה ניט געהאט און האט געמוזט זיך אנטהאָן די זונטאגדיגע ביסעל ארימקייט, און קוים דערוואַרטענדיג זיך ביז שרה גיטעל איז אויך פארטיג געוואָרען, איז ער מיט איהר אַוועק.

דיא פּאַרטי איז געווען וויא אַלע אַזעלכע פּאַרטים. נאָך'ן צובייסען און צוטרינקען אין עס־צימער איז מען צוריק אריין אין „פּאַלע“. מען האָט זיך אויסגעזעצט אין ענגשאַפּט, און באַלד האָט זיך גענומען הערען : „גיוו אז אַ סאָנג !“ ענני, גיוו אז אַ סאָנג !“ טשאַלי, גיוו אז אַ רעסיטיישען !“ דיא אַמעריקאַנער־געבאָרענע באָיס און מיידלעך האָבען זיך ניט געלאָזט בעטען. זיי האָבען זיך גלייך אַ שטעל געטהאָן און גענומען זינגען אָדער פּאָר־לעזען, מאַכענדיג „אוואַיעס“ דערביי. דיא אַנדערע אָבער האָבען זיך צוערשט געשעהמט און גערונגען און געלאָזט בעטען, און ענני האָט צוגעשיקט צו ראָזי, און ראָזי צו ענני, אוןביידע צו טשאַלי, ביז אימיצער האָט פּאָרט עפּעס געזונגען, ווערענדיג רויט וויא אַ בוריק. און נאָך דעם האָט מען זיי שוין ניט בעדאַרפט בעטען, וואָרים יעדער אָדער יעדע וואָס האָט נור געמיינט אַז ער אָדער זיא קען, האָט זיך שוין אַליין געריסען צו זינגען אָדער פּאָרצוברייינגען אַ הומאָריסטישע ענגלישע ערצעהלונג, וויא דיא טבע איז אויך אַזעלכע פּאַרטים. אַזוי האָט מען געזונגען און פּאָרגעלעזען איינציג־ווייז, און נאָך יעדען אָדער יעדער האָט דער עולם אַפּלאָדירט, הגם אין האַרצען האָט מען דעם זינגער מיט זיין קול מיט אַלעמען געוואונשען איך ווייס ניט וואָס ; דעם אַפּלאָדיסמענט האָט מען אייגענטליך געגעבען פאַר דעם אויפהערען און ניט פאַר'ן זינגען אָדער פּאָרברייינגען.

ווען דיא רייהע איז צוגעקומען צו אַן עלטערן מענשען, האָט מען פון יוצא וועגען איהם אויך געבעטען עפּעס פּאָרברייינגען,

נאַטיש „עפּעס אַ כפּיטיש“, און יענער פּלעגט אָבקומען מיט אַ שמייכעל אָדער מיט אַ גלייכוווערטעל, און מען פלעגט לאַכען מיט אַ געמאַכטען געלעכטער אַזוי וויא ווער־ווייסט פון וואָס פאַר אַ חכמה; און מען פלעגט זיך נעהמען צו „נעקסט“.

וויא דער שטייגער איז, איז אַלעמען געוועזן גאַנץ לאַנגווייליג און עס האָט זיך געלוסט צו טהאָן אַ ברייטען, בעל־הבית'ישען גע־נעץ. מען האָט זיך אָבער געמאַכט פרעהליך.

רפאל איז געזעסען פּאַררוקט אין אַ ווינקעלע מיט אַ פער־קנייטשטען שטערען, מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען. וויא ווייט מיר קענען איהם שוין, ווייסען מיר, אַז פון נאַטור האָט ער געהאַט אַ שאַרפען געפיהל צו באַמערקען דיא איידעלסטע שאַטירונגען פון פאַלשקייט, פון געמאַכטקייט, און האָט אַזעלכע זאַכען אימער פיינט געהאַט; און זינט ער איז געוואָרען אַ סאָציאַליסט, זינט ער האָט זיך גענומען ענטוויקלען, איז דיעזער געפיהל אין איהם פיעל שאַרפער געוואָרען, און זיין האַס צו אוננאַטירליכקייט, צו פאַר־שטעלענעס, צו אָנגעשטעלטע אוואַיעס, צו פאַלשע שמייכלען, צו געצוואונגענע פרעהליכקייט אַזוי וויא „מייד טו אָרדער“, וויא ער פלעגט דאָס רופען — זיין האַס צו דעם אַלעם איז ביי איהם גע־וואָרען פיעל שטאַרקער. הקצור, דיא גאַנצע פּאַרטי האָט איהם אַזוי געקריינקט, אַז ער איז קוים איינגעזעסען, קוים זיך איינגע־האַלטען פון אַ בראַזג טאָן מיט'ן טיר און אַנטלויפען.

אין גרונד נעהמענדיג, איז דאָך רפאל דאָ געוועזן אונגערעכט: עס איז געוועזן אַ פּאַרטי מיט אַלע אַזעלכע פּאַרטים צוגלייך. וואָלטען נור קיין גרעסערע פאַלשקייטען אויף דער וועלט ניט געוועזן, וויא זיך צו מאַכען פרעהליך ווען עס ווילט זיך גאָר גענעצען, אַבי דעם אַנדערן צופריעדען צו שטעלען! רפאל איז אָבער טאַקע געווען וויא אַ ניי־געבאָרענער. זיין ערפאַהרונג אין אַזעלכע זאַכען איז געוועזן אַזוי אָרים וויא ביי אַ קינד, און אין זיין התלהבות מיט דיא געדאַנקען פון אַ וועלט פון הוילע יושר און „וואָס אויף'ן לונג דאָס אויף'ן צונג“ — האָבען איהם אפילו אַזעלכע קלייניגקייטען גע־ערגערט.

שרה גיטעל, וויעדער, איז געזעסען און זיך געפרעגעלט, מיט אַ פאַרשעהמטען שמייכעל אויף'ן פנים, פון העלער־הויט אַלע ווילע

רויט ווערענדיג און ניט וויסענדיג וויא צו האַלטען דיא הענד: זאָל זיא דיא פינגער צונויפשליסען? האָט זיא אויף זיי קיין פינגערלעך ניט געהאט; האַלטען דיא הענט וויא אַ בעל־הבית׳טע? — האָט זיא עפּעס ניט געסמייעט.

דיא רייהע איז דערגאַנגען צו אַ דיקליכען, בייכעלדיגען פּרע־זידענט פון שוהלען און לאָדזשעס — אַ מיסטער ליוויי. ער האָט זיך כלומר׳שט געלאָזט בעטען אַ ביסעל; מען האָט גענומען פּאַטשען און שרייען: „ספּיטש, ספּיטש!“ מיסטער ליוויי האָט געקוואָלען און זיך ווייטער געלאָזט בעטען, ביז ענדליך האָט ער זיך געשטעלט און מיט אַ ברייטען „ליידעס און דזשענטעלמענס!“ און מיט אַ עזות־פּנים׳דיגען בייג אויף ביידע זייטען האָט ער אָנ־געהויבען זיין רעדע. ער האָט גערעדט וועגען וואָס איהר ווילט און וועגען וואָס איהר ווילט ניט. עפּעס האָט ער אריינגעטשעפּעט וואָס ער האָט אַ מאָל געהערט און ניט פערשטאַנען און וואָס ער האָט עטליכע מאָל שוין אַליין געזאָגט און זיינע צוהערער האָבען ניט פערשטאַנען. גערעדט האָט ער אויף ענגליש מיט אַ ריינע קאַלוואַריער אויסשפּראַכע — מיט ווייכינקע „ש“נען און האַלבע „ל“דען. געגאַנגען איז דאָס ביי איהם וויא געשמירט, און גרייזען האָבען זיך ביי איהם געשאָטען וויא באָב, הגם יעדער גרייז איז געווען גרויס וויא אַ קירבעס. ער האָט גערעדט עפּעס וועגען דיא שעהנע געזעלשאַפט און איז פערקראָכען אויף דיא שעהנע רעפּובליק פון אַמעריקאַ: וויא עס איז דאָ ניטאָ קיין קיסר, וויא גוט דאָ איז, וויא אַלע זיינען גלייך, וויא יעטוועדער האָט אַ „טשאַנדזש“. דער עולם האָט געהערט בלויז מיט דיא אויגען און פאַרשטעלט דיא געגעצען מיט דיא הענט. דעם רעדנער איז געוואָרען שווער אויף׳ן הארצען, און ער האָט געוואָלט אַרויסקריכען און כאַפּען אַ שמייכעל און אַן אפּלויז; אָבער וואָס מעהר ער האָט געוואָלט אַרויסקריכען, איז ער אַלץ ווייטער אריינגעקראָכען, און זיך פאַרפּלאָנטערט. הקצור, ער איז פאַרקראָכען אַזש צו עולם הזה און עולם הבא און זאָגאַר צו אַ דרשה מכח תפלין־לייגען, און עס האָט געהאַלטען נאָ־הענט פון חרסת אויף.

דער רחמנות אויף דעם רעדנער, און נאָך מעהרער אויף זיין עולם, איז געווען ניט צו זעהן. רפאל איז געזעסען און געקריצט מיט דיא ציין אויף דיא „צבוע'צסקע פלאַפּלעריי“.

ענדליך אָבער האָט דער בייכעלדיגער שוהל־פּרעזידענט וויא עס איז געענדיגט — א רויטער וויא אַן אויפגעשניטענער ארבוז און א פארשוויצטער וויא א רוסישער יון אין מרחץ. דאַן האָט מען איהם אפּלאַדירט מיט'ן גאַנצען הארצען. מען האָט אָבגע־צויגען דעם אָטהעם; עס איז געוואָרען פרייער, פרעהליכער.

„נעקסט“ איז געווען „מיסטער ראדעצקי“. דער עולם איז געווען זיכער אַז ער וועט זיך אָבזאָגען, וויא דאָס האָבען געטהאָן א פּאָר עלטערע אידען. שרה גיטעל איז אָבער בלייך געוואָרען. זיא האָט געקענט איהר „שטיק צרה“, וויא זיא האָט זיך געקלעהרט, און האָט מורא געהאט אַז — א קשיא אויף א מעשה — ער קען נאָך דאָ זיך שטעלען מיט זיינע משוגעת'ן און איהר פארשווארצען דיא יאָהרען.

און זיא האָט נעביך קיין טעות ניט געהאט. „זיץ אויף'ן אָרט!“ — האָט זיא צו איהם געשושקעט. אָבער ער האָט עס ניט געהערט און האָט זיך גלייך געשטעלט. שרה גיטעל איז רויט גע־וואָרען. אלע איבעריגע זיינען געווען איבעראשט און האָבען גע־נומען שמייכלען און נערוועז קוקען אויף'ן פלאָר. זיי האָבען אָבער ניט געוואוסט מיט וועמען זיי האָבען דאָ צו טהאָן — אַז דאָ שטייט פאר זיי א מענש מיט א געשליפענע קאָפּ און מיט א געשליפענעם צונג, וועלכע ער שארפט שוין לאנג אויף מיטינגס.

— פריינדע! — האָט ער אָנגעהויבען — איך וועל ניט ריי־דען קיין ענגליש, נור טאקע פראָסט מאמע לשון. איידער ריידען קראַנקע ענגליש (מיט א קוק אויף מיסטער ליוויי, וועלכער איז רויט געוואָרען), איז שוין בעסער געזונטע, לעבעדיגע אידיש.

דער עולם איז איבערראשט געוואָרען פון דעם אָנהויב און האָט זיך פאראינטערעסירט. שרה גיטעל איז געזעסען, זיך גע־קניפּען דיא קלייד און געמיינט, אַז אָט לאָזט זיך אראָפּ דיא וועלט.

רפאל האָט גענומען ריידען ריין, קלאָהר, מיט א הילכענדען קול און מיט זיין אָנגענעהמען שמייכעל, וועלכער האָט געוועהנליך צוגעצויגען דיא הערצער פון זיינע צוהערער. ער האָט זיך אוועק־

געלאָזען איבער דיא זעלבע זאַכען, וויא מיסטער ליוויי; אָבער מיסטער ליוויי'ן האָט מען ניט פערשטאַנען און ניט געהערט, און איהם האָט מען ניט ווילענדיג געהערט, וייל מען האָט איהם קלאָהר פערשטאַנען, און עס איז טאַקע געווען וואָס צו הערען — עפּעס נייעס, נייע, קלוגע געדאַנקען, אויסגערעדט גלאַט און פון סאַמע הארצען.

פון אָנפאַנג האָט זיין רערע אַלעמען אויסגעוויזען וויא ניט אַם פּלאַץ, וויא דיא רייד פון אַ מענשען, וואָס ווייס ניט וואָס עס פּאַסט זיך און וואו עס פּאַסט זיך. אָבער ביסלעכווייז האָבען דאָס רוב פון דיא מאַנסבילען זיך אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז מען האָט גאָר פאַרגעסען, אַז דאָס איז אַ פּאַרטי.

רפאל האָט זיך גענומען צו דיא אַמעריקאַנער פרייהייט און גלייכהייט און דיא „טשאַנדזשען" וואָס יעדער האָט דאָ, און האָט בעוויזען, אַז אַ טשאַנדזש האָט מען בלויז ווען מען האָט געלט. „געלט איז אַ טשאַנדזש!" האָט ער אויסגעשריען. (אין עולם זיינען געווען עטליכע צרה'דיגע קרעמערלעך, וואָס האָבען זיך געמאַטערט אין געשעפט, וויל זיי האָבען קיין קאַפּיטאַל ניט געהאַט; דיעזע האָבען מיט השק צוגעשאָקעלט מיט דיא קעפּ, און פון דעם איז שרה גיטלען פרעהליכער געוואָרען אויף'ן הארצען). ער האָט גענומען דערצעהלען פון פעהיגע מענשען, בריות, טאַלאַנטען, וואָס ווערען פאַרפאַלען, וויל זיי האָבען קיין געלט ניט, און פון קאַליקעס, גראָבע קעפּ, וואָס האָבען גליק אין אַלץ צו וואָס זיי נעהמען זיך, וויל זיי האָבען קאַפּיטאַל.

— נו, איז ניט דער דאָלאַר דער טשאַנס? — האָט ער געפרעגט, און דיא צוהערער האָבען ניט ווילענדיג מיט דיא קעפּ געענטפערט „יע!" און שרה גיטעל איז געווען אויף'ן זיעבטען הימעל, און דיא בעל־הבית'טע האָט זיך געוואונדערט, וויא קומט דאָס צו רפאל'קען. ער האָט גענומען שילדערן דיא איינוואָהנער פון עסעקס סטריט מיט דיא איינוואָהנער פון דיא 5טע עוועניו — זייער לעבען, גאַנג, אויסזעהן, זייערע וואָהנונגען, און האָט אויסגעשריען: „וויא געפעלט אייך אַזאַ מין גלייכהייט, האַ?"

ווען ער איז צוגעקומען צו דער אַמעריקאַנער רעפּובליק, האָט ער אַזוי געזאָגט:

— מיסטער ליוויי האָט אונז דאָ פאָרגעשטעלט וויא דאָ איז א רעפּובליק און עס איז ניטאָ קיין קיסר. אָלל רייט! לאָמיר זעהן, וואָס איז דיא נפקא מינא. א קיסר ירש'ענט זיין קרוין; קיינער קלייבט איהם ניט אויס און קיינער קען איהם ניט אָבשאַפען. אין א רעפּובליק, וויעדער, וואָוט מען, און מען קלייבט אויס דעם פּרעזידענט מיט דיא גאָווערנאָרס מיט דיא מעיאָרס, למשל, און ווען עס ענדיגט זיך זייער טערמין קען מען זיי אָבשאַפען און שטעלען אַנדערע אויף זייער אָרט. א קיסר, א מלך בכפו, קען טהאָן וואָס ער וויל, מאַכען וואָס פאַר א לאָאָס איהם גע־לוסט זיך, און קיינער קען איהם קיין דעה ניט זאָגען. אין א רעפּובליק מאַכען דיא לאָאָס דיא, וואָס דער עולם עלעקטעט (מען שאָקעלט מיט דיא קעפּ). גוט, נו... איצט וועל איך אייך פרעגען: ווער מאַכט דיא לאָאָס אין א פאַבריק וויפיעל ווייזשעס צו צאָהלען, למשל, אָדער ווען אַוועקצוגעהן פון דער אַרבייט? דער באָס! פרעגט ער וועמען עס איז אָן א דעה? ניין! און ווער האָט איהם געמאַכט פאַר א באָס? האָט מען איהם עלעקטעט? ניין! קומט דאָך אויס, אַז ער איז א קיסר!... און אין אמת'ן איז ער דאָך טאַקע א קיסר. איך אַרבייט אין א פאַבריק, ווייס איך. קיין הויכען וואָרט סמייעט מען ניט אויסריידען ווען דער באָס קומט אַריין. שטיל און שטום מוז מען שטיין, זיך בוקען אין דרייען מוז מען. אַז ניט, אויב איהר ווידערשפּעניגט דעם קיסר, קומט דאָך מיתה. א געקרוינטער קיסר גיט אייך מיתה דורך'ן הייננגען, און דער פאַבריק־קיסר לאָזט אייך שטאַרבען פון הונגער מיט דעם וואָס ער טרייבט אייך אַרויס פון דעם דזשאָב... נו, איז דיא פאַבריק א רעפּובליק אָדער א מאָנאַרכיע? אין אמת'ן איז דיא גאַנצע רע־גיערונג דאָ אויך ניט קיין רעפּובליקאַנער, נור פאַר דיא קיסרים פון דיא פינפטע עוועניו. אָבער זאָל שוין זיין אַז דיא רעגיערונג איז יע רעפּובליקאַניש. טאָ וואָס פאַר א ווערדע האָט עס? אַבי אין דער פאַבריק איז א מאָנאַרכיע — אין דער פאַבריק וואו דער מענש פאַרברייננגט דעם גאַנצען טאָג, אין דער פאַבריק וואו ער לייגט אַוועק זיינע כחות; אין דער פאַבריק, אָן וועלכע זיין גאַנצע חיונה ווענדט זיך! א גליק האָט מיר געטראָפען, וואָס דאָ איז מען א סיטיזען

און מען וואָוט, און אין אַ סאָמאָדערזשוויע איז מען אַ פּאַדאַנער און מען וואָוט ניט! אַבי אין פאַבריק בין איך דאָ ניט קיין סיטיזען; אַבי דאָרטען האָב איך קיין וואָוט ניט; אַבי דאָרטען בין איך אַ פּאַדאַנער ביי דעם לעדיג־גייער, דעם אָבגעפּרעסענעם באָס!

רפאל איז בעגייסטערט געוואָרן; זיינע אויגען האָבען געפינקעלט, זיין קול האָט געקלונגען. עס איז געווען שטיל. אַלע האָבען ניט ווילענדיג געהערט זיין יעדעס וואָרט.

— מען דאַרף טאַקע האָבען אַ רעפּובליק! — האָט ער אויסגעשריען — אָבער אומעטום, אין אַלץ — אין דיא פּאַבריקען, סטאָרס, מיינס, אַלץ... אַלץ זאָל זיין קהל'ס, און אַלץ זאָל גיין וויא קהל וועט אָבשטימען! קיינע באָסעס! קיינע פּוסט־און־פּאַסניקעס! קיינע קיסרים! אַלע סיטיזענס, וואָוטערס — אין פּאַבריק אַזוי גוט וויא אויסער'ן פּאַבריק. מיסטער ליוויי האָט דאָ גערעדט וועגען עולם הזה און עולם הבא. אָל רייט! דיא אַרבייטער וועלען קליגער. זיי לאָזען זיך שוין ניט פּאַררייידען דיא ציין מיט אַ גן־עדן אויף יענער וועלט; מיט שור הבר און לויתן לאָזען זיי זיך שוין מעהר ניט קאָרמען. טאַקע אַן עולם הבא אויף דער וועלט ווילען זיי. עס איז ז י י ע ר וועלט, ז י י ע ר פּראַצע. דיא עולם הבא, דיא צוקונפט פון דער אַרבייטער־וועלט וועט זיין אַ ליכטיגע, אַ גערעכטע, אַ גליקליכע, אַ גן־עדן אויף ד ע ר וועלט וועט זיא זיין — וויא ברידער וועט מען לעבען, קיין שנאה, קיין קנאה, קיין פּראַצע פאַר פרעמדע שוואַרץ־יאָהרען! אַלע גלייך, אַלע פריי, אַלע רייך, אַלע גליקליך, קיינע ליידיג־גייער, קיינע צבועק'עס, קיינע אָבגעפּרעסענע בייכער פון פרעמדע שווייס...

מיסטער ליוויי האָט פערשטאַנען דעם אָנצוהערענים און האָט אויסגעשריען צו דער בעל־הבית'טע:

— וואָס איז ער, אַ סאָציאַליסט?

— יע, און אַז אַ סאָציאַליסט, געפעהלט אייך ניט, וואָס? געוויס געפעהלט אייך ניט — איהר פּוסט־און־פּאַסטניקעס — אָבער מיר, אַרבייטער, אונז געפעהלט שוין גאָר...

רפאל האָט זיך אַזוי צוקאָכט, אַז ער איז ניט ווילענדיג איבערגעשפּרונגען דעם גרענעץ. עס איז געוואָרען אַ מהומה, אַ גערודער, און רפאל, ניט קענענדיג זיך אָבשטעלען, האָט דעם בייכעלדיגען

מיסטער ליוויי נעבעך אוועקגעגעבען א גאָב פאַר דיא גאַנצע פינפטע עוועניו, מיט אַזאַ האַסט, אַז מען האָט איהם ניט געקענט אָפּהאַלטען.

— יאַ, איך בין אַ סאָציאַליסט! — האָט רפאל אויסגעשריען וויא אַ טיגער, און דערביי האָט ער געכאַפּט דיא הוט און איז ארויסגעלאָפען פון שטוב.

— דיר האָט זיך דאָך פאַרוועלט אַ פּאַרטי — האָט ער געזאָגט צו שרה גיטלען, וועלכע איז איהם נעבעך נאָכגעלאָפען ניט טויט, ניט לעבעדיג — אָט האָסטו דיר אַ פּאַרטי!

.21

## וויקער׳ס געשיכטע.

איין מאָל אין אַ נאַסע, קאַלטעווינטער־נאַכט, ווען וויקער איז געווען פאַרבעטען אויף סאַפּער צו דיא ראדעצקים, האָט איהם רפאל פערהאלטען אויף נאכטלעגער. זיי האָבעןביידע געשלאָפען אויף אן אויפגעעפענטען לאונדזש, און אנשטאט אנשלאָפען צו ווע־רען מיט אלעמען צוגלייך, זיינען זיי אָבגעלעגען ריידענדיג ביז עס איז שוין געווען „שטאָקעדיגער" טאָג.

ווען צוויי פריינד קומט אַ מאָל אויס צו שלאָפען אין איין בעט, ציהט זיי צו אינטימע געשפּרעכען. אַ חוץ דעם, אַז מען ליעגט זיך וואַרים איינגעטוליעט נאָך אַ נישקשה׳דיגען סאַפּער, און אויף דרויסען איז אַ סליאַקאָטע, ווערט אויף׳ן האַרצען גלאַט ברייטלעך. אַ ביסעל דורך דעם און אַ ביסעל דורך אַ געפיהל פון רפאל׳ס גאַסטפריינדליכקייט — הקיצור, וויקער איז דיעזען מאָל געווען אויפגעלייגט צו ריידען אינטימער וויא געוועהנליך, און וואָס ווייטער ער האָט גערעדט איז ער אַלץ נעהענטער אַרויפגעקומען אויף זיין אייגענע געשיכטע.

ביי איין פּונקט, ווען זיי זיינען ביידע אויף אַ מינוט אנט־שוויגען געוואָרען, האָט וויקער פּלוצלונג זיך אָפּגערופען, גאָר אָהן אַ פראַגע פון רפאל׳ס זייט:

— איהר ווייסט ניט, אַז איך בין שוין אַ מאָל געווען פער־הייראטה?

רפאל האָט זיך אַ קעהר געטהאָן מיט׳ן פּנים צו איהם. זיין האַרץ האָט ביי איהם אָנגעהויבען צו שלאָגען האַסטיג: ענדליך וועט ער הערען דאָס, נאָך וואָס ער דורשט אַזוי לאַנג.

— וויא מען רופט דאָס אין דער היינטיגער געזעלשאַפט, בין

איך געווען אַ פאַרהייראַטהער מאַן — האָט וויקער צוגעלייגט מיט אַ ביטערן טאָן פון שפּאָט — עס איז אַ לאַנגע געשיכטע...

רפאל האָט זיך דערשראָקען: ער האָט געמיינט, אַז מעהר וועט וויקער ניט דערצעהלען. ער האָט אָבער אַ טעות געהאַט. וויקער׳ן אַליין האָט זיך דיעזען מאָל געגלוסט צו דערצעהלען וועגען זיך מיט זיין פרוי. צוערשט האָט ער בלויז אַרויסגעלאָזען פון דיא ליפּען אָבגעזונדערטע באַמערקונגען. ער האָט אָבער בלויז געוואַרט, אַז רפאל זאָל איהם שטעלען אַ פּאָר פראַגען, און דאַן האָט ער אַלץ אָנגעהויבען פון אָנהויב און דערצעהלט כסדר:

— מיינע עלטערן זיינען געווען דיא רייכסטע און שעהנסטע בעל־הבתים אין שטאָדט, אָבער טאַקע דיא רייכסטע. נאַטירליך, קיין כרך וויא אַ וואַרשוי, אַן אדעס, אָדער אפילו אַ ווילנא איז דאָס ניט. אין אַזעלכע שטעדט זיינען דיא רייכסטע מענשען שוין היינט־וועלטיגע און פיהרען זיך אייראָפּעאיש. אָבער אין אַזאַ שטעדטעל וויא אונזערע איז דער הויפּט בעל־הבית געוועהנליך אַ פאַרצייטיגער איד. מיין טאַטע איז ניט געווען קיין גרויסער למדן, אָבער קיין עם הארץ איז ער אודאי ניט געווען. ער האָט געהאַט אַ גוטע קאָפּ און אין דיא יונגע יאהרען האט ער אַ סך געלערנט. ער איז אבער גלייך נאָך דער התונה אריין אין ביזנעס, און האט אַ גמרא געעפענט בלויז איין מאָל אין אַ האַלב יאהר אפשר. ער האט געהערשט וויא אַ קיסר אין שטעדטעל. גאַנץ איינפאַך: פיעלע מענשען זיינען געווען אַבהיינגיג אָן איהם: איינינע דירעקט, פשוט, ווייל זיי האבען ביי איהם געהאַט אַ שטעלע, אדער דורך זיין הילפע געהאַנדעלט, אַנדערע אינדירעקט, ווייל זיין וואָרט איז געווען וויא אַ געזעץ אין שטעדטעל און ער האט געקענט טהאָן פיעלע טובות אדער פיעלע רעות. מיט׳ן פולען זינען, אומישנע, האט ער אבער קיין רעה קיינעם ניט געטהאָן. ער האט עקספּלואַטירט מענשען, געמאַכט געלט אָן זיי, אפשר געשונדען דיא הויט און געצאַפּט דיא בלוט; אבער דאס אַלץ איז געווען ביזנעס, געשעפט, און דיעזער וואָרט איז דאָך אַזוי וויא אַ מין כשוף־וואָרט: ער פערטומעלט אַזוי דעם מוח, אַז מען זעהט קיין זאַך ניט אין איהר ריכטיגער פאַרב. הקיצור, ווען איהר וואָלט איהם געזאָגט, אַז ער בערויבט מענשען, וואָלט ער אייך אנגעקוקט וויא אַ משוגענעם.

— אבער אַזוי איז ער געווען אַ גוטער? — האָט רפאל געפּרעגט, און האָט גלייך חרטה געהאַט, וואָס ער פּערלייננערט ווייקער׳ס הקדמה; איהם האָט זיך געוואָלט וואָס שנעלער הערען דיא געשיכטע מיט זיין פריינד׳ס פרוי.

— אַ גוטער? אַ דיאַמענט! אַ מענש אָהן אַ גאַל איז דאָס געווען! און אין האַרצען — דער עהרליכסטער מענש פון דער וועלט. אבער דאָס האָט איהם ניט געשטערט צו זיין אַ שטיקעל „סאַ־מאָדור", וויא מען רופט דאָס אויף רוסיש, דאָס הייסט, ער האָט אַלץ געמוזט אויספיהרען, אַז ניט פלעגט ער אנגעבען מעשים. איהם ווידערשפּרעכען איז געווען געפעהרליך. זיין מאַכט האָט דאָס אין איהם ענטוויקעלט... וועלל, דיא שעהנסטע מיידעל ביי אונז אין שטעדטעל איז געווען דיא טאָכטער פון אַ מעקלעריל, אַ איד אַ שטיק צרה, אַ קבצן, אַ ניעדערגעשלאָגענער. זיא איז ווירקליך געווען שעהן וויא גאָלד. אַ גרויסע, זעהר שעהנע פיגור, גרויסע שוואַרצע אויגען, גרויסע, רענעלמעסיגע געזיכטס־ציגע, אַ געזיכט ווייס וויא שניי און פול מיט חן. אַ זאַנדערבאַרער מין חן — האָט ווייקער צוגעלייגט מיט אַ פאַרטראַכטען טאָן, אַזוי וויא, דערצעהלענדיג, וואָלט ער פון דאָס נייע זיך פאַראינטערעסירט אין דיא מיידעל׳ס פּנים און געפּרופט בעקלעהרען אין וואָס איהר צויבער האָט גע־שטעקט — אַ מין נייגעריגקייט האָט איהר געזיכט אויסגעדריקט, נייגעריגקייט און צו דערזעלבער צייט פוילקייט, עפּעס אַזוי וויא זיא וואָלט געווען אַ צובאַלעוועטע טאָכטער פון אַ מיליאָנער אדער איינע פון דיא בעליעבטע ווייבער אין דעם האַרעם פון אַ רייכען טערק.... יע, זיי איז געווען שעהן, מערקווירדיג שעהן....

ער איז אביסעל אנשוויגען געוואָרען. דערנאָך האָט ער ווייטער אנגעפאַנגען.

— נו, און אַזוי וויא מיין פאָטער איז צוגעוואָהנט געווען צו האָבען דאָס בעסטע פון אַלעם — דיא בעסטע דירה, דיא בעסטע „שטאָדט" אין שוהל, דעם שעהנסטען טלית, דעם שעהנסטען אתרוג, האָט ער זיך מישב געווען, אַז ער וויל דיא קראַסאַוויצע האָבען פאַר אַ שנור... מיר האָט ער ליעב געהאַט וויא דעם לעבען; אַלזאָ — ער וויל ניט אַנדערש אַז זיין זוהן זאָל האָבען דיעזע בעריהמטע שעהנהייט פאַר אַ פרוי. ער האָט נאַטירליך געמיינט מיין טובה,

אבער פאַר מיר איז פון דעם ארויסגעקומען אן אונגליק. אַנדערש האט ניט געקענט זיין...

ער איז אנשווייגען געוואָרען אויף א ווײלע, אזוי וויא ער וואָלט פּלוצלונג איבערראַשט געוואָרען פון א ווייטאָג, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט געלעגען אַ דערשטיקטער ביי איהם אין הארצען. דערנאָך האט ער צוריק אנגעפאַנגען, מיט א שטילערע שטימע וויא פריהער:

— קיין שעהנער בין איך קיין מאָל ניט געווען; דאַן אפשר נאָך וויניגער וויא איצט. ניט קיין פיגור, ניט קיין געזיכט, ניט קיין שטאָלצע מאַניערען... הקיצור, דיא מיידעל האָט מיר ניט געוואָלט. איהר פאָטער איז אָבער געווען א פארצווייפעלטער מענש און ער האָט איהר געשלאָגען...

— געשלאָגען? ! — האט רפאל איבערגעזאָגט מיט א טאָן פון פערוואונדערונג, וועלכער האט זיך אין אמת'ן ארויסגעריסען פון דעם טיעפען, עלעקטריזירענדען אינטערעס, וואס ער האט געהאט אין דער געשיכטע.

— אַזאַ ארימאַן, אן אביון האט דאָ א טשאַנס צו טהאָן א שדוך מיט אַזאַ פירסט וויא מיין טאַטע, וועט נאָך דיא מיידעל ניט וועלען! זיי האבען זיך דאס גאר ניט געקענט פאָרשטעלען, ניט איהרע עלטערן, ניט מיינע. דיא מיידעל האט געקלאגט, געוויינט; איהר מוטער האט וויינינגסטענס אויף איהרע טרעהרען רחמנות געהאַט, און דאַן פלעגט דער פאטער אנגעבען מעשים אויף איהר פאַר וואס זיא גיט דיא מיידעל נאָך.

— פון וואַנען האט איהר געוואוסט וואס דאָרטען טהוט זיך ביי זיי? — האט רפאל געפרעגט.

— פון וואַנען איך האב געוואוסט?

דיא שטעדטעל האָט געקאָכט מיט דיא סקאַנדאַלען וואָס ביי זיי זיינען פאָרגעקומען יערען טאָג. אַ הויז דעם: איז דען שווער צו פערשטעהן? אויף איהר געזיכט האב איך געזעהן, אז צו געהן צו דער הופּה מיט מיר איז איהר וויא אין קבר צו געהן. איך האב געזאָגט מיין מוטער, אַז איך וויל ניט, אבער זיא האט זיך אויסגעלאַכט פון מיר: „נאַרעלע, א נאָווינע אַז א מיידעל איז קאַפּריזנע פאַר דער חתונה“? האט זיא געזאָגט, „נישקשה“...

— און אייער פאטער?

— ער האט גאר ניט געזאָגט. ער איז געווען צו שטאָלץ אפילו צו ריידען וועגען דעם, דאס אַזאַ אביון׳ס א טאָכטער זאָל סמייען ניט וועלען זיין זוהן... אבער דאס וויכטיגסטע איז דאָ פיל־לייכט געווען דאס וואס איך אליין האב פראָטעסטירט געגען דעם שרוך נור מיט א האַלבע מויל. אין האַרצען בין איך אויסגעגאַנגען, אזוי האָב איך איהר געוואָלט. איך האָב מורא געהאַט איהר צו נעה־מען, ווייל זיא האט מיר פיינט געהאַט, איך האב אבער פיעל מעהר מורא געהאַט, טאמער ווערט אויס שדוך. א העלישער פייער פון פערליעבטקייט האט אין מיר זיך צוגליהט זינט מען האט וועגען מיר גענומען ריידען אַלס איהר התן. און וואס דייטליכער זיא האט ארויסגעוויזען איהר פיינדשאַפט צו מיר, אַלץ שטאַרקער האט זיך אין מיר צופלאַקערט מיין ליעבע צו איהר. ליעבע? עס איז אפשר ניט ריכטיג אַזאַ געפיהל אנצורופען מיט דיעזען נאמען. אפילו דיא ריינסטע ליעבע צווישען מענער און פרויען האט איי־גענטליך אַלס איהר פונדאַמענט ליידענשאַפט. פון לויטער רעכפעקט און גייסטיגען אינטערעס קען ארויסקומען א וואַרימע גייסטיגע צוגעבונדענקייט, אבער ניט יענע ליעבע, וועלכע טרייבט צו היי־ראַטהען, ניט יענע ליעבע, וועלכע דיא נאַטור האט בעשאַפען אַלס א מיטעל פאַרטצוזעטצען דעם געשלעכט, אלס א מיטעל, אַז דיא וואס לעבען היינט זאָלען נאָך זיך איבערלאָזען קינדער, וועלכע זאָלען נאָך זיך אויך איבערלאָזען קינדער, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.... ליעבע צווישען מענער און פרויען אָהן שום קער־פערליכע ליידענשאַפט איז אונמעגליך; דאס איז אַלזאָ אמת; אבער אַזאַ ליעבע, וואס בעשטעהט פון היילע ליידענשאַפט, אין וועלכע עס איז ניטאָ קיין ברעקעל רעספעקט, קיין שום גייסטיגע נאָהענטקייט פון איינעם צום אַנדערן — אַזאַ ליעבע איז אויך קיין מענשליכע ליעבע ניט. אמת׳ע ליעבע איז דיא, אין וועלכע עס עק־זיסטירען ביידע עלעמענטען, ווען מען האט א דאָפעלטען אינטע־רעס: אי מען געפעהלט מיט׳ן פנים, פיגור, מאַניערען, (אמאָל פער־ליעבט מען זיך בלויז אין א שטימע אָדער אין א געוויסען זאַרט חן׳דעלע), אי מען געפעהלט זיך אַלס א חבר. עס ציהט אי צו דעם גוף אי צו דער נשמה. עס קען אמאָל זיין, אז א מיאוסע פרוי בע־

צוּיבערט איך אַזוי מיט איהר כאַראַקטער, מיט איהרע פעהיגקייטען, אַז דורך דעם ווערט איהר פערליעבט אין איהר קערפּער אויך. וואָרים נאָך אַלעמען איז ניטאָ אויף דער וועלט אַזאַ פרוי וואָס זאָל קערפּערליך ניט האָבען קיין שום צוציהונגס־קראַפט אין זיך. איינע האָט רייכע האָר, אַן אַנדערע האָט אַ שעהנע פּאַכּאָדקע, אַ דריטע האָט אַ קלאָהר־ווייסע האַלז. נו, און אַזוי וויא איהר כאַראַקטער אָדער איהר שכל פעראינטערעסירט איך שטאַרק, ליעבט איהר זיך דורך דעם איין אין דיא האָר, אין דיא פּאָכּאָדקע, אין דיא האַלז...

— און פערקעהרט קען דען ניט זיין? — האָט רפאל גע־פרעגט אַ קשיא — פאַרוואָס ניט? מען ווערט אַזוי פאַרקאָכט אין דיא מיידעל'ס גוף, אַז מען זוכט שוין אין איהר אויס אַלערליי מעלות. עס דוכט זיך אויס, אַז זיא איז אַ בריה, אַ מלאך, עס איז צו איהר גאָר קיין גלייכען ניטאָ און אַ סוף אָן עק.

— דאָס איז גאַנץ ריכטיג — האָט וויקער צוגעגעבען, פער־טראַכטענדיג זיך איבּיסעל איבער רפאל'ס רייד — ריכטיגע ווער־טער... און ווען מיין כלה וואָלט צו מיר געוויעזען כאָטש אַביסעל פריינדליכקייט, וואָלט איך אפשר אין איהר געגומען זוכען גוטע מעלות, וויא איהר זאָגט. גוטע מעלות! עס ווילט זיך מיר לאַכען, ווען איך זאָג דיא ווערטער: זיא איז געווען אַ ליגנערקע, אַ נאַר, אַן עקשן אָהן שום טעם, אַ נאַשערקע, אַ מענש אָהן אַ פּיצעל כאַראַק־טער (עקשנות הייסט דאָך ניט כאַראַקטער) וועלל, ווען זיא וואָלט מיר געלאָזען איהר ליעבען, וויינינגסטענס (וועגען ליעבען מיר רייד איך שוין ניט), דאַן וואָלט איך שוין געזוכט מעלות... זיא האָט דאָס אָבער קיין מאָל ניט געטהאָן. זיא האָט מיר קיין טשאַנס ניט געגעבען צו ווערען איהר פריינד, איהר חבר. איך בין געווען ניט מעהר וויא דער קויפער און זיא דיא סחורה... ווען מען פלעגט אונז איבערלאָזען אַליין אין זאַל, כדי „חתן־כלה זאָלען זיך דורכריידען", פלעגט זיא זיצען אַ צוזאַמענגעקאָרטשעטע, אַ פאַרוואָלקענטע און שווייגענדיג פלעגט זיא לעקען דיא איינגעמאַכץ, און קייען דיא צוקער־לעקעכלאַך וואָס מען האָט געשטעלט אויפ'ן טיש פאַר אַלע געסט. און איך האָב ניט געסמייעט אפילו דיא אויגען אויפצוהויבען אויף איהר אַ קוק צו טהאָן. און מיין האַרץ פלעגט דאַמאַלס קלאַפּען אַזוי וויא מיט אַ האַמער פון שרעק און, איך וויים אַליין ניט פון

וואס נאָך. קען דאס זיין, אז אין אזא צושראָקענעם צושטאַנד האט נאָך אין מיר געצאַפּעלט זיך מיין ליידענשאַפט צו איהר? מיט מיינע אראָפּגעלאָזענע אויגען האב איך געזעהן איהר קלייד, איהרע שיך, איהר ווייסע הענט; מיט אַלע מיינע צושראָקענע גליעדער האב איך געפיהלט, אז לעבען מיר געפינט זיך איהר פיינע לייב, איהר זעלטען־שעהנע פיגור און געזיכט. איהרע רייצענדע ליפּען, באַקען, איהרע גרויסע לאַנגזאַם־בלאַנקענדע אויגען... איך פלעג באַזויפען ווערען... וויא א פערגליווערטער פלעג איך זיצען... קיין איינציגען וואָרט פלעגען מיר ניט אויסריידען... און ווען עס איז פאָריבער א פערטעל שטונדע און דיא מחותנים פלעגען צוריק אריינקומען, פלעגט מען מאַכען שפּאַס פון דיא שעהמעדיגע חתן־כלה, און הייסען אריינבריינגען נאָך איינגעמאַכץ, נאָך צוקער־לעקעכלעך.

ער איז וויעדער אַנשוויגען געוואָרען. רפאל האָט פראָכט געציטערט פון אונגעדולד צו הערען וואָס ווייטער איז געווען. ענדליך, ניט קענענדיג שוין מעהר אויסהאַלטען, האָט ער שעמעדיג געזאָגט:

— נו?

— נו, מיר האָבען חתונה געהאט — האָט וויקער געענט־פערט ניט ווילענדיג. ביסלעכווייז אָבער האָט ער זיך וויעדער צורעדט.

— נאָך דער חתונה איז א ביסעל אַנדערש געווען וויא פריהער. אַזוי וויא אַ פערצווייפעלטע האָט זיא אַנגעהויבען צו זוכען טרויסט, אַזוי וויא אַן ארעסטאַנט וואָס איז פאַראורטהיילט צום טוידט זוכט זיך פערגניגען אין טורמע... איהר טרויסט איז בעשטאַנען אין דיא קליידער וואָס זיא האָט זיך גענייט, אין קאָמאַנדעווען איבער דיא דיענסטען און אין נאַשען. הויפּטזעכליך אין פרעסען און נאַשען. וואָס פאַר געריכטען, מאכלים זיא פלעגט זיך דאָס אויסקלעהרען! אין בעט, איידער זיא פלעגט נאָך אויפ־שטעהן, פלעגט מען איהר שוין מוזען דערלאַנגען קאָטלעטען, אָדער בלינצעס, אָדער וויים איך וואָס. אַזוי וויא א בהמה האָט מען איהר געקאָרמעט, אַ בהמה, וואָס איהר גאַנצע ווערדע בע־שטעהט אין איהר לייב, אין איהר פלייש.

— צו דען האָט זיא זיך צו אייך ניט געקענט צוגעוואוינען?

— הא? צוגעוואוינען? טאַקע ניט מעהר וויא צוגעוואוינען זיך!... זיא האָט זיך צוגעוואוינט צו מיר, וויא דער ארעסטאַנט ווערט צוגעוואוינט צו זיינע קייטען... איך האָב געדורשט נאָך איהר ליעבע, און זיא האָט מיר געענטפערט מיט, מיט.... מיט איהר צוגעוואוינטקייט, דאָט'ס אָלל. זיא פלעגט שוין מעהר ניט פראָטעסטירען, זיא פלעגט שוין מעהר ניט פארוואָלקענט ווערען. אז איך פלעג איהר קושען, האלזען, דריקען צו זיך, פלעגט זיא מיר לאָזען; זיא איז שוין „צוגעוואוינט" געוואָרען צו דעם... אָבער אימער איז אפילו דאָס אויך ניט געווען. אָפט, ווען איך פלעג וועלען איהר א קוש טהאָן, פלעגט זיא מיר פון זיך אָבשטויסען מיט אזא האַס, אז דיא הארץ פלעגט ביי מיר פארגליווערט ווערען פון שאַנדע און עלענד... איך האָב געוואוסט, אז זיא איז א נאַר, א גולם, א ליגנערקע, אַן אונענטוויקעלטע, אז איך שטעה מיט צוואַנציג קעפּ העכער פאַר איהר; און דאָך האָט זיא מיר פון זיך געשטויסען, און איך בין געווען איהר שקלאַף... יאַ, איך בין געווען איהר שקלאַף, אָבער אין אמת'ן האָט דאָס געהייסען, אז איך בין בלויז דער שקלאַף פון איהר לייב. אין אמת'ן איז זיא מיין שקלאַפין געווען... זיא איז געצוואונגען געווען צו לעבען מיט מיר, כאָטש זיא האָט מיר געהאַסט, און איך האָב איהר נאָך אַלעמען דאָך געהאַט; און זיא האָט זיך געמוזט צו מיר צוגעוואוינען, ווייל זיא האָט קיין אנדער ברירה ניט געהאַט, און ווייל איך האָב איהר געקאָרמעט מיט קאָטלעטען און מיט נאַשעריי. מיין פאָטער האָט איהר געקויפט פאַר מיר ביי איהר פאָטער, פּונקט וויא דיא, וואָס האַנדלען מיט פרויען פאַר אונאַנשטענדיגע הייזער קויפען זיי איינער פון דעם אנדערן.

רפאל האָט זיך א נערוועזען דריי געטהאָן אויף זיין געלעגער. איהם איז ניט אנגענעהם געווען צו הערען וויא וויקער גיט אזא ביישפּיעל אויף זיין פרוי; אָבער וויקער האָט זיך גלייך אָבגערופען:

— איילט זיך ניט, ראַדעצקי. ווען איהר וועט הערען ווייטער, וועט איהר זעהן, אז דער משל איז גאַר ניט אזא שרעקליכער

וויא איהר מיינט. אָבער יעדענפאַלס איז דאָס ניט קיין איבער־טריבענער ביישפּיעל: וואָס דען הייסט עס, ווען א פרוי האסט א מאן און איז געצוואונגען צו לעבען מיט איהם, ווייל איהר פאָ־טער איז אן אָרימאַן און איז זיין פאָטער'ס אונטערטעניגער? וואָס דען הייסט עס, ווען מען שטאָפּט איהר ווייא א גאנז מיט אלערליי מאכלים, און דערפאר געוואוינט זיא זיך צו צו לעבען מיט דעם וואָס זיא האסט? איז דאָס ניט פראָסטיטוציאָן? וואו איז דיא נפקה מינא? בארעכענט גוט, וועט איהר זעהן, אז טויזענדער פון אונזערע „אנשטענדיגסטע" הייראטהען זיינען ניט מעהר און ניט ווענינער וויא פראָסטיטוציאָן. לאָמיר זעהן. וואָס בעדייט דיעזער וואָרט? ער גייט אויף א פרוי, וועלכע גיט איהר קערפּער פאַר געלט. נו, און וויא איז מיט אונזערע פארהייראטהע פאַר פּאָלק? זיינען זיי אלע פארליעבט איינע אין דעם אנדערן? ליידער ניט! ליידער זעהען מיר אויף טריט און שריט, אז מען הייראטה בלויז, ווייל עס לוינט זיך דער שדוך, ווייל זיא אָדער ער זיינען אָרים און דער אנדערער צד האָט א פּאָר דאָלאר. א שדוך איז געוועהנליך אזא מין מסחר, א ביזנעס אזעלכער. נו, הייסט דאָך דאָס ווידער אז מען גיט דעם קער־פּער פאר געלט — צו ער צו זיא, דאָס מאכט ניט אויס. אין אזא שטאָדט וויא פאריז געפינען זיך „קאוואלערען", וועלכע האנדלען מיט זיך פונקט אויף דעם זעלבען ארט וויא געפאלענע פרויען האנדלען מיט זיך... דיא אונטערשטע שורה איז, אז אין אזא וועלט וויא דיא היינטיגע, וואו אזעלכע מאסען מענשען זיינען פערשקלאפט עקאָנאָמיש, זיינען זיי אָפט אויך פאר־שקלאפט אין זייער פארהייראטהען לעבען. מען האָט חתונה ניט פון ליעבע, נור פון נויט, אָדער ווייל „עס לוינט זיך" דער שדוך... נאָך דער חתונה „געוואוינט מען זיך צו!". אָבער דיא גאנצע פרוי געוואוינט זיך דאָך אויך צו... אמת'ע מאָראל, אמת'ע ליעבע, און אזעלכע הייראטהען וואָס זיינען געגרינדעט בלויז אויף אזא ליעבע — דאָס אלעס וועט מעגליך ווערען ערשט דאן, ווען דיא וועלט וועט זיך פיהרען סאָציאליסטיש. דאן וועט קיינער ניט אָבהענגיג זיין עקאָנאָמיש, אלזאָ וועט מען הייראטהען ניט פון נויט אָדער ווייל „דער שדוך לוינט זיך". נור ווייל ער און

זיא וועלען זיך ליעבען קערפּערליך און גייסטיג... דאן וועט דער יעצטיגער האנדעל מיט מענשליכע קערפּערם ניט מעגליך זיין. דיא פּראָסטיטוציאָן וועט מען בלויז געדיינקען אלס איינע פון דיא עקעלהאפטע שאנד־פלעקען, מיט וועלכע דיא היינטיגע געזעלשאפט איז באדעקט... און דאָס גייט אויף ביידערליי פּראָסטיטוציאָנען: דיא אָפענע און דיא, וועלכע איז צוגעדעקט מיט דעם מאנטעל פון רעליגיאָן און געזעצליכקייט... היינט איז דער לעבען פול מיט ביידע זאָרטען... דיא געפאלענע פרויען פון יעדער גרויסער שטאָדט זיינען מייסטענס שעהנע. דאָס הייסט, אז א גרויסער פּראָצענט פון דיא שעהנסטע מיידלעך פון לאנד ווערט אָבגעגעבען צו א לעבען פון שאנד. אָבער דער פּראָצענט פון דיא שעהנע אָרימע פרויען וואָס פארקויפען זיך פאר געלט און וואָס דאָס רופט מען מיט דעם שעהנעם נאָמען „חתונה געהאט“, איז פיעל גרעסער. נאָך א זאך: דיא צאָהל פון מענער וואָס פיהרען אזא לעבען וויא דיא גאסען־פרויען איז קליין; וויא גרוים איז אָבער דיא צאָהל פון מענער וואָס הייראטהען מיט פרויען בלויז ווייל מען גיט זיי נדן? וואָס איז נדן, ווען קיין ליעבע איז ניטאָ? ניט געלט פאר דעם חתן׳ס לייב?... וועל, ביידע זאָרטען פּראָס־טיטוציאָן, דיא „אונאנשטענדיגע“ און דיא „אנשטענדיגע“, שטא־מען פון דיא היינטיגע עקאָנאָמישע שקלאפעריי. דער רייכער, דער וואָס האָט דעם אָרימאַן׳ס ברויט ביי זיך אין האנט, האָט ביי זיך אין האנט אויך דיא מאכט פון דער רעליגיאָן. פּונקט דאָס זעלבע איז מיט דיא שעהנהייט פון פרויען און מיט דיא מאָראל: אלץ געהערט צו דעם רייכען. ער ברויכט אלעס פאר זיין נוץ, פאר זיין פערגניגען. אפילו דיא היינטיגע מאָראל צו־טרעט ער אויך; ער ברייננגט טויזענדער, טויזענדער אנשטענ־דיגע פרויען צו א לעבען פון שאנדע. ענטוועדער ער קויפט זיי טאקע פאר זיך, אלס זיינע מעטרעסען, אָדער ער טרייבט זיי מיט דעם בייטש פון נויט אין דעם מאָראלען זומפּ אריין...

— צו דען מיינט איהר טאקע אז דיא אלע פּאסקודסטוועס געהען טאקע אראָפּ פון וועג פון נויט? — האָט רפאל געפרעגט — אסור זאָל מיר זיין אויב עס איז אזוי! אפשר איינע פון טויזענד... עס איז ניט מעהר וויא צולאָזענקייט, און דאָס׳ס אלל; אזוי

קומט אוים ביי מיין פראָסטען שכל. אז יעדע אָרימע מיידעל וואָלט אראָפּ פון וועג, וואָלט דאָך קיין איין אָרענטליך קינד אויף דער וועלט ניט געווען. אַן אָרענטליך קינד בלייבט אַן אָרענטליך קינד, און אַ פּאַסקודסטוואָ בלייבט אַ פּאַסקודסטוואָ, טפוי!...

— איך זאָג ניט אַז יעדע געפאַלענע פרוי קומט צו איהר פאַר־זונקענהייט דירעקט דורך איהר נויט — האָט וויקער געענטפערט. — געוועהנליך פּאַסירט דאָס מסתמא אזוי: דער טאַטע איז אָרים; פון אָרימקייט שכור'ט ער, אָדער ער קריגט זיך מיט דער ווייב; אין שטוב איז אַ גיהנום. אויף'ן פאַבריק ווערט איהר מיאוס די אַרבייט, די שקלאַפעריי. עס איז ניטאָ קיין אָפּרוה; ניט קיין טאָג, ניט קיין נאַכט. דער לעבען ווערט מיאוס. אָט אין אַזאַ גייסטיגען צושטאַנד געפינען זיך טויזענדער, טויזענדער אַר־בייטער מיידלעך. דאָס גיט איהר דאָך צו?

רפאל האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און אויסגעשריען:

— איצטער פאַרשטעה איך שוין וואָס איהר מיינט! אויב אזוי, האָט איהר שוין רעכט, אַזאַ יאָהר זאָל מיר זיין...

— ווען אַזאַ מיידעל האָט כאַראַקטער, און זיא פאַלט ניט אריין אין קיין שלעכטע קאָמפּאַניע, ליידט זיא און שטייט אַלץ אויס, און בלייבט פאַרט אַנשטענדיג. ווען זיא איז אָבער אַ לייכטזיניגע, אָדער זיא קומט זיך צונויף מיט אונאַנשטענדיגע באָים אָדער חבר'טעס, הויבט איהר אָן צו ציהען זיך צו בעפרייען פון איהר לאַסט. זיא שפּרינגט פון דער סקאָוואָראָדע אין פייער אריין, וויא די אַמעריקאַנער זאָגען, אָבער וואָס ווייטער וועט זיין טראַכט זיא ניט... אַ מאָל האָב איך נאָכגעקוקט אַזאַ סצענע: אַן אונאַנשטענדיגע מיידעל איז געשטאַנען אויף'ן גאַס מיט אַ יונגען מאַן. זיא איז געווען אויסגעפּוצט אין העלע, פלאַמענדע קאָלירען; אַ העט האָט זיא געטראָגען גרויס וויא אַ שיף; דער פּנים איז ביי איהר געווען געפאַרבט און דיא אויגען האָבען געקוקט מיט צולאָזענקייט און שמוץ, מיט הפקר און מיט חוצפה. אויף'ן סיידוואָק, ביי דער טיר פון אַ הויז, איז געשטאַנען אַן אַנ־שטענדיגע אַרבייטס־מיידעל, אַ בלאַסע, אין אַ צרה'דיגען אַלטען דזשעקעט, אין אַ ביליגע העט. זיא איז געשטאַנען און געקוקט אויף יענע, און... וועלל, עס קען זיין אַז איך האָב אַ טעות

געהאט, אָבער מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיא קוקט אויף איהר מיט קנאה. מיין געדאַנקען האָט פאַר מיר געמאָלען, וויא זיא שטעלט זיך פאָר א וועלט פון לוסט און שפּאַס, פון א פרייען דאָלאַר אין פּאַקעט, און א לעבען פריי פון פּראַצע, פון צוואַנג, פון צרות; מיין געדאַנקען האָט פאַר מיר געמאָלען וויא זיא פערגלייכט דיעזען לעבען מיט איהר אייגענעם, און וויא דורך איהר מוח פליהט דורך א פראַגע: „וויא וואָלט געווען אַז איך וואָלט אויך?“... אַט אויף דיעזען אַרט קומען טויזענדער מיידלעך צו זייער אונגליק. זאָגט דעם פרומען, בכבוד'ען, שטרענג־אַנשטענדיגען פאַבריקאַנט, א ער טרייבט אָרענטליכע מיידלעך צו ווערען פּראָסטיטוטקעס, וועט ער אויף אייך אָנגעבען אין קאָורט; עס איז אָבער פּאָרט אַזוי... פיעלע מיידלעך קומען צו דעם זומפּ דורך דעם, וואָס זיי מאַכען א פאַלשען שריט נאָך איידער זיי וואַרפען אָפּ אַוועק זייער אַנשטענדיגקייט. פון דעם ערשטען שריט צום צווייטען איז זעהר נאָהענט; און אַזוי וויא אַרום און אַרום זעהט זיא פאַר זיך וויא טויזענדער פרויען לעבען אין א זומפּ און בלישצען פון דאָרטען אַרויס מיט זייערע דימענטען, געפּאַרבטע פּנים'ער, רייכע העטס — ציהט דאָס איהר ביסלעכווייז אויך אַריין אַהין. מיט מיין פרוי איז אַזוי געווען...

רפאל האָט אין דער פינסטער אויסגעשטעלט אויף איהם דיא אויגען.

— אייער פרוי? — האָט ער געפרעגט מיט א דערשראָקענעם קול.

— יע, מיין פריינד, יע, מיין ליעבער גענאָסע ראַדעצקי; מיין פרוי... אָנגעפאַנגען! האָט זיך דיא טראַגעדיע אייגענטליך נאָך אין דער היים. און דיא אורזאַכע פון אַלע אורזאַכען איז געווען אונזער אונגליקליכע הייראַטה. דעם ערשטען שריט באַרג־אַראָפּ־צו, צו דעם זומפּ צו, האָט זיא געמאַכט ווען זיא איז געוואָרען מיין פרוי, דיא פרוי פון דעם, וועלכער האָט איהר געעקעלט... יע, יע, געעקעלט האָב איך איהר. פאַר וואָס זאָל איך זיך שעהמען צו זאָגען דעם אמת? וואָס איז? עס איז א שאַנדע פאַר מיר, וואָס מיין פּנים, מיין לייב איז ניט געפעלען

געוואָרען אַ ווילדער טהיר? — האָט ער פּלוצלונג געגומען רײדען מיט גיפט. — ווען זיא וואָלט געשטאַנען העכער פאַר מיר אַלס מענש, און איך וואָלט איהר דאַן ניט געפעלען מיט מיין כאַראַק־טער, מיט מיין ענטוויקלונג, מיט מיין פערשטאַנד — דאָס וואָלט אפשר געווען אַ שאַנדע פאַר מיר; אַזוי אָבער... איך קוק אויף דיא געשיכטע גאַנץ קאַלט־בלוטיג, אַזוי וויא אַ נאַטור־פאָרשער קוקט אויף דיא ווערים וועלכע ער שטודירט...

רפאל האָט באַמערקט, אַז דעם וואָרט „ווערים" האָט ער ווידער אויסגערעדט מיט האַס און מיט גיפט. ער האָט געפיהלט, אַז זיין פריינד איז נעבעך גאָר ניט גלייכגילטיג צו דעם וואָס ער דערצעהלט, און זיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט מיטלייד אויף איהם.

— וועלל, אַלץ איז צווישען אונז נאָך געווען נישקשה. זיא האָט זיך צוגעוואוינט צו מיר, און איך האָב זיך צוגעוואוינט צו איהר דערשטיקטען האַס צו מיר — אַבי זיא איז פאָרט געווען מיין ווייב. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז זיא איז מיר דיא גאַנצע צייט ניט טריי געווען. אָבער דאַן האָב איך פון דעם קיין בעגריף ניט געהאַט. און אַזוי האָבען מיר געלעבט וויא טויזענדער אַזעלכע פאַמיליען לעבען, ביז... עס האָט זיך אונטער־געדרייט אַ געוויסער צופאַל. מיר זיינען געפאָהרען אויף אַ חתונה אין אַ שטעדטעל אַ מייל צוועלף פון אונז, און עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איך בין דאַן געווען אין וועג צוליעב ביזנעס, און איך בין אויף דער חתונה געקומען פון אַן אַנדער זייט, וועהרענד זיא איז געפאָהרען צוזאַמען מיט דריי יונגע לייט, צוויי ברידער און אַ קאָזין, פון אונזער שטעדטעל. ווען איך האָב דער־זעהען וויא זיא קומט צופאָהרען אין דיא זעלבע בויד מיט זיי, האָט מיר אָנגעפאַנגען צו קלאַפּען דאָס האַרץ... זיי זיינען געווען בעל־הבית'ישע קינדער, און ניט קיין גראָבע יונגען. אָבער איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס פאַר אַ חברה דאָס זיינען. ביידע ברידער פלעגען אַנטהייל נעהמען אין דיא זעלבע הולטייסטוואָס צוזאַמען...

רפאל האָט דעם אָטהעם פאַרכאַפּט פון עקעל.

הקיצור, ווען איך האָב זיי דערזעהן אָנקומענדיג מיט איהר

אין בויד, בין איך אזוי בלאס געוואָרען, אז איך האָב קוים גע־קענט מאַכען דיא צערעמאָניע און בעגריסען זיך מיט איהר און מיט זיי. און זיי, פון זייער זייט, זיינען אויך בלאס געוואָרען, וועהרענד מיין פרוי האָט אראָפּגעלאָזען דיא אויגען — אזוי ווע־ניגסטענס האָט זיך מיר געדוכט... אויף דער חתונה האָט זיא זיי אין גאַנצען אויסגעמיידט און זיי איהר; אָבער דאָס האָט מיר נאָך מעהר בעוויעזען, אז מיין חשד איז ניט קיין פּוסטער, הגם דאָס אַלעס פּאַר זיך איז נאָך אויך נאַטירליך קיין בעווייז ניט געווען. איך האָב אָבער לאַנג מיט דעם היילען חשד אָבּ־קומען ניט בעדאַרפט. איינע פון דיא אַנדערע געסט, אַן אַלטע אידענע, האָט דורך אַ צופאַל איהר געפונען מיט איינעם פון דיא צוויי ברידער...

ער איז ווידער אַנשוויגען געוואָרען. לאַנג איז ער אזוי געלעגען, און רפאל האָט ניט געסמייעט איהם צו פרעגען וואָס ווייטער איז געווען. ענדליך האָט ער אַליין פאָרטגעזעצט:

— פאַר מיר האָט מען דיא געשיכטע געוואָלט פארבאָרגען. ביי ווייבער זיינען אָבער קיין סודות ניטאָ. איך האָב זיך דערוואוסט פון אַלעס — פון דיעזע דריי יונגע חברה און פון אַנדערע, מיט וועלכע זיא האָט געלעבט אַ גוטען טאָג, ווען איך פלעג אַוועק־פאָהרען. וואָס איך האָב דאַן איבערגעלעבט, וואָלט איך אייך ניט געקענט שילדרען, ווען איך זאָל אַפילו וועלען... מיין פאָטער האָט געקאָכט און געשריען וויא אַ בייזער לייב. און וועמען האָט ער באַשולדיגט? מיר! פאַר וואָס בין איך געווען אזאַ גולם און האָב ניט אַכטונג געגעבען!... ווער, אָבער פונקט וויא ער האָט אונז איבער־גוואַלט חתונה געמאַכט, אזוי האָט ער אונז איצט איבער־גוואַלט גע'גט. איהר וואונדערט זיך פאַר וואָס איך זאָג „איבער־גוואַלט“? עס איז אָבער פאָרט געווען איבער־גוואַלט. זיא, מיין פרוי, האָט מיט טרעהרען זיך געבעטען ביי מיר, איך זאָל איהר מוחל זיין, און איך האָב איהר מוחל געווען. צוערשט האָט זיא אַלץ געלייקענט, געשוואָרען זיך מיט טויטע קללות, אז אַלץ איז אַ בלבול; אָבער ווען איך בין צו איהר צוגעשטאַנען מיט דיא אַלע בעווייזע, האָט זיא זיך נאָך שטאַר־

קער צו־וויינט, האָט אָנגעפאַנגען צו שילטען יענע יונגע לייט און בעטען זיך אַז איך זאָל איהר געבען אַ טשאַנס צו ווייזען וויא טרײַ זיא וועט מיר איצט זיין. זיא האָט מיר גענומען האַלזען און קושען — דאָס ערשטע מאָל אין אונזער פאַרהייראַטהען לעבען האָט זיא מיר געקושט פון זיך אַליין. אַזוי פלעג איך זיך קוים ביי איהר איינבעטען, זיא זאָל מיר אַ קוש טהאָן; אַ מאָל זאָגאר איהר מוזען צוזאָגען עפּעס דערפאַר — ציערונג אָדער געלט, פונקט וויא מען טהוט מיט אַ גאַסען־פרוי... און אַז זיא פלעגט צוליי'גען איהרע געשמאַקע ליפּען צו מיין באַק, פלעגט דאָס צוברענען אַ טייוועל פון ליידענשאַפטליכע דורשט אין מיר... דורשט און ביינקעניש נאָך איהר ליעבע, נאָך איהר אויפמערק־זאַמקייט צו מיר.... אַה, וויא אונגליקליך איך בין געווען!.... וועלל, זיא האָט מיר גענומען קושען און האַלזען און בעטען זיך ביי מיר, און איך בין אַזוי צוקראָכען געוואָרען פון דעם, אַז איך האָב איהר פערצייהעט. אָבער ווען מיין פאַטער האָט זיך דער־וואוסט, אַז איך בין ביי איהר געווען (זיא האָט דאַן געוואוינט ביי איהר פאָטער און האָט ביי אונז אויף'ן שוועל זיך ניט געטאָרט ווייזען), האָט ער געמאַכט גוואַלטען און האָט צוגעאיילט דעם גט. ער האָט איהר געגעבען עטליכע הונדערט רובעל, אָבער מיט דעם תנאי, אַז זיא זאָל אַוועקפאָהרען אין אַמעריקאַ. און זיא האָט אַזוי געמוזט טהאָן. זיא האָט קיין ברירה ניט געהאַט. יעדענ־פאַלס האָט איהר פאָטער איהר געצוואונגען דערצו. וועלל, וואָס דאָ איז געווען מיט איהר דיא ערשטע צייט ווייס איך בלויז אין אַלגעמיין, אָהן איינצעלהייטען. דיא פּאָר דאָלאַר וואָס זיא האָט מיטגעבראַכט (מעהר וויא העלפט האָט איהר פאָטער ביי איהר צוגענומען, און אַ היבשע מטבעה האָט דאָך געקאָסט דיא רייזע), האָט מען דאָ ביי איהר אויסגענאַרט אויף אַ ביזנעס, און זיא האָט צוריק ניט געזעהן קיין איין סענט. הקיצור, זיא האָט געמוזט גיין אַרבייטען. וועלל, דיא לאַנדסלייט, וועלכע האָבען געוואוסט פון איהר פערגאַנגענהייט, האָבען דאָ דיא געשיכטע דערציילט, און וואו זיא האָט זיך נאָר אַ קעהר געגעבען, האָבען מענער אויף איהר געוואָרפען זשעדנע אויגען, וויא אויף אַ פרוי „מיט אַ לייכטע מאָראַל". וואו זיא איז נאָר איינגעשטאַנען, האָבען דיא באָרדערס

אָרער דער באָס אַליין געזוכט מיט איהר צו האָבען אינטימע בעקאַנטשאַפט. דאָס זעלבע איז געוועזען אין דיא שפּעטער. אזא שעהנהייט וואָלט זיי אַלעמען אין בעסטען פאַל אינטערעסירט; א פשיטא שוין, ווען מען הערט אַז זיא איז אַזעלכע... אין איין שאַפּ האָט זיך צו איהר צוגעלאָזען דער באָס. ער האָט איהר געפיהרט אין קעררידזשעס, געמאַכט פּרעזענטען... וויא אַזוי פון דיעזען שטאַפּעל איז זיא אַראָפּ אויף דעם נעכסטען און פון יענעם נאָך נידעריגער, דאס ווייס איך ניט. ווען איך בין אהער געקומען (נאָך מיין פאָטער'ס טויט), האָט מען מיר געגעבען אָנצוהערעניס, אַז זיא געפינט זיך שוין טיעף, טיעף אין זומפּ... איך האָב יענע נאַכט, ליגענדיג אויף מיין ערשטען אמעריקאַנער לאַנדזש, געוויינט וויא א קינד. איך האָב איהר נאָך אַלץ געליעבט... מיט דיא זעלבע קערפּערליכע טהיערישע ליעבע וויא פריהער, אָבער דאָך געליעבט... פאַרגעסט ניט, אַז צו מיין אַלטע טהיערישע ליעבע איז איצט צוגעגעבען געוואָרען א געפיהל פון געוויסענס־ביסע. ווען זיא וואָלט ניט חתונה געהאַט מיט א מאַן, וועלכען זיא האָט אַזוי געהאַסט, וואָלט זיא צום זומפּ ניט געקומען.

— אזא פּאַסקודסטווא! צוברענט און צובראַנדעוועט זאָל זיא ווערען, דיא כאָלעריע! זיא סמייעט נאָך פיינט צו האָבען אַן אַנשטענדיגען מענשען! — האָט רפאל אויסגעשריהען, טרייסלענדיג זיך פון אויפגעבראַכטקייט.

— איהר רעדט וויא א קינד, ראַדעצקי! זיא איז טאַקע ניט ווערטה מיין פאַרעשוואַ; אָבער דיא נאַטור ווייסט ניט פון קיין אונטערשיעדען אין כאַראַקטער, פערשטאַנד, בילדונג. ביי דער נאַטור איז זיא געוועזען א געראָטענע נקבה, א פאַרשוין, און איך — א פּערזעהענעס, א שטיק בראָך. און וויסענדיג גאַנץ גוט וואָס פאַר א מאַכט איהר שעהנהייט קען האָבען איבער מענער, וואָס פאַר א שעהנע יונגען זיא וואָלט געקענט האָבען, האָט זיא אויף זיך געקוקט וויא אויף אַן אָפּפער; וויא זיא פלעגט א בליק טהאָן אויף מיר, און זיך דערמאָנען, אַז זיא, דיא גלענצענדע קראַסאַוויצע, מוז לעבען מיט אזא מיאוסקייט, פלעגט זיא, נאַטירליך, פולל ווערען מיט עקעל צו מיר און מיט פערצווייפלונג וועגען איהר שיקזאַל. אַלזאָ האָט איהר געצויגען צו אַנדערע, צו שעהנערע,

צו דיא, וועלכע איהר האָט געקומט פון דער נאַטור און צו וועלכע מען האָט איהר ניט צוגעלאָזען. דאָס אַלץ איז, דאַכט זיך, אַזוי נאַטירליך.... אַלזאָ, ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ צופאַל, איז זיא געפאַלען. וואָס קען זיין נאַטירליכער? ווען ניט איך וואָלט געוועזן איהר מאַן, איבערגוואַלט, דורך צוואַנג, דורך דעם וואָס מען האָט איהר פּראָסט מיט געשלעג גענויט דערצו, ווען איהר־מאַן וואָלט געוועזן אַזעלכער, וועלכען זיא וואָלט געליעבט, וואָלט זיא צו קיין אַנדערע ניט געצויגען, וואָלט זיא צו דעם זומפּ ניט געקומען. דאָס איז וואַהרשיינליך... טרעפען קען אַלעס, אפילו מיט פרויען וואָס ליעבען זייערע מענער; אָבער דאָס איז שוין ניט אַזאַ נאַטירליכע זאַך, וויא דאָס וואָס האָט געטראָפען מיט מיינע אונטער אונזערע אומשטענדען....

— האָט איהר איהר דאָ קיין מאָל ניט געזעהען?

— צוואַנציג מאָל.... דיא ערשטע עטליכע וואָכען האָב איך וועגען קיין אַנדער זאַך ניט געקענט קלעהרען. נאָכפרעגען האָב איך זיך געשעהמט; האָב איך שטענדיג ארומגעבלאָנדזשעט איבער דיא גאַסען, וואו דיעזע זאָרט פרויען דרייהען זיך ארום, ביז איין מאָל האָב איך איהר דערזעהן. איך בין צו איהר צוגעלאָפען מיט אַ קלאַפּענדע הארץ. זיא האָט מיר אָבער געלייקענט אין דיא אויגען, אַז זיא קען מיר. צוערשט האָט זיא זיך אַ כאַפּ געטהאָן, אַן איבערראשטע, אַ דערשראָקענע; אָבער גלייך האָט זיא זיך אויסגעגלייכט, צו מיר געזאָגט עפּעס אויף ענגליש, און איז אַוועק, אַזוי וויא איך וואָלט דאָ אַ טעות געהאַט.... אַ צווייטען מאָל האָט זיא מיר אָבער אַליין אָבגעשטעלט.... זיא האָט מיט מיר גערעדט מיט זעהר צוריק־געהאַלטענע ווערטער, געפרעגט וואָס איך טהו דאָ, וועגען מיין פאָטער, וועגען איהר פאָטער.... און ווען איך האָב, צושאָקלענדיג טרויעריג מיט׳ן קאָפּ, געפרעגט: „און דוא?“ האָט זיא געמאַכט אַ קאַלטען פּנים און געענטפערט, אַז זיא האָט אַ שטעלע אין אַ סטאָר, און האָט זיך באַלד געזעגנט מיט מיר. אַ דריטען מאָל האָב איך איהר בעגעגענט אַ שיכור׳ע, מיט אַ צו־פלאָמטען פּנים, מיט צו־וואָרפענע האָר. זיא איז געגאַנגען מיט נאָך צוויי אַזעלכע וויא זיא, און ווען זיא האָט מיר דערזעהן, האָט זיא מיר געכאַפּט אונטער׳ן אָרים און אויסגעשריען צו יענע

מיט אַ שיכור'ען געלעכטער: „דאָס איז דאָך מיין מאַן! קומט אַלע, איך וועל שטעלען ווײַן! כאַ־כאַ! איך האָב דאָך געפונען מיין מאַן, כאַ־כאַ!" זיא דאַט פאַר מיר גענומען פאַרשטעלען יענע פרויען מיט דיא נעמען; איך האב זיך קוים ארויסגעריסען פון איהר. פון יעמאָלט אָן, אַז איך דערזעה איהר, פערקערעווע איך זיך אין אַן אַנדער סטריט..... אָבער... איהר וועט מיר גלויבען, אין הארצען איז מיר פוסט... עס ציהט מיר אידר צו זעהען..... איך ביינק נאָך איהר.... אַ מאָל מיין איך, אַז דיא נשמה וועט מיר אפשר אויסגעהן... איך טרייסט זיך, אַז דאס איז בלויז מיין געוויסענסביסע, ווייל איך בין דיא אורזאכע פון איהר פאללען.... איך וויים, אפשר טאָקע דאס, אָדער הויפּטזעכליך דאס... הלואי... אָבער וועלל, גענוג צו ריידען, כאַטש אויף אַ פּאָר שטונ־דען אַ שלאָף טאָן. עס איז שוין אַזוי ליכטיג....

מיט דיעזע ווערטער האָט ער זיך אומגעקעהרט צום וואַנט.

דיא רויהע שיין פון דעם נור־וואָס געבאָרענעם פריה־מאָרגען האָט בלאָס בעלויכטען וויקער'ס קאָפּ מיט זיין דאַרע האַלז.

רפאל איז געבליבען ליגען מיט אָפענע אויגען. וועגען אַנ־שלאָפען ווערען איז ביי איהם קיין רייד ניט געווען. ער האָט אָבער געקענט זעהן, אַז וויקער שלאָפט אויך ניט, — אַז ער וויל בלויז זיין מיט זיינע אייגענע גערדאנקען.....

„אַי, איך וואָלט איהם דאַכט זיך איצט צוקושט דיא גליעדער", האָט ער זיך געקלעהרט, קוקענדיג אויף זיין פריינד'ס פּלייצע מיט דעם ווינקעל פון זיין אויג, און פיהלענדיג וויא אַ כוואַליע פון מיטלייד און ליעבע צוגיסט זיך ביי איהם אין הארצען.

ע נ ד ע.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 139

1

# RAPHAEL NAARIZOCH

(A STORY)

BY

A. CAHAN

PRICE 25 CENTS

Published by the
FORWARD ASSOCIATION
1917